STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08067

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירושלימער אַלמאַנאַך

ירושלימער

אַלמאַנאַך

12

1981

ייִדישע שרײַבער־גרופּע אין ירושלים

פֿאַרלאַג „אײגנס"

JERUSHALAIMER ALMANACH
YIDDISH WRITERS GROUP
IN JERUSALEM

רעדאַקטאָר: **יוסף קערלער**

מיטרעדאַקטאָרן: **דוד ספּאַרד, אפֿרים שעדלעצקי**

רעדאַקציע־סעקרעטאַר: **מאיר חרץ**

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון הסוכנות היהודית בא"י
און ירושלימער שטאָט־פּאַרוואַלטונג (קולטור־דעפּאַרטאַמענט)

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1981

בדפוס צור־אות, ירושלים

אינהאַלט:

קיום

מנחם סטעמפּל / אַ גוט מאָרגן, ליבער גאָט 7
הערש סמאָליאַר / דאָס ווערק פון שוואַרצן געכטן אויף היַינט און לדורות 9
פון שוואַרצן בוך / בראַילאָוו. קאַפּיטאַן י. העכטמאַן 16
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק / אָנהייב פון זיַין (לידער) 28
יהושע אורבאַס / מיַין טאַטע (פראַגמענט פון אַ ראָמאַן) 32
מאיר חרץ / קלאָרקיַיט (לידער) 42
לייב קורלאַנד / אַ קעמל ביים כינרת 46
זיאַמע טעלעסין / ניַיע לידער 50
יוסף אַקרוטני / אַ מעשה מיט אַ הינטל 55
שלמה רויטמאַן / ליד פון מאה שערים 65
צבי אייזנמאַן / וועגן אַ מאָלער, אַ זייגערמאַכער און אַ זאַק 68
דוד ספּאַרד / טראַפּנס (לידער) 71
יוסף אורמאַן / צבי פּרייגערזאָן ז״ל 74
צבי פּרייגערזאָן (א. צפוני) / אַ געשיכטע פונעם בוכהאַלטער שאַפּיראָ 78
יוסף קערלער / עפּיגראַמאַטיש 83
יאָסל לערנער / מעשהלעך מיט אַ גוטן מיין 87
מאיר זימל טקאַטש / אַ תפילה במקום אַ הקדמה, בוזים־פריַינד (לידער) 90
יאַנקל גוטקאָוויטש / די דרויסיקע אַמעריקע (פאַרזעצונג) 93
עליע ווערבלון / שיַין און שאָטן (לידער) 100

פאַרקריצט אין זכרון

אַ. שעדלעצקי / וועגן צוויי וואָס זענען פון אונדז אַוועק אין איין יאָר 103
רחל בוימוואָל / מיַין מאַמעס גאַרטל (פּאָעמע) 108
אסתר ראָזענטאַל־שניַידערמאַן / איַינגעליבטקייט (פון בוך ״ביראָבידזשאַן״) 111
מאָטל סאַקציער / מע לייענט די ״פּראַוודאַ״ אין באַראַק (פון די לאַגער־לידער) 120
סאַמי פעדער / דער נס 124
משה שטיינגאַרט / קלאַנג און אָפּקלאַנג (לידער) 132
יעקוב גוטפריַינד / יידישער ווידערשטאַנד אין בעלגיע 134
נחמן ראַפּפּ / אויפן אַכטן שטאָק (שפּיטאָל־לידער) 137
מאיר שאַליט / וועגן ש. אַנ־סקי (זכרונות) 140

אַ פּאָר שורות וועגן אהרן מערכער ז״ל / פון שמשון ליוועראַנט 144
מ. חסיד / אליהוס פּײַערדיקער וואָגן (לידער) 145

פון יידישן סאַמיזדאַט

אַ ביסל אינפאָרמאַציע 147
אַן קאָמענטאַרן 148
דער יידישער סאַמיזדאַט וועגן ראָמאַן פון א. ריבאַקאָוו ״שווערער זאַמד״ 152
פון איבערזעצער 155
אַרעסטירט ד״ר בראַילאָווסקי — רעדאַקטאָר פון ״יידישן סאַמיזדאַט״ 156

שרייבער און ווערק

חיים גראַדע / ירושלים (פראַגמענט) 157
נחמן ראַפּפּ / צו די הייכן פון אַ נאַציאָנאַלן משורר 158
באַגריסונג פאַר חיים גראַדע פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ 160
ישורון קשת / בנימין שלעווין 161
משה זאַלצמאַן / וועגן (לידער) 170
אַ. פּאַדאַליער / רעצענזיעס און פּאָלעמישע באַמערקונגען 173
מאיר חרץ / אַפּרופּן 186
וועגן רחל בוימוואָל (אַ בריוו פון וואַרשע) 196
רחל בוימוואָל — 50 יאָר דיכטונג (באַגריסונג פון רעדאַקציע) 199
יוסף ראָגעל / ״ישראל-קינסטלער״ פון גבריאל ווײַסמאַן 200
חיים מאַלטינסקי / קורצע לידער 202
מ. אײַזענבוד / טשאַרלס אײַזען 204

בריוו אין רעדאַקציע 206

ענטפער פון רעדאַקציע 208

וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור (פּרעסע-קאָמוניקאַט) 209

צו הילף דעם ירושלימער אַלמאַנאַך 211

אין איצטיקן נומער קומען אויך אַרײַן : יידיש-ידיעות און ביאָביבליאָגראַפישע נאָטיצן.

קינס

מנחם סטעמפל

אַ גוט מאָרגן, ליבער גאָט

אַ גוט מאָרגן, ליבער גאָט,
אַ דאַנק פֿאַר דער שיינער וועלט
וואָס האָסט באַשאַפֿן —
האָסט באַשאַפֿן מיליאָנען מענטשן
יעדער מענטש — אַן אַנדער פּנים —
האָסט באַשאַפֿן מיליאָנען באַשעפֿענישן
יעדעס באַשעפֿעניש — אַן אַנדער פּנים —
האָסט באַשאַפֿן מיליאָנען שאָטן-ביימער,
מיליאָנען פֿרוכטן-ביימער
יעדער בוים האָט אַן אַנדער פּנים —
אַזוי ווי מירביידע וווינען אין ירושלים
וועל איך פֿאַר טאָג
גיין צו דיין פֿענצטער און זאָגן :
אַ גוט מאָרגן, ליבער גאָט,
אַ דאַנק פֿאַר דער שיינער וועלט
וואָס דו האָסט באַשאַפֿן.

מיינע אַרבעטס-כלים

שבת שבתין איז הײַנט ביי מיר אין שטוב
עס רוען מיט מיר מײַנע אַרבעטס-כלים,
איך האָב אַ האַמער, אַ האַק, אַ הובל און אַ זעג,

איך בין נישט אַליין אין לעבן.
די זעג געשאַרפֿט און גלאַנציק די האַק —
נעם איך אויף דאַרשטיקע אַקסלען די זעג.
ווינקל, האַמער, האַק אין דער האַנט,
פֿלאַמט אויף מײַן בלוט און ס׳ווערן לעבעדיק כלים
שפּילן זיי אין דער אַרבעט ווי פֿידלען אין קלעזמערס האַנט —
מײַן אַרבעטס-כלי איז מײַן כלי-זין,
מיט איר בין איך שטאַרק און פֿרײַ
מענטש פֿאַרברודערט זיך מיט מענטש
ווען די אַרבעטס-כלי ליגט אין מיטן.
וואָס וואָלט איך געווען אין דער וועלט
אָן מײַנע אַרבעטס-כלים ?
עלנט און פֿאַרלאָזן ווי אַ בלינדער
ביי אַן אויסגעלאָשענעם קנויט —
מיטאָג-צײַט ליגן מײַנע אַרבעטס-כלים מיט מיר
פֿרייען זיך מיט מײַן פֿרייד,
די זון גלעט און וואַרעמט
ס׳איז אַזוי גוט צו זײַן אַ מענטש.

י י ד י ש - י ד י ע ו ת

אַ יוגנט-גרופּע פֿאַר יידיש אָרגאַניזירט זיך אין תל-אביב

ביים „אַרבעטער־רינג״ אין תל־אביב האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע יוגנטלעכע, צווישן זיי סטודענטן און אַקאַדעמיקער, וואָס ביי זיי האָט זיך דעוועקט דער אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך און קולטור. דער ציל פון דער גרופּע איז דערלערנען און פאַרטיפן זייער וויסן וועגן יידיש, יידישער פאָלקלאָר־געשיכטע, ליטעראַטור און קולטור־שאַפונג. די גרופּע האָט שוין אָפּגעהאַלטן עטלעכע וועכנטלעכע באַגעגענישן.

הערש סמאָליאַר

דאָס ווערק וועגן שוואַרצן נעכטן — אויף היינט און לדורות

(צום דערשײַנען פֿון "שוואַרצן בוך")*

געוויינלעך איז עס אַזוי: בעת אַ באַגעגעניש נאָך אַ לאַנגדויערנדיקער צעשיידונג קערט מען זיך אום צו די פֿאַרגאַנגענע יאָרן און טעג, צו די דעמאָלטיקע געשעענישן און איבערלעבונגען. בעת מעשה קומט אויף מיט אַ באַזונדער בולטקייט די ווײַט־קייט פֿון דער דורכגעמאַכטער לעבנס־שטרעקע, די ענדערונג אינעם לעבן.

34 יאָר זענען דורך זינט דער ערשטער באַגעגעניש פֿון דעם אויטאָר פֿון די דאָזיקע שורות מיט דעם ווערק, וואָס איז איצט דערשינען אין ירושלים*.

דער נאָמען איז געבליבן דער זעלבער, ווי זײַנע שעפֿער האָבן אים בשעתו געגעבן: "דאָס שוואַרצע בוך"; די שפּראַך — די זעלבע, די רוסישע; דער נוסח פֿון אַ סך זײַטן — אַזאַ, ווי ער איז באַטירלעך געווען (און געמוזט זײַן) אין דעם געבוירן־לאַנד פֿון דעם ווערק — אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. בײַ דעם אַלעמען, אָפּ־פֿילנדיק דעם גאַנצן גרויל וואָס קומט אויף פֿון יעדער שורה וועגן דעם גורל פֿון די יידן בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע פֿון די סאָוועטישע געביטן — רעדט צו אונדז דאָס ווערק מיט דער פֿולסטער איבערצײַגונגס־קראַפֿט וועגן גאָר אַקטועלע, הײַנטצײַטיקע דערשײַנונגען, וואָס האָבן אַ וועזנטלעכע באַדײַטונג פֿאַר אונדזער פֿאָלק. ממילא טראַכט זיך בעתן באַגעגענען צום צווייטן מאָל, נאָך אַ יאָרנלאַנגער צעשיידונג מיט דעם "שוואַרצן בוך" נישט בלויז וועגן יענע פֿאַרגאַנגענע שוואַרצע יאָרן, נאָר אויך וועגן זײַן באַדײַטונגספֿולן אויסקלאַנג אין דער איצטיקער צײַט.

געשען איז אַזוי, אַז בעתן אויפֿקום פֿון דעם "שוואַרצן בוך" איז איבער אים געהאַנגען די געפֿאַר פֿון פֿאַרשניטן ווערן. אין דער היים בײַ דעם שעפֿער און רעדאַקטאָר פֿון דעם ווערק, בײַ איליאַ ערענבורגן, האָב איך יענעם אָנהייב־ווינטערדיקן טאָג פֿון יאָר 1944 זיך דערוווּסט, אַז דער כתב־יד איז געבליבן ליגן אין דעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אַז באַזונדערע זײַנע טיילן ווערן פֿאַנאַנדערגעשיקט איבער דער גאַנצער וועלט, צעשטערנדיק אַזוי אַרום די גרונט־אידעע פֿון די שעפֿער און רעדאַקטאָרן פֿון דעם ווערק אַלס גאַנצן. און די דאָזיקע אידעע איז געווען: "דאָס שוואַרצע בוך" אַלס גאַנצער דאַרף קודם־כל דערשײַנען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד גופֿא, אין דער רוסישער שפּראַך, כדי עס זאָל דערגיין צו

* "טשאָרנאיאַ קניגאַ" סאָסטאַווליענאַ פּאָד רעדאַקציעי וואַסיליאַ גראָסמאַנאַ, איליאַ ערענבורגאַ, "תרבות", ירושלים 1980—תשמ"א.

מיליאָנען סאָוועטישע בירגער, פון וועלכע עס איז פאַרבאָרגן געוואָרן דער אמת וועגן דעם באַזונדערן גורל פון די יידן, וועגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע דורך די דײַטשן געביטן.

און נאָך איין שטרעבונג איז געווען — איר האָט ערנבורג אַ באַזונדער באַדײַטונג צוגעגעבן — און דאָס איז צו זען פון די זײַטן, וועלכע ער אַליין האָט רעדאַגירט: באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט שוין אין די מלחמה־יאָרן באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן עפּידעמיע, דורך אַרויסהייבן יענע מענטשן, וועלכע האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן און האָבן געראַטעוועט יידן. דער גוטער בײַשפּיל האָט געזאָלט קעגנווירקן דעם גיפט פון שינאה, וועגן וועלכן עס האָבן דערציילט הונדערטער בריוו פון פראָנט און פון הינטערלאַנד, אַדרעסירטע צו איליאַ ערנבורגן.

און נאָך איין ציל האָט דאָס ווערק געהאַט: באַווײַזן יידישן העלדנמוט, יידישע ווירדע אין אַנבליק פון די שווידערלעכסטע פּײַניקונגען.

די דאָזיקע צילן, האָט ערנבורג געהאַלטן, קענען נישט דערגרייכט ווערן דורך פונאַנדערשיקן אין דער וועלט באַזונדערע פראַגמענטן פונעם ווערק. ער האָט דערפאַר, אַלס פּראָטעסט, איבערגעריסן זײַנע פאַרבינדונגען מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, הגם נישט דער קאָמיטעט איז געווען דער שולדיקער אין דעם, וואָס עס זענען צעשטערט געוואָרן די גרונטשטרעבונגען פון די רע־דאַקטאָרן.

וועגן דעם האָב איך דעם זעלבן טאָג זיך דערוווּסט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, שכנא עפּשטיין, וועלכער האָט אַרײַנגערופן איציק פעפערן, כדי ענטפערן אויף די געהערטע פון ערנבורגן טענות. און דער ענטפער איז געווען: פון דער גאַנצער וועלט קומען אָן ביטעס פון לאַנדסמאַנשאַפטן, פון אָרגאַניזאַציעס, זיי איבערצוגעבן וועגן דעם געשעענעם מיט די יידן פון שטעט און שטעטלעך. צי קען מען לאָזן ליגן דעם מאַטעריאַל ביז עס וועט דערשײַנען אין אַ בוך? און וואָס שייך דעם דערשײַנען פון דעם "שוואַרצן בוך" אין רוסיש, איז דער דעה־זאָגער נישט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט. וועגן דעם, וואָס איז ווײַטער געשען מיטן "שוואַרצן בוך" שרײַבט אין דער פאָררעדע דער היסטאָריקער פון יידישן קאַמף און אומקום ד"ר יוסף קערמיש.

דאָס איצטיקע דערשיינען פונעם ווערק גראָד אין ירושלים, און דאָס אין רוסישן אָריגינאַל, אײַנהיטנדיק דורך די וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן דעם מאַנוסקריפּט צוגעגרייט צום דרוק — חיה ליפשיץ פון יד־ושם און מאַרק קיפּניס פון ישראלדיקן אינסטיטוט צו פאָרשן די הײַנטצײַטיקע געזעלשאַפט — די פולסטע געטרײַשאַפט צום אָריגינאַל, באַזאָרגנדיק מיט בייטיקע דערקלערונגען, איז אַן אַקט פון היסטאָרישער גערעכטיקייט הן לגבי די אויסגעמאָרדעטע און הן לגבי די לעבנגעבליבענע סאָוועטישע יידן. ווידער און נאָך אַ מאָל איז דערמיט דערוויזן געוואָרן די ראָל פון ישראל אַלס קאָנצענטריר־צענטער פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַלע טיילן פון יידישן פאָלק.

*

נאָך אַזוי פיל יאָרן, זינט "דאָס שוואַרצע בוך" איז געשאַפן געוואָרן, לייענען זיך זײַנע העכער 500 גרויסע זײַטן אַזוי, ווי עס וואָלט זיך פריש פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט דער אָנהייב פון דער פולשטענדיקער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. אַזאַ איז געווען דער פאָרטראַכט פון די ברוינע קאַניבאַלן: מיט די יידן פון די אָקופּירטע סאָוועטישע טעריטאָריעס אָנהייבן די טאָטאַלע אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק. שוין אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע זענען אומגעבראַכט געוואָרן די יידן פון כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד, סמאָלענסקער געגנט, מאָלדאַוויע, צפון־קאַווקאַז, קרים א. א. אומעטום — מיט די זעלבע מעטאָדן פון אָפּגאַרערײַ, פון צוזאָגן צו לאָזן לעבן, זענען יידן אָפּגעפירט געוואָרן צו די פאַרויס־צוגעגרייטע טראַנשייען, וועלכע זענען געוואָרן זייערע קברים, די באַשרײַבונגען פון די מאַסן־עקזעקוציעס, די גבית־עדות פון די איינצלנע אַנטרונענע, די דערקלערונגען פון די נאָענטע שכנים, גיבן איבער מיט דער שפּראַך פון אומבאַשטרײַטבאַרן אמת דאָס געשעענע. דער גורל פון איינצלנע יידישע מענטשן שפּיגלט אָפּ די אַלגע־מיינע לאַגע, ווען די קרבנות פון דער ווילדסטער טויט־אַרגיע גלויבן קוים ביז דער לעצטער מינוט, אַז אַזוינס קען גאָר געמאָלט זײַן...

"דאָס שוואַרצע בוך" איז דער קאָלעקטיווער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן יענע אַלע, וועלכע פּרוּוון הײַנט אָפּלייקענען אָדער פאַרשווײַגן די גרויס פון אונדזער פאָלקסאומגליק, דעם מוראדיקן פאַרנעם פון די דײַטשישע פאַרברעכנס.

בעת פּראָצעסן קעגן די דײַטשישע רוצחים האָט זיך אַלע מאָל, ווי אַן איינ־געחזרטער רעפרען, געהערט די פאַרטיידיקונגס־פראַזע פון די באַשולדיקטע: "בעפעל איזט בעפעל". געהייסן האָט עס, אַז זיי האָבן געמוזט אויספירן דעם באַפעל צו מאָרדן. "דאָס שוואַרצע בוך" דעמאַסקירט דעם דאָזיקן ליגן. די מענטשן, וואָס האָבן געזען די פאַרברעכער בעת זייערע מאָרד־אָרגיעס, דערציילן וועגן דער אינדיווידועלער "דערפינדערישקייט" פון יעדן איינעם פון זיי. אָט גייט אַ יונגער דײַטשישער זעלנער איבער דער גאַס אין מאָזיר און זינגט אַ צופרידענער. אויפן קינזשאַל טראָגט ער אַ דורכגעשטאָכן יידיש קינד... אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די מערדער אָנגעגאָסן זופּ אין אַ קאַריטע פאַר חזירים און באַפוילן יידן זיך שטעלן אויף די קני און אויסלעקן... אין זעלאָנאָפּאָל האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַ טלית און געפּרוּווט צווינגען יידל קאַלמאַנאָוויטשן ער זאָל אויף אים קניען פאַר זיי... דער 15־יאָריקער בערדיטשעווער ייגל מילמעסטער האָט צוגעזען ווי די דײַטשן האָבן צעהאַקט די קעפּ פון קינדער און אָפּגעשניטן די בריסט בײַ פרויען... אין קראַסנע, סמאָלענסקער געגנט, האָבן זיי באַפוילן צו צעשניידן דעם קערפּער פון אייגיאַריקן אַליק און וואַרפן זײַן פלייש פאַר די הינט... אין יעסענטוקי (צפון־קאַווקאַז) האָבן זיי אָנגעשמירט די ליפּן פון יידישע קינדער מיט סם... דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט די קינדער אין קרימער

יידישן ראַיאָן פּריַידאַרף... דער עס־עס־מאַן געבאַוער האָט אין לעמבערגער געטאָ געשטיקט זיַינע קרבנות אין אַ פּעסל, אָדער האָט זיי אַריַינגעלייגט צווישן צוויי ברעטער און זיי געטויט. זיַינער אַ געהילף האָט געהאַנגען פאַר די פּיס, אַ צוויי־טער פלעגט שיסן אין נאַקן... דער אויפזעער איבערן מינסקער געטאָ, ריבע, האָט אָפּגעקליבן 12 יונגע פרויען, זיי באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און אויפן יידישן בעת־עולם זיי דערשאָסן. ביַי דער לעצטער האָט ער אָפּגענומען איר ביוסטהאַלטער "אַלס אַנדענק פון דער שיינער יידישקע"...

ווער איז בכוח אויסצורעכענען די אַלע ווילדסטע אויסדרוקן פון סאַדיזם, פון בלוטגיריקייט, וועגן וועלכע עס דערציילן די זיַיטלעך פון "שוואַרצן בוך"! צי איז מעגלעך — פרעגט זיך — אַז אַ פאָלק, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזעלכע אויסוואורפן, און דאָס אין מאַסן־פאַרנעם, זאָל זיך שוין האָבן געענדערט, ווי דאָס ווילן האָבן מענטשן, אויך צווישן אונדז — מיט אַ קורצן זכרון און פּראַקטיש־געשעפטלעכע אויסרעכענונגען! "דאָס שוואַרצע בוך" פאַרלאַנגט דערויף אַן ענטפער.

*

זיַיטל נאָך זיַיטל לייענען מיר די געשיכטע פון סאָוועטישע יידישע מענטשן, וועלכע זענען געבליבן ביַים דיַיטש, אַנשטאָט באַציַיטנס זיך צו עוואַקוירן. אוודאי איז עס אַזוי, ווי מענטשן דערציילן: מ'האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אַן אַלטע מאַמע, אַ קראַנקן טאַטן, שווער געווען מיט פּיצלעך קינדער. אָבער פאַר וואָס זענען געבליבן 100 טויזנט יידן אין קיעוו, און 75 טויזנט אין מינסק, אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן אין סאָוועטישע שטעט און שטעטלעך, ווען ס'איז נאָך געווען ציַיט אַנטרונען צו ווערן?!

"דאָס שוואַרצע בוך" פאַרלאַנגט אַן ענטפער — היַינט, קנאַפּע 40 יאָר נאָך דעם דיַיטשישן אַנגריף אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. און דער ענטפער, דער אַלגע־מיינער, איז אַזאַ, ווי איך האָב אים אין געטאָ געהערט פון אַ סך יידן: מ'האָט נישט געוואָרנט, מ'האָט נישט גערופן, מ'האָט נישט אָרגאַניזירט די עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג.

עס האָט איינער געלאָזט אָפּדרוקן אַ ידיעה, אַז ס'איז כלומרשט געווען אַן אַנווייַזונג פון קאַלינינען, אַז מ'זאָל העלפן ראַטעווען, עוואַקוירן די צום מערסטן באַדראָטע — די יידן. ווען בעת אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק האָט מען ביַי מיר געהאַט געפרעגט צי איז ווירקלעך אַזוי געווען, האָב איך קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז עפּעס אַזוינס איז בכלל נישט געווען און האָט בעת יענער דעזאָרגאַניזאַציע, ווען די סאָוועטישע הויפּט־אַנפירונג האָט לחלוטין פאַרלוירן דעם קאָפּ, נישט געקענט זיַין. בפרט ווען מיט געציילטע טעג נאָך פאַרן היטלערישן אַנגריף איז מען געווען אין אַלץ נאַכגיביק לגבי די נאַציס (שוין בעת דער מלחמה זענען אויף דיַיטשישע איַיזנבאַן־וועגן נאָך געווען טראַנספּאָרטן מיט סאָוועטישן ברויט און מעטאַל פאַר דער ווערמאַכט...).

די שטרעבונג אויסצובאַהאַלטן דאָס געשעענע מיט די יידן איז קענטיק געוועזן שוין פון אָנהייב פון דער מלחמה. אין אַ נאָטע, וואָס דער דעמלטיקער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים פון פ.ס.ס.ר., וו. מ. מאָלאָטאָוו האָט אַרויסגעשיקט צו אַלע אַמבאַסאַדאָרן און געזאַנדטע פון די לענדער, מיט וועלכע דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אין וועלכער עס ווערן געגנוי אויסגערעכנט די באַרבאַרישע מעשים פון די דייַטשישע פאַשיסטן, אפילו אין איינצלנע דערפער, ווערט אָבער וועגן יידן דערמאָנט אויף אַזאַ אופן:

"די דייַטשישע פאַרכאַפּערס שטעלן זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּ, כדי אין די אָקופּירטע דורך זיי ראַיאָנען פון די סאָוועטישע רעפּובליקן באַליידיקן אויף אַלע אופנים די נאַציאָנאַלע געפילן פון די רוסן, אוקראַינער, ווייַס־רוסן, לעטן, ליטווינער, עסטאָנער, מאָלדאַווער, ווי אויך יענע **באַזונדערע פּערזאָנען** (מייַן קורסיוו — ה.ס.) פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין פ.ס.ס.ר., לגבי וועלכע, באַגעגנענדיק זיי אויף זייער בלוטיקן וועג, ווענדן זיי אָן אַזאַ מין איזדיעקעווען זיך און אַזעלכע גוואַלדטאַטן — לגבי יידן, גרוזינער, אַרמענער, אוזבעקן, אַזערבייַדזשאַנער, טאַדזשיקן און אַנדערע פאָרשטייער פון פעלקער..." (זייַט 40).

די דאָזיקע נאָטע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 6טן יאַנואַר 1942 יאָר, ד.ה. שוין נאָך דער שחיטה אין באַבי יאַר, שוין נאָך דעם, ווי עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די יידן פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייַס־רוסלאַנד *. און דאָס אַלץ איז דעמאָלט פאַרשוויגן געוואָרן, אָדער איז מינימיזירט געוואָרן ווי די אויסראָטונג וואָלט געהאַט אַ שייכות בלויז צו יידן אַלס "באַזונדערע פּערזאָנען"...

אין אַ צווייטער נאָטע פון וו. מ. מאָלאָטאָוו, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 27טן אַפּריל 1942, ווערט בוכשטעבלעך געשריבן:

"הונדערטער טויזנטער אוקראַינער, רוסן, יידן, מאָלדאַווער און פרידלעכע בירגער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די שטעט פון אוקראַינע דורך די דייַטשישע הענקער" (דאָרטן, זייַט 26).

אויף אַזאַ אופן איז צילמעסיק פאַרלייקנט געוואָרן די ספּעציעלע אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון די דייַטשן לגבי יידן שוין אין דער אָנהייב־צייַט פון דער אָקופּאַציע. "דאָס שוואַרצע בוך", יעדע זייַן שורה, אַרייַנגערעכנט די דערקלערונגען פון די געפאַנגענע דייַטשע מיליטערלייַט, איז אַ באַווייַז פון דער פעלשונג, וואָס די

* לויטן אויפטראָג פון דער אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין מינסק, האָב איך אין אָנהייב דעצעמבער 1941 יאָר אָנגעשריבן פאַר מאָסקווע — אַ גענויעם באַריכט וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן. אין די נאָטעס פון מאָלאָטאָוון איז וועגן דעם קיין זכר נישטאָ.

אָפיציעלע סאָוועטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן געמאַכט לגבי דער דײַטשישער אויס־מאָרדונג פון אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן אויף די אָקופּירטע סאָוועטישע טעריטאָריעס.

*

"דאָס שוואַרצע בוך" איז אַ פולשטענדיקע פאַרלייקענונג פון דער בייזוויליקער אויסטראַכטעניש, אַז יידן זענען געגאַנגען ווי "שאָף צו דער שחיטה". די היסטאָ־ריקער פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן די דײַטשישע מערדער וועלן אויפן סמך פון די דאָקומענטן, וואָס ווערן געבראַכט אין "שוואַרצן בוך" פעסטשטעלן, אַז די ערשטע יידישע באַוואָפנטע קאַמפסגרופּן און ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע זענען אַנטשטאַנען אין די געטאָס אויף דער אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע. קאַלענדאַריש די ערשטע, ווײַל שוין אין חודש אויגוסט 1941 איז אַנטשטאַנען די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין מינסקער געטאָ, וועלכע האָט באַוויזן אַרויסצופירן אין פאַרטיזאַנער־וואַלד בײַ צען טויזנט יידן — מענער און פרויען, זקנים און קינדער.

די אויפטוען פון בראַדער יידישע פאַרטיזאַנער שוין אין אָנהייב פון דער אָקופּאַציע וואַרטן נאָך אויף זייער היסטאָריקער. פון שטעטעלע פלעשטשעניצע זענען 200 יידן אַוועק צו די פאַרטיזאַנער. אײַזיק לעוו פון אָראַני האָט פאַר־ניכטעט 14 באַן־טראַנספּאָרטן מיט היטלעריסטן און געוועהר. נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ אין גלובאָקע, האָבן די דײַטשן געמאָלדן, אַז דאָס האָבן זיי פאַרניכטעט 3000 פאַרטיזאַנער. גלובאָקע האָט אַרויסגעגעבן אַ סך יידישע העלדן, וועלכע האָבן זיך נוקם געווען אין די מערדער. "דאָס שוואַרצע בוך" דערציילט וועגן אָרגאַניזירטן יידישן קאַמף אויך אין די באַדינגונגען פון די טויטלאַגערן. בראש פון דעם באַוואָפנטן קאַמף אין יאַנאָווער לאַגער איז געשטאַנען דער באַוווסטער אין פוילן פאַר דער מלחמה יידישער פּאָעט שודריך און צוזאַמען מיט אים — דער פּאָעט סאַניע פרידמאַן. ווען אויפן וועג פון מינסקער געטאָ אין וואַלד איז די דאָקטאָרין אַננע טורעצקי אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, האָבן קיין שום סאַדיסטישע פּײַניקונגען נישט באַוויזן איר צו צווינגען זי זאָל אַרויס־געבן די, וועלכע האָבן איר געשיקט אין וואַלד. אויף דער פראַגע פון די געסטאַפּאָ־לײַט: "ווער נאָך איז מיט דיר געגאַנגען אין וואַלד ?", האָט די שווער־פאַרוווּנדעטע יידישע פרוי געענטפערט: "מיט מיר איז געגאַנגען מײַן גאַנץ פאָלק".

אַזאַ איז דער אמת, וואָס וואַרפט אָפּ דעם ליגן וועגן גיין ווי "די שאָף צו דער שחיטה". יידישע ווירדע, יידישער קאַמפסמוט רעדט אַרויס פון די זײַטן פון דעם גרויסן ווערק וועגן שוואַרצן נעכטן פון אונדזער פאָלק.

*

צום שאַפן דאָס ווערק וועגן דאָס געשעענע מיט די יידן פון די אָקופּירטע דורך די נאַציס סאָוועטישע געביטן האָבן מיטגעהאָלפן אַזעלכע באַוווסטע סאָוועטישע

שרײַבער, ווי מאַראַגריטאַ אַליגער, פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי, ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו, וויערא אינבער, וועניאַמין קאַווערין, וולאַדימיר לידין, לעוו אַזיעראָוו, לידיאַ סייפולינאַ, וויקטאָר שקלאָווסקי און אַנדערע. לאָמיר זייערע אַלעמענס נעמען פאַרגעדענקען אַלס די אויסדריקער פון די בעסטע, הומאַנע טראַדיציעס פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור. מיט פיל פון זיי, מיט די אָפּשטאַמיקע פון יידן, האָט געקערעוועט דאָס דערוועקטע געפיל פון אַנגעהעריקייט צום אַזוי געליטענעם יידישן פאָלק.

זאָל באַזונדערס אָפּגעמערקט ווערן דער בײַטראָג פון די באַוווּסטע יידישע שרײַבער — לייב קוויטקאָ, אברהם סוצקעווער, הערש אָשעראָוויטש, מאיר יעלין, לייב גאָלדבערג, בער מאַרק, וועלכע האָבן מיט זייערע באַשרייבונגען אַרויס־געבראַכט דעם אמת וועגן דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און יידישן קאַמף.

*

די פיזישע פאַרניכטונג פון די יידן אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — שרײַבט אין זײַן אַרײַנפיר צום "שוואַרצן בוך" דער דירעקטאָר פון יד ושם, ד"ר יצחק ארד, — איז געווען אַ טייל פון דער אַזוי גערופענער "ענדלעזונג פון דער יידן־פראַגע". נישט געקוקט אויף די טײַכן בלוט פון 6 מיליאָן אויסגע־קוילעטע יידן איז דאָך נישט געקומען צו דער "ענדלעזונג", הגם פיל פון די זײַטן פון "שוואַרצן בוך" דערמאָנען אין סיטואַציעס און געשעענישן פון הײַנטיקן טאָג, וואָס האָבן אַ סך ענלעכקייט צו די שוואַרצע יאָרן פון אונדזער פאָלקסבראָך.

עס שרײַבט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט דער באַוווּסטער שרײַבער וואַסילי גראָסמאַן:

"די אָנהענגער פון דער ראַסן־טעאָריע האָבן מאָביליזירט אַלע מיטלען: ליגנס, זינלאָזע ווילדע אויסטראַכטענישן, לאַנג אויסגעלעבטע מיטלאַלטער־לעכע פאַראורטיילן, פּראָוואָקאַטאָרישע באַווײַזן פון כלומרשטער וויסנ־שאַפט — מיט איין וואָרט, דעם גאַנצן אַרסענאַל, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך שטענדיק רעאַקציאָנערן, פינצטערלינגען און פּאָליטישע באַנדיטן, וועלכע ווילן פאַרשטעלן פונעם פאָלק די אמתע צילן און ווירקלעכע סיבות פון דער פאַרטראַכטער דורך זיי מערדערישער שפּיל".

די דאָזיקע ווערטער קלינגען ווי אַ הײַנטצײַטיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער ווילדער אַנטיסעמיטישער העצע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער מאַסנווײַז פאַר־שפּרייטער "ליטעראַטור", וואָס העצט שוין נישט בלויז קעגן די סאָוועטישע יידן — קעגן גאַנצן יידישן פאָלק, קעגן זײַן ווערק — מדינת ישראל.

"דאָס שוואַרצע בוך" רופט צו וואַכזאַמקייט און ווידערשטאַנד קעגן אונדזערע הײַנטיקע שונאים. אין דעם איז זײַן היסטאָרישער און הײַנטצײַטיקער באַדײַט.

פון שוואַרצן בוך

בראַילאָוו

מיט אַ יאָר זיבן צוריק אין אַ וואַרעמען וועסנע־טאָג בין איך אַרויסגעפאָרן צו די עלטערן. געווען בין איך גראָד אין אַ דינסט־שליחות איך דער שטאָט קיראָוואָגראַד, דערליידיקט דאָרט אַלע ענינים און ווען כ׳האָב זיך שוין געקליבן אומצוקערן קיין מאָסקווע איז מיר איינגעפאַלן אַרייַנצופאָרן אויף עטלעכע שעה זיך צו טרעפן מיט אייגענע, זען היימישע ערטער.

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך שוין געמיטאָגט אין דער היים. דער אומדער־וואַרטער באַזוך האָט שטאַרק דערפרייט מייַנע עלטערן. אַלע קרובים, שכנים און באַקאַנטע זענען מיך געקומען זען. מייַן מוטער האָט אַרומגעיאָגט איבער דער שטוב, זיך לאַנג געפּאָרעט אין קיך, צוגרייטנדיק פאַר מיר אַן עסיק־פלייש. זי האָט געזאָגט, אַז קליינערהייט האָב איך שטאַרק ליב געהאַט אָט דאָס מאכל. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין באַוויזן דאָס צו פאַרגעסן.

מע איז צו מיר צוגעשטאַנען — ווי אַזוי איך לעב, וואָס הערט זיך אויף דער גרויסער וועלט בכלל און אין מאָסקווע בפרט. צי האָב איך לעצטנס געזען עמעצן פון די בני עיר. בשעתן שמועס איז געקומען דער בריוטרעגער מיט צוויי בריוו — איינער טאָקע פון מיר אַליין, אין וועלכן כ׳האָב געשריבן, אַז איך געפין זיך אין אַ שליחות אין אוקראַינע און איך ווייס נאָך אַליין נישט צי מיר וועט געלונגען אַרייַנצופאָרן. דער צווייטער בריוו — פון אַמעריקע. אויפן גרויסן קאָנווערט איז געווען אָפּגעדרוקט אַ שטעמפּל פונעם ״קאָמיטעט פון דער בראַילאָווער לאַנדס־מאַנשאַפט אין אַמעריקע״.

אין רחבותדיקן בריוו אונטערגעשריבן פונעם פּרעזידענט און פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון אָט דעם קאָמיטעט איז געמאָלדן געווען, אַז אויף אַן אויסגע־ברייטערטער זיצונג זענען אויסגעהערט געוואָרן בריוו און ענטפערס פון דער אַלטער היים. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַגריסן די לאַנדסלייַט מיטן אָנקומענ־דיקן יום טוב פּסח און שיקן קיין בראַילאָוו פונעם קאָמיטעט־פאָנד 1000 דאָלער — צוויי הונדערט פון זיי אַרויסגעבן דעם רב דוד ליבערמאַן. פאַר הונדערט דאָלער קויפן אַ מתנה אַ מיידל צו דער חתונה, דאָס איבעריקע געלט איז מייַן פאָטער באַפולמעכטיקט צו צעטיילן צווישן יתומים און אָרעמע לייַט, אַזוי אַז יעדער זאָל קאָנען פּראַוועַן דעם פּסח ווי סע געהער צו זייַן.

איך בין זיך מודה, אונדז האָט אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש אָט דער בריוו. כ׳האָב געטראַכט: די מחברים פונעם בריוו זענען אַוועקגעפאָרן מיט פערציק יאָר

צוריק פון בראַילאָוו, זיי מאַכן אַ לעבן ערגעץ אין ווײַטן אַמעריקע, האָבן געגוג אייגענע דאגות און דאָך קלעקט זיי צײַט זיך צונויפצופאָרן פון פאַרשידענע שטעט אויף זייער יערלעכער קאָנפערענץ, געדענקען דעם דורכגעלעכערטן דאַך פון דער בראַילאָווער באָד, האָבן אין זין כלה־מיידלעך און דאָרט אין רווישיקן ניו־יאָרק וויַיזן זיי אַרויס אַזאַ נאַיוון אינטערעס צו אַלע פּרטים פונעם לעבן און פונעם שטייגער פון קליינעם שטעטל. כ׳האָב זיך אָבער געכאַפּט, אַז איך אַליין האָב זיך אָקערשט געטראָגן עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, געפאָרן מיט דרײַ צוגן און אַלץ צוליב דעם כדי צו קאָנען אַ פּאָר שעה זײַן אין די היימישע קאַנטן.

אין דער צײַט פון דער מלחמה האָב איך זיך נישט איין מאָל דערמאָנט אין דעם בריוו פון אַמעריקע. כמעט דרײַ יאָר האָב איך נישט באַקומען קיין בריוו פון בראַילאָוו און נישט געקאָנט אַהין צופאָרן. אין מײַן שטעטל זענען געווען די דײַטשן. גאָר אָפט האָב איך געטראַכט וועגן קליינעם שטעטל פון וויניצער געגנט, וווּ כ׳האָב מײַנע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, געטראַכט וועגן טאַטן, דער מאַמען, דער שוועסטער, וועלכע זענען דאָרט פאַרבליבן. אויף וועלכן פראָנט איך האָב זיך אין דער מלחמה־צייט נישט האָבן געפינען — אין די צפון־מערבדיקע וועלדער, אויף די סטאַלינגראַדער גאַסן, אויף די דאָנעצקער סטעפּעס, אינעם באַפרײַען די אָדער יענע שטאָט, איך זאָל נישט האָבן אָנטייל גענומען — מיט די געדאַנקען בין איך געווען אין מײַן היימשטאָט. איך האָב געטראַכט וועגן יענעם טאָג, ווען כ׳וועל זיך אַהיימקערן, ברייט צעעפענען די היימישע טירן און אויסרופן:

— פאַראַן דאָרט לעבעדיקע ? קומט אַרויס באַגעגענען.

*

דעם 23סטן מאַרס 1944 אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה האָב איך פון ווײַטנס דערזען בראַילאָוו. מיר איז שווער געווען צו גיין — ס׳האָבן זיך אָפּגערופן די נאָך נישט פאַרהיילטע ווונדן. דער רעכטער פוס איז געווען געשוואָלן און איך האָב קוים געקאָנט אים אַרויס שלעפּן פון דער קלעפּיקער שוואַרצערד. און אָט איז סוף סוף דער וועג־סלופּ מיטן שילדל און אויפן שילדל איין איינציק וואָרט — בראַילאָוו — אַ טײַערער צוזאַמענשטעל פון אותיות מיט וועלכע עס זענען פאַרבינדן אַזוי פיל זכרונות.

דרײַ הונדערט קילאָמעטער איז מיר אויסגעקומען בײַצוקומען, ביז כ׳האָב זיך דערקלייבן אַהער פון אַן אַנדער פראָנט־אָפּשניט. מײַן מאַשין איז פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע און די לעצטע פּאָר צענדליק קילאָמעטער האָב איך געמוזט זיך דערשלאָגן צו פוס. כ׳האָב געוווּסט, אַז איבערן טײַך בוג האָט זיך געצויגן די גרענעץ צווישן דעם דײַטשישן געביט און דעם רומעניש געביט טראַנסניסטריע, אַז אין טראַנסניסטריע האָבן זיך פאַרהיט עטלעכע געטאָס, נאָר אין וויניצע איז די גרענעץ געגאַנגען ערגעץ מערבדיקער פונעם בוג, איז ווו זשע האָט זיך געפונען בראַילאָוו — אין דער דײַטשער זײַט, אָדער אין טראַנסניסטריע ? ביז איצט האָט

מיר קיינער אויף דעם נישט געקאָנט ענטפערן. ס'איז פאַרבליבן נאָך עטלעכע הונדערט מעטער ביזן שטעטל, דאָרטן וועל איך זיך דערוויסן דעם אמת.

שוין אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אויפן צווייטן סלופּ געוואָרפן אין די אויגן אַ שילדל. אויף דײַטש און אויף אוקראַיִניש איז געווען אויפגעשריבן — אַ שטאָט אָן זשידעס, אַ יידנריינע שטאָט.

אַלץ איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן: אײַלן זיך איז נישטאָ צו וואָס. כ'האָב אַ רוף געטאָן אַ בחורל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ כאַטע אַרויס און אים געהייסן נעמען אַ האַק און אויסהאַקן דעם סלופּ מיטן שילדל.

— צי מעג מען עס טאָן, פּעטער ?

— נישט נאָר מע מעג, נאָר מע מוז עס אויסהאַקן, האָב איך אים געזאָגט. חוץ דעם האָט די אויפשריפט ניט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט .זעסט, איך בין געקומען קיין בראַילאָוו, הייסט עס, אַז איין ייד איז שוין פאַראַן דאָרט.

נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אַרײַנצושפּאַנען אין אַ נאָר וואָס באַפרײַטער שטאָט. מיר איז גוט באַקאַנט דאָס געפיל פון דער פריידיקער אויפרעגונג בײַם אַרײַנטרעטן אין אַ שטאָט, וואָס האָסט אָקערשט אָפּגעשלאָגן פונעם שונא און זי אומגעקערט דעם פאָטערלאַנד. נאָך קיין מאָל האָבן מיך די נערוון אַזוי נישט אונטערגעפירט ווי דאָס איצטיקע מאָל דאָ, ווו איך האָב געקאָנט די געשיכטע פון כמעט יעדער הויז און פון אַלע אירע אײַנוווינער. אָט איז דאָס הויז פון יעקב וולאַדימיר. נישט איין מאָל בין איך געווען אין אָט דעם הויז. דאָ זיך געגרייט צו עקזאַמענעס, זיך געפרייט. איצט איז דאָס הויז וויסט און פינצטער. אָט אין יענעם הויז האָט געוווינט אײַזיק קוליק, מײַן שול־חבר און שפּעטערדיקער לענינגראַדער אײַזנבאַן־אינזשינער. איך כאַפּ אַ קוק אין פענצטער אויפן דיל וואַלגערן זיך האַלב צעפוילטע, צעבראָכענע מעבלשטיקער. ווײַזט אויס, לאַנג דאָ קיינער נישט געווען. אין דערבײַיאיקן הויז האָט געוווינט דער זייגערמאַכער שכנא שאַפּיראָ — קיין לעבעדיקער דעך. אַקעגן איבער אויף דער צווייטער זײַט גאַס האָט געוווינט דער שנײַדער שנאורקע פּרילוצקי — דאָס בילד איז דאָס זעלבע.

צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי האָב איך דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער וואָלגע ביז די קאַרפּאַטן. פאַר מײַנע אויגן איז צעשטערט געוואָרן סטאַלינגראַד. כ'האָב געזען די חורבות פון רזשעוו און וועליקי לוקי, דאָס אַש פון פּאָלטאַווע און קרעמענטשוג. מיך איז שוין שווער צו איבעראַשן מיט רוינען, נאָר דאָס וואָס כ'האָב געטראָפן אין אייגענעם היימישן שטעטל, האָט מיך אויפגעטרייסלט. פון מירגאָראָד אויף אַ לענג פון הונדערט קילאָמעטער האָבן די דײַטשן פאַרברענט אַלע דערפער. אין זומער פון 1943 האָט מען דאָרט נישט באַגעגנט קיין איין גאַנץ הויז. די היטלעריסטן האָבן דאָרט "באַשאַפן" אַ מדבר־זאָנע. נאָר צווישן די האַלאַוועשקעס פון די אָפּגעברענטע אוקראַיִנישע כאַטעס האָט זיך פון ערגעץ פון אונטער דער ערד פאַרעקשנט דורכגעשלאָגן אַ פרידלעך רויכל. אין פאַרלאָזענע סאָלדאַטישע פעלד־באַהעלטענישן האָבן מענטשן אײַנגעאָרדנט זייער היים, קינדערלעך זענען אַרומגעלאָפן. בײַ אַ ליימענעם אויוון האָט מען געקאָכט מיטיק אַ

גוטער סימן, אַז דאָ וועט ווידער זײַן לעבן. זאָל זײַן, אַז אַלע כאַטעס זענען פֿאַר־ברענט, אַז אַלע בינשטאָקן און אַלע תבואה־שפּײַערן זענען צעבראָכן, נאָר מענטשן זענען דאָרט פֿאַרבליבן און דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז דאָס לעבן קערט זיך אום.

און דאָ גיי איך אַרום איבערן גאַנץ געבליבענעם שטעטל אין אַ סך שטיבער זענען אפילו די פֿענצטער־שויבן אַרויס גאַנץ פֿון דער מלחמה, נאָר איך באַגעגן נישט קיין מענטשן. מײַנע טריט קלינגען איינזאַם אָפּ. מע דאַרף קענען די זיטן און די מנהגים פֿון אונדזערע דרומדיקע שטעט און שטעטלעך. די הויפּטגאַס דאָ איז דאָך אויך דער טרעף־פּונקט פֿון באַגעגענישן און די אַליי אויף צו שפּאַצירן, און איצט? איך בין דאָ דער איינציקער דורכגייער. בלויז ווילד געוואָרענע קעץ לויפֿן וועג ניט ווען איבער די פּוסטע גאַסן. איך גיי ווײַטער. כ׳האָב מורא דעם קאָפּ אויסצודרייען אויף רעכטס. דאָרט מוז זײַן דאָס הויז, וווּ כ׳בין געבוירן, וווּ סהאָבן געוווינט מײַנע נאָענטסטע און טײַערסטע. אָט איז עס דאָס הויז. אויסערלעך כמעט גאַנץ. איך גיי צו צו די פֿענצטער, באַטראַכט די ווענט, וועלכע האָבן פֿאַרהיט אויף זיך שפּורן פֿון בלוט, כ׳באַטראַכט די פּעדערן פֿון קישנס אויפֿן דיל און — כ׳האָב שוין נישט אויף וואָס זיך נאָכצופֿרעגן און וועמען איז דען דאָ צו פֿרעגן? אין שכנות האָט געוווינט יוסף סוקאַניג. ווײַטער אַ ביסל האָט געאַרבעט דער היטלמאַכער גרוצקין און אָט זענען די דירות פֿון לערנערן, גאָלדמאַנען, לומערן, כאַרנאַקן. נישט פֿאַרבליבן אין ערגעץ קיין לעבעדיקער זכר פֿון זיי.

אַ האַלבע שעה בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן אַ מאָל רווישיקן שטעטל אין פֿולער איינזאַמקייט. ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן און איך בין אַוועק נעכטיקן אין שכנותדיקן דאָרף. די פּויערטע, וואָס האָט מיך מכניס אורח געווען, האָט מיר אין קורצן דערציילט די געשיכטע פֿון בראַילאָווער חורבן. כ׳האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויפֿן גורל פֿון באַקאַנטע משפּחות, אָנגערופֿן זייערע פֿאַמיליעס, זייערע נעמען.

— און פֿון וואַנען קענט איר זיי אַלע? צי זענט איר פֿריער אַ מאָל פֿאַרפֿאָרן אַהער? האָט זי מיך געפֿרעגט.

— יאָ, פֿאַרפֿאָרן און נישט איין מאָל. געווען בײַ אײַך אַ פֿעלדשער העכטמאַן. צי האָסטו נישט געקאָנט אַזעלכן?

— ווי אַזוי אים נישט קאָנען? ווער האָט אים דען נישט געקאָנט?
— ווּו איז ער אַצינד?
— דערהרגעט.
— און וועגן זײַן פֿרוי נישט געהערט?
— געקוילעט.
— נו און אַ טאָכטער איז געווען בײַם פֿעלדשער, אַ סטודענטקע?
— דאָרט ווו אַלע.

מער האָב איך שוין פֿרעגן נישט געקאָנט. די פּויערטע האָט לאַנג אין מיר זיך אײַנגעקוקט, דערנאָך שטילערהייט געזאָגט:

— איר וועט מיר, פֿאַרשטייט זיך, מוחל זײַן, נאָר זאָגט מיר — זענט איר נישט דעם פֿעלדשערס זון?

— יאָ, מײַן פֿאַמיליע איז העכטמאַן.

— ווי שטאַרק ענלעך איר זענט אויף אײַער גאָטזעליקן פֿאָטער.

איך ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר וועגן מײַן קומען האָט זיך גאָר גיך דערוווּסט ס׳גאַנצע דאָרף. זין דער כאַטע, וווּ כ׳בין אײַנגעשטאַנען, זענען אַ סך מענטשן געקומען און אַ סך פֿון זיי האָב איך געקאַנט. אַ סך האָבן מיך געדענקט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר גערעדט וועגן דער מלחמה, וועגן מענטשן אין דער מלחמה, וועגן פֿאַרשטייענדיקן זיג.

אין דער פֿרי בין איך נאָך איין מאָל אַוועק אין שטעטל. פּלוצעם האָט מיך איינער אָפּ גערופֿן אויף יידיש — חבר העכטמאַן.

צו מיר זענען צוגעלאָפֿן פֿינף מענטשן — דרײַ מענער, איין פֿרוי און איין אונטערגעוואַקסן מיידל. זיי האָבן זיך אויף מיר אַלע געוואָרפֿן אַרומנעמען, קושן און מיט אַ מאָל אויפֿן קול זיך צעוויינט, טוליענדיק זיך פֿעסט צו מיר. פֿאַר זיי בין איך געווען נישט נאָר אַן אָפֿיציר פֿון דער רויטער אַרמיי, נאָר אַן אייגענער און נאָענטער מענטש. אונדזערע עלטערן ליגן באַגראָבן אין איין אַלגעמיינעם שרעקלעכן קבר.

דעם שנײַדער אברהם ציגעלמאַן האָב איך גלײַך דערקאַנט. מיט זײַן עלטערער טאָכטער סאָניאַ האָב איך אין דער פֿאָלקסשולע געלערנט אין זעלבן קלאַס און דערנאָך געווען אַן אָפֿטער גאַסט בײַ זיי אין הויז. דעם צווייטן מאַן האָב איך בשום אופֿן נישט געקאַנט זיך אין אים דערמאָנען. ער האָט עס פֿאַרשטאַנען, טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיך געפֿרעגט: איר דערקאָנט מיך נישט, העכטמאַן? יאָ, שווער צו דערקאָנען, מײַן פֿאַמיליע איז באַס. משה באַס דער שערער. וויפֿל מאָל האָט איר זיך בײַ מיר ראַזירט?

כ׳האָב קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז במשך דרײַ יאָר קאָן אַ מענטש זיך אַזוי ענדערן. געשטאַנען איז פֿאַר מיר אַ מענטש מיט אַן אויסגעקרומטער פּלייצע, וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן אָנהאַלט אין לעבן, די זיכערקייט אין זײַנע כּוחות און אין זײַן רעכט בכלל צו עקזיסטירן אויף דער ערד.

— איר קוקט אויף מײַנע שמאַטעס? יאָ, אַ מאָל האָב איך זיך גערעכנט פֿאַר אַ פֿראַנט נאָר פֿאַר די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר האָב איך קיין איין מאָל די וועש נישט געביטן.

דאָס זענען געווען כמעט די איינציקע לעבן־געבליבענע בראַילאָווער אײַנוווינער. מיר האָבן איבערגעציילט אויף די פֿינגער דאָס גאַנצע שטעטל און פֿעסט־פֿעשטעלט, אַז גאָר ווייניקע האָבן זיך באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

מײַן פֿאָטער האָט במשך פֿון עטלעכע יאָר באַשריבן פֿאַרן בראַילאָווער קאָמיטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַלע ענינים און געשעענישן, וועלכע זענען אין שטעטל פֿאָרגעקומען. מײַן פֿאָטער האָבן די דײַטשן צעשאָסן, ער וועט שוין מער גאָרנישט נישט באַשרײַבן, איצטער האָב איך, זײַן זון, פֿרײַוויליק אויף זיך גענומען די מי צו

באַשרייבן, ווי אַזוי ס'איז חרוב געוואָרן דאָס שטעטל בראַילאָוו, כ'האָב דאָ גאָרנישט אויסגעטראַכט און גאָרנישט צוגעגעבן. איך דערצייל אַזוי ווי די עדי־ראיה האָבן מיר איבערגעגעבן.

*

די דײַטשן זענען קיין בראַילאָוו אַריין דעם 17טן יולי 1941. ס'איז גראָד געשען אַזוי אַז אַ באַדײַטנדיקער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך נישט עוואַקוירט און געבליבן אויפן אָרט. כ'האָב זיך אָפט געפרעגט, פאַרוואָס האָבן אַזוי פיל זיך נישט גערירט פון אָרט, זיך נישט דערווײַטערט פון דער ברוינער מגיפה, פאַרוואָס זענען מײַנע עלטערן נישט אַוועק אויף מזרח ? געווען, ווײַזט אויס, נישט ווייניק סיבות ווי אַ שטייגער מײַן מוטער, וואָס איז געווען ערנסט קראַנק און מײַן פאָטער מיט דער שוועסטער האָבן נישט געוואָלט זי איבערלאָזן אַליין אַ קראַנקע און אומבאַהאָלפענע און באַשלאָסן צו טיילן מיט איר דעם גורל.

אין טאָג פון דײַטשן אַרײַנמאַרש קיין בראַילאָוו זענען אומגעקומען 15 מענטשן — יוסף סוקאַניק, עליק פּאַלטין, איציק קאַבזאַן און אַנדערע. די דורכגייענדיקע דײַטשע זעלנער האָבן אויפן וועג אויסגעפּרוווט זיי'ער געווער אויף מענטשן און אַזוי, אגב אורחאדיק, פאַרשניטן 15 לעבנס. דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעשפּיצט און גלײַך פאַרשטאַנען, אַז איבער זיי' הענגט אַ שוואַרצע כמאַרע.

אין גיכן איז געקומען צו פאָרן אַ דײַטשער קאָמענדאַנט, ס'האָט זיך באַוויזן פּאָליצײַ און אין בראַילאָוו איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די "נײַע אָרדענונג". אין יידישן שטעטל האָט די נײַע אָרדענונג אויסגעזען אַזוי: יעדער ייד האָט געדאַרפט טראָגן אויף דער פּלייצע און אויף דער ברוסט אַ גרויסן מגן דוד. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון דער גרענעץ פון שטעטל, פאַרקערן מיט דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג פון די שכנותדיקע דערפער, כאָטש זינט יאָרהונדערטער האָט אין צענטער פון בראַילאָוו עקזיסטירט אַ מאַרק האָט קיין איין ייד זיך דאָרט נישט געקאָנט באַווײַזן אָן דער סכנה צו באַקומען אַ דײַטשישע קויל.

נאָר אויף צען מינוט אין מעת לעת האָבן, לויטן פּײַף פון דער פּאָליצײַ, די יידן געמעגט אַרויסלויפן אויפן מאַרק. דעם דײַטשן קאָמענדאַנט קראָפט איז דאָס בילד שטאַרק געפעלן געוואָרן — דאָס לויפן פון די יידן אויפן באַזאַר. ער האָט נישט פאַרפעלט בײַצוזײַן. אויף דער דריטער אָדער פערטער מינוט האָט די פּאָליציי ווידער געפּײַפט צום שלוס און אַלע יידן, וואַרפנדיק זייערע קניות, האָבן זיך געאײַלט אַוועקצולויפן פון מאַרק. דערנאָך האָט מען געמאָלדן, אַז ס'איז געווען אַ טעות און אַלץ האָט זיך איבערגעחזרט צו דער הנאה פון קאָמענדאַנט, וואָס האָט זיך דערמיט אונטערהאַלטן.

טאָג־טעגלעך זענען טויזנטער בראַילאָווער אײַנוווינער אויפן קאָמענדאַנטס באַפעל אַרויס אויף שווערער אַרבעט. נישט געווען קיין טאָג, אַז אַלע זאָלן זיך צוריק קערן. דאָ האָבן זיך נאָך זיי געיאָגט דורכפאָרנדיקע דײַטשע סאָלדאַטן, דאָ

האָבן אַרטיקע פּאָליציי־לײַט אַרויסגעענדיקט די מידע און פּאַרמוטשעטע. איין מאָל אין חודש האָט די בראַילאָווער באַפּעלקערונג באַקומען פון אַרטסקאָמענדאַטור אַ „באַשטעלונג" מיט אַ וואָרענונג, אַז אויב די אויסגערעכנטע אַרטיקלען אין דער באַשטעלונג וועלן נישט צוגעשטעלט ווערן צו דער באַשטימטער צײַט, וועלן אַלע ווערן צעשאָסן.

איינע פון אָט די באַשטעלונגען — די נאָוועמבער־באַשטעלונג — האָב איך געזען. אין אַ לאַנגער רשימה איז געווען אויסגערעכנט: צען גאָלדענע דאַמען־זייגערס, צוועלף גאָלדענע בראַסלעטן, אַ קאָנצערט־קלאַוויר פאַרן אָפיצירן־קלוב, צוויי אויטאָס, דרײַ טאָן בענזין.

די נאָוועמבער־באַשטעלונג און נאָך איר די דעצעמבער־באַשטעלונג האָט מען אויסגעפולט. ביז הײַנט קען איך נישט פאַרשטיין אויף וועלכן אופן די קהילה, פאַרפרעסט פון די פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון די שטעטל־גרענעצן, האָט געקאָנט אין דער מלחמה־צײַט קריגן אַ׳יטאָס און בענזין. דער פאַרזיצער פון דער קהילה יוסף קוליק און זײַנע געהילפן לעבן נישט מער און נישטאָ וועגן דעם בײַ וועמען צו פרעגן. הנה קוליק די סטודענטקע, די איינציקע גאַנץ־געבליבענע פון אָט דער משפחה דערציילט, אַז דער פאָטער האָט קיינעם נישט געזאָגט, ווי אַזוי אים איז געלונגען צו קריגן די זאַכן און אויספולן די דײַטשע באַשטעלונגען. פרעג זיך נישט נאָך, חנה, האָט ער איר איין מאָל געזאָגט. ס׳וועט זײַן גענוג, אַז איך איינער וועל אַראָפּ פון זינען. צוליב וואָס דאַרפסטו זיך ברעכן דעם קאָפּ ?

אין אַ פראָסטיקער פעברואַר־נאַכט איז בראַילאָוו געווען אַרומגערינגלט פון פּאָליציי און געסטאַפּאָ־לײַט און פאַר טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה. דאָס איז געווען, לויטן אויסדרוק פון אַ פּאָליציי־מאַן, וועלכן איך האָב געפאַרשט, די ערשטע „אַקציע". יעדער פּאָליציי־מאַן האָט באַקומען אַן אָנווײַזונג דורכצוגיין דורך צוויי־דריי יידישע דירות אַרויסטרײַבן אַלעמען צום זאַמלפּונקט און אויב עמעצער וועט נישט וועלן אָדער נישט קאָנען גיין — אים אַרויסענדיקן אויפן אָרט. די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן שטיל מיט דער הילף פון באַיאָנעטן און ביקסן־קאָלבעס.

זעקס פאַר טאָג איז מײַן פאָטער אויפגעוועקט געוואָרן פון דעם שטאַרקן קלאַפּן אין טיר. ער איז געשלאָפן יענע נאַכט אינעם אָנטאָן און אויף גיך געעפנט די טיר. אין צימער זענען אַרײַנגעפאַלן צוויי פּאָליציי־לײַט.

— גיך, אויפן פּלאַץ. אַלע !

— מײַן פרוי איז קראַנק. זי וועט נישט קענען זיך אויפהייבן.

— דאָס איז שוין אונדזער ענין, וואָס צו טון מיט געזונטע און וואָס מיט קראַנקע.

פאַכנדיק מיט די ביקסן־קאָלבעס האָבן זיי דעם טאַטן אַרויסגעטריבן אין גאַס. די שוועסטער ראַזאַ האָט אָנגעהויבן אויף גיך זיך אָנטאָן און דערזען ווי איינער פון די פּאָליציסטן האָט אויפגעהויבן דעם באַיאָנעט אויף דער מוטער. זי האָט זיך געוואָרפן זי צו ראַטעווען, נאָר געכאַפּט מיט דער ביקס־קאָלבע איבערן קאָפּ און

אַ באַרוועסע אין אַ לײַכטן קליידל אַרויס אויפֿן פֿראָסט פֿון 40 גראַד. דער פֿאָטער האָט ראַזען אויפֿגעהויבן און איר געהאָלפֿן זיך דערקלײַבן צום זאַמל־פּלאַץ אויפֿן מאַרק אַקעגן קאָסטיאָל.

אַהער האָט מען צונויפֿגעשלעפּט די בראַילאָווער אײַנוווינער אָבער נישט אַלע. אַ סך האָט מען, ווי מע האָט מײַן מוטער — אָפּגעעקט אין דער היים. די משפּחה פֿונעם באַקאַליי־קליינטיק האָבן די פּאָליציי־לײַט אויסגעשטעלט פֿאַרן הויז און אין אַ וועט־שיסערײַ זיי צעשאָסן מיט איין קוילן־ריי פֿון אויטאָמאַטיש־געווער.

נאָך אַן אַנדערהאַלבן־שעהדיקן דורכקוקן די רשימות האָבן די פּאָליציי־לײַט געמאָלדן, אַז 300 פּאַרשוין — דער עיקרשט שנײַדערס, שוסטערס, קירזשנערס און זייערע משפּחות בלײַבן איבער כדי צו באַדינען די דײַטשע אַרמיי. די איבעריקע וועט מען צעשיסן. אונטער אַ שטאַרקער וואַך האָט די פּראָצעסיע זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. ס׳האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז פֿאַרנט פֿאַר דער קאָלאָנע זענען געגאַנגען מײַן פֿאָטער מיט מײַן שוועסטער, נאָך זיי — אָסקאַר שמאַריאַן, דער 16 יאָריקער בחור, אונדזער קיעווער קרוב, וואָס איז געקומען אויף וואַקאַציעס קיין בראַילאָוו. בײַ דער אַפּטייק האָט מען די קאָלאָנע אָפּגעשטעלט. דער שעף פֿון דער פּאָליציי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פֿאַרגעסן אין יוסף שוואַרץ, וואָס וווינט אויסערן שטעטל נישט ווײַט פֿונעם פּראַוואָסלאַוונע צווינטער. מ׳האָט געשיקט נאָך אים אַ פּאָליציי־מאַן. נאָך עטלעכע מינוט איז געקומען שוואַרץ מיט זײַן פֿרוי און אַרויס אין שפּיץ פֿון אָט דער טרויעריקער פּראָצעסיע.

אַלע זענען געגאַנגען שטיל, פֿאַרשלאָסענע אין זיך און מיטן לעצטן בליק זיך געזעגנט מיט די היימישע ערטער, מיטן לעבן. פּלוצעם האָט זיך איבער דער קאָלאָנע אויפֿגעהויבן אַ געזאַנג. אַ קלינגענדיקע מיידלשע שטים האָט זיך צעזונגען וועגן היימלאַנד, אירע רחבֿותן, אירע וועלדער, ימען און טײַכן. דאָס האָט געזונגען מײַן שוועסטער ראַזאַ. נאָך עטלעכע מינוט איז דאָס ליד דערשטיקט געוואָרן.

כ׳האָב איבערגעפּרעגט עטלעכע עדות און עטלעכע מאָל איבערקאָנטראָלירט דעם פֿאַקט מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט און שטרענגקייט. אַלץ איז געווען געננוי אַזוי ווי ס׳איז דאָ באַשריבן. מײַן שוועסטער האָט קיין מאָל נישט געשמט פֿאַר קיין זינגערין. זי איז אָפּגעוווען אין יענעם שרעקלעכן פֿרימאָרגן אַ פּאָר שעה אויפֿן שטאַרקן פֿראָסט באַרוועס און כּמעט נאַקעט. אירע פֿיס האָבן אָפּגעפֿרוירן. פֿאַרוואָס זשע האָט זי זיך צעזונגען? ווו האָט זי גענומען כּוחות צו אָט דעם לעצטן טאַט אירן?

דער פּאָליציי־מאַן האָט באַפֿוילן שווײַגן, נאָר דאָס ליד איז נישט שטיל געוואָרן. ס׳האָבן אָפּגעקלונגען צוויי שאָס און דאָס ליד איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף שטענדיק. דער פֿאָטער האָט אויפֿגעהויבן דעם גוף פֿון זײַן איינציקער טאָכטער און אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פֿון זײַן לעצטן וועג געטראָגן די טײַערע און הייליקע פֿאַר אים משא צום פּלאַץ פֿון אומקום. ווען די קאָלאָנע איז צוגעקומען צו אַן אויסגעגראָבענעם גרוב, האָט מען דער ערשטער גרופּע באַפֿוילן זיך אויס־

צוטאָן נאַקעט, די קליידער צונויפּלייגן אין איין הויפן און זיך לייגן אויפן גרונט פון גרוב. מײַן פאָטער האָט פאָרזיכטיק אָוועקגעלייגט דעם גוף פון דער שוועסטער אין גרוב און זיך גענומען אויסטאָן. פון דער זײַט פון דאָרף זענען אָנגעפאָרן אַ צענדליק פויערישע שליטנס אויף איבערצופירן די קליידער פון די דערשאָסענע אין די סקלאַדעס פון דער פּאָליצײַ. דערווײַלע איז בײַם גרוב סאַמע פאָרגעקומען עפּעס אומגעריכטס פאַר די תליינים. דאָס מיידל ליזאַ פּערקעל האָט זיך קאַטע־גאָריש אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן, פאָדערנדיק מע זאָל זי צעשיסן אין די קליידער. מע האָט זי געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, געשטאָכן מיט די באַיאָנעטן, נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין האַלדז פון אַ געסטאַפּאָ־וועץ און ווען יענער האָט געפּרוווט זי אָפּשטופּן פון זיך, האָט דאָס מיידל מיט די ציין זיך אײַנגעביסן אין זײַן האַנט. ער האָט זיך צעוואָיעט פון ווייטיק און אים צו הילף האָבן זיך געוואָרפן עטלעכע אַנדערע תליינים. זיי זענען געווען אַ סך און אַלע ביז די ציין באַוואָפנטע, נאָר זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, פון אירע ציין די האַנט נישט אַרויסגעלאָזט.

די פײַניקער האָבן זי אומגעוואָרפן, פּרוּוונדיק אַראָפּצורײַסן פון איר די קליידער נאָר זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, איר איז אויף אָן אויגנבליק געלונגען צו באַפרייען אַ פוס און זי האָט מיט אים מיט אַלע כוחות אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַ געסטאַפּאָווען. דער קאָמענדאַנט קראַפּט האָט באַשלאָסן אַליין צו מאַכן אָרדענונג, איז צוגעגאַנגען נענטער, אָפּגעבנדיק אויפן וועג עטלעכע פאָראָרדענונגען. דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען אויף די פיס. פון מויל האָט זיך געגאָסן בלוט. דאָס קליידל איז געווען צעפליקט אויף שטיקער. רויק און ווירדיק האָט זי באַגעגנט דעם בליק פון צוגעקומענעם קאָמענדאַנט און אים אָנגעשפּיגן גלײַך אין פּנים אַרײַן.

פײַער! — האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשריגן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ. פּערקעל איז אומגעקומען שטייענדיק, באַגעגנדיק דעם טויט אין קאַמף. וואָס האָט געקאָנט טאָן אָן אומבאַוואָפנט מיידל מיט אַ מאַסע תליינים? די דײַטשן האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו צעבערעכן איר ווילן. איר לעצטער פאַרלאַנג איז דערפולט געוואָרן — די דײַטשן האָבן נישט געקענט זי צווינגען זיך אונטערגעבן. הרגענען האָבן זיי זי געקענט — זיי האָבן דאָך געהאַט געווער — נאָר צעברעכן איר ווילן און איר ווירדע איז געווען איבער זייערע כוחות.

מײַן פאָטער האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן דערמיט, וואָס די אויפמערקזאַמקייט פון קאָמענדאַנט, די געסטאַפּאָווצעס און דער פּאָליצײַ איז געווען אָפּגעווענדט דורכן ״אינצידענט״ און דערזעענדיק אַ באַקאַנטע פויערטע, וואָס ער האָט אַ מאָל געהיילט, האָט ער איר אײַנגערוימט: ״גראַפּינאַ, באַהאַלט דאָס יינגל און אַ שטופּ געטאָן אָסקאַר שמאַריאַנען צום הויפן קליידער. די פויערטע האָט אויף אים אַרויפ־געוואָרפן עמעצנס אַ מאַנטל און אין איינעם מיט די קליידער אים אָוועקגעלייגט אויפן שליטן, אַזוי איז דאָס יינגל געליגן אַ מינוט פופצן. דערנאָך האָט דער קאַראַוואַן זיך גערירט אין וועג. די פויערטע האָט שמאַריאַנען באַהאַלטן עטלעכע טעג, אים איבערגעטאָן און יענער איז צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

ער לעבט אויך הײַנט. פון אים טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, ווי אַזוי מײַן משפּחה איז אומגעקומען. אַסקאַר האָט געזען מײַן פאָטער אין זײַן לעצטער מינוט. דאָס לעצטע, וואָס מײַן פאָטער האָט געקאָנט טאָן, האָט ער געטאָן, ער האָט פאַרהיט פאַר אונדזער פאָלק נאָך איין נקמה־נעמער, אַ יונגער, אומבייגעוודיקער און אום־רחמנותדיקער.

ווען סע זענען שוין געווען אומגעבראַכט אַ 200 מענטשן, איז געקומען די ריי אויפֿן פאַרזיצער פון דער בראַילאָווער קהילה יוסף קוליק. די פּאָליציי־לײַט מיט די געסטאַפּאָוצעס האָבן זיך וועגן עפּעס באַראַטן דערנאָך האָט דער פּאָליציי־שעף געזאָגט:

"קוליק, איר קאָנט מיט דער משפּחה זיך אומקערן אין שטעטל, איר וועט ווי ביז איצט זײַן דער פאַרזיצער פון דער קהילה".

קוליקס פרוי האָט גענומען איר טיכל פונעם באַרג קליידער און מיט ציטער־דיקע הענט גענומען זיך אויף גיך אײַנהילן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז על פּי נס איז צום סאַמע קבר אומגעריכט געקומען די רעטונג.

באַסיאַ, וואָרף אַוועק דאָס טיכל, האָט איר דער מאַן געזאָגט שטיל אָבער שטרענג. ווענדנדיק זיך צום פּאָליציי־מאַן האָט ער געענטפערט: ווען איר צעשיסט צוויי טויזנט פון מײַנע בני עיר, האָב איך, דער פאַרזיצער, נישט וואָס צו טאָן אויף אָט דער וועלט.

— איז ווילט איר נישט ראַטעווען דאָס לעבן?

— פונעם פאָלק בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער און וועל בלײַבן דאָרט, ווו ס'איז די מערהײַט, וואָס האָט מיך אויסגעוויילט.

— צום לעצטן מאָל, קוליק, פרעגט מען אײַך, איר וועט גיין אין שטעטל צי ניין?

— נאָר אין דעם פאַל, ווען איר וועט לאָזן די יידן לעבן.

יוסף קוליקן, דעם לעצטן פאַרזיצער פון דער בראַילאָווער יידישער קהילה, דעם פאָטער פון פיר זין אינזשינערן, הײַנט קעמפער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, האָט מען צעשאָסן צוזאַמען מיט זײַן פרוי.

צום עקזעקוציע־פּלאַץ איז צוגעקומען דער שנײַדער יעקב וולאַדימיר מיט זײַן משפּחה. די פּאָליציי־לײַט האָבן זיך לאַנג געפּאַרעט אין דער רשימה און לאַנג צווישן זיך גערעדט.

— וולאַדימיר, מע האָט דאָך אײַך געהייסן בלײַבן אין שטעטל. מיר האָבן נישט קיין אַנדערן דאַמען־שנײַדער.

— איך וועל בלײַבן אויב איר וועט איבערלאָזן מיט מיר מײַן גאַנצע משפּחה.

— מיר האָבן זי דאָך אײַך געלאָזט.

— און מײַן טאָכטער סאָניאַ, מײַנע אייניקלעך.

— ניין, דאָס איז שוין נישט אײַער משפּחה. זי האָט אַ מאַן אין לענינגראַד.

— דאָס איז מײַן אייגענע טאָכטער, ביין פון מײַן ביין און אַן איר בלײַב איך נישט.

פינף מינוט איז אָנגעגאַנגען דער ויכוח פון יעקב וואָלאַדימיר מיט דער פּאָליציי. זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ גוטן שנײַדער. קליידער אין געווען אָנגעראַבעט אַ סך. די פּאָליציי האָט דאָס געוואָלט איבערנייען פאַר זייערע ווײַבער און זונות. נאָר דער דאַרשט נאָך בלוט איז געווען שטאַרקער אַפילו פון דער זשעדנעקייט נאָך פרעמד האָב־און־גוטס. יעקב וואָלאַדימירן האָט מען צעשאָסן צוזאַמען מיט זײַן פרוי, קינדער און אייניקלעך.

די אַקציע האָט זיך דערנענטערט צום סוף און דאַ האָט פּלוצעם אָנגעיאָגט דער אַלטער אַכציקיאָריקער חיים־אהרן מיט אַ ספר תורה אין די הענט. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי. פאַר טאָג האָט די פּאָליציי אים נישט געפונען אין שטוב און ער איז אָפּגעזעסן ביזן מיטן טאָג אין קעלער, דערנאָך איז ער אַרויס אין גאַס און די גאַס איז געווען ליידיק.

— ווו זענען די מענטשן ? האָט ער געפרעגט דעם פאַרבײַגייענדיקן זון פונעם דאָקטער יאַניצקי.

— וואָס הייסט ווו ? מע צעשיסט זיי אַצינדערט הינטער דער מיל.

— בין איך איינער, הייסט עס, געבליבן. ניין, איינער אַליין בלײַב איך נישט.

און כאַפּנדיק דעם ספר תורה איז ער אַנטלאָפן. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געבעטן בײַם פּאָליציי־מאַן איז צו דערלויבן אים זיך צו לייגן אין גרוב צוזאַמען מיט דער תורה. אַזוי האָט מען אים צעשאָסן אַרומגענומען מיט דער תורה, דעם אַלטן שטעטלדיקן בעל עגלה חיים־אהרן.

סך הכל זענען אין יענעם טאָג צעשאָסן געוואָרן איבער צוויי טויזנט מענטשן. געשען איז עס דאָנערשטיק, דעם 12טן פעברואַר 1942, 26 טאָג אין שבט תש״ב לויטן יידישן לוח.

דעם גרוב האָט מען נישט פאַרשיט. מע האָט געוואַרט סע זאָל זיך אומקערן דער קאָנוואָי פון שכנותדיקן שטעטל מעזשוראָוו מיט די דאָרטיקע יידן. בײַם גרוב אויף דער וואָך זענען געבליבן צוויי פּאָליציי־לײַט. אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי איז פון גרוב אַרויסגעקראָכן אַ פאַרבלוטיקטע פרוי. צוואַנציק שעה איז זי געליגן אונטער די טויטע גופים און נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען שווער פאַרוווּנדעט, האָט זי געפונען אין זיך כוחות זיך אַרויסצוראַטשקעווען און אַוועק קריכן. דאָס איז געווען טשעסעלניצקיס שנור, אַ דאָקטאַרקע, וואָס איז אַ טאָג פאַר דער מלחמה געקומען פון קיעוו צו גאַסט קיין בראַילאָוו. זי האָט זיך געבעטן בײַ די פּאָליציסטן, זי צו לאָזן זיך דערשלאָגן צום שטעטל, נאָר זיי האָבן זי צוריק געשטויסן אין גרוב אַרײַן און דערשאָסן.

דריי מעת לעת האָבן זיך, לויט די רייד פון די אָרטיקע אײַנוווינער, די גריבער געוויגט און ס׳האָט זיך אַרויסגעהערט קרעכצן און זיפצן.

אויסער די דרײַ הונדערט, וואָס די געסטאַפּאָ האָט איבערגעלאָזט אין בראַילאָוו זענען פון קעלערס און באַהעלטענישן קעגן נאַכט צו אַרויס נאָך אַ צוויי הונדערט מענטשן. ס׳איז אָפּגעצוימט געוואָרן פאַר זיי אַ געטאָ. נאָר אין דײַטשע קעפּ האָבן געקאָכט געבוירן ווערן אַזעלכע ״געזעצן״, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן

פאַרן דאָזיקן געטאָ. טויטע פון געטאָ נישט אַרויספירן, נאָר, באַגראָבנדיק זיי טיף אין דער ערד, אויסגלייכנדיק דאָס אָרט. אין פאַל, ווען סע ווערט געבוירן אַ קינד, ווערט די גאַנצע משפחה צעשאָסן. אויב אין אַ הויז וועט מען געפינען כאָטש נאָר עטלעכע גראַם פּוטער, פליייש צי אַ הינעריש איי, קומט דער גאַנצער משפחה צעשאָסן צו ווערן.

אין אַפּריל זענען צעשאָסן געוואָרן די לעצטע בראַילאָווער יידן. אַ חודש שפּעטער האָבן די רומעניש ע זשאַנדאַרן פון זשמערינקע אומגעקערט דער דײַטשער פּאָליציי 270 בראַילאָווער יידן. אויסגעשטעלט אין אַ ריי האָט מען זיי געטריבן קיין בראַילאָוו און דאָרט האָט מען זיי, ביי אַט דעם גראַניטענעם באַרג־אַפּריס צעשאָסן.

אין יוני 1942 ביים אַרייַנפאָר אין שטעטל האָבן די דײַטשן אויפגעהאָנגען אַ שילדל: אַ שטאָט אָן זשידעס, אַ יידנריינע שטאָט.

*

געקומען די צייַט אָפּצופאָרן.

— איך האָב צו אייַך אַ גרויסע בקשה — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער שנײַדער אברהם ציגעלמאַן — איר האָט זיך דאָך געחברט מיט מײַנע קינדער און גוט געקאָנט מיין משפחה. פאַר אייַך קאָן איך עפענען דאָס האַרץ. איר ווייסט, סע טרעפט, מיר איז שרעקלעך צו לעבן אויף דער וועלט. איך בין שוין אַ זעכציקער. בין געבליבן אויף דער עלטער דורכויס אַליין — אָן משפחה. אָן פרייַנד, אָן קרובים. נישטאָ פאַר וועמען צו לעבן. נאָר אין מיר ברענט דער צאָרן. צי איז טאַקע בראַילאָוו פון וואַנען סע זענען אַרויסגעקומען 25 דאָקטוירים, 20 אינזשינערן, גאָט ווייסט וויפל יוריסטן, קינסטלער, זשורנאַליסטן, קאָמאַנדירן. צי איז טאַקע בראַילאָוו געוואָרן אַ מדבר ? איר האָט ריכטיק געטאָן, וואָס איר האָט געהייסן אַראָפּהאַקן דאָס שילדל "אַ שטאָט אָן זשידעס", נאָר אַט פאַרט איר אַוועק און איך וויל נישט, אַז בראַילאָוו זאָל זײַן אָן יידן. איך בלײַב דאָ. זאָל זײַן אַפילו די ערשטע צײַט איינער אַליין. דאָס איינציקע, וואָס איך וויל אייַך בעטן. העלפט מיר אומ־צוקערן מײַן ניי־מאַשין. כ׳האָב זי דערקאָנט אין הויז פון אַנטלאָפענעם פּאָליציי־מאַן. זאָרגט אייַך נישט, דער שנײַדער ציגעלמאַן וועט נאָך קאָנען אויפן לעבן זיך פאַרדינען און אין די פרייַע שעהען וועל איך זיצן דאָרט ביי דער מיל, ביי דער גרוב. דאָרט איז באַגראָבן אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט, אַלע מײַניקע. אויך אײַעריקע זענען דאָך דאָרט.

אין עטלעכע שעה אַרום איז די ניי־מאַשין צוריק געשטעלט געוואָרן אויף איר אָרט אין ציגעלמאַנס שטוב. ווען איך בין אָפּגעפאָרן, האָט מיך באַגלייט דאָס שטעפּן פון אַט דער מאַשין. דער איינציקער בראַילאָווער שנײַדער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

קאַפּיטאַן יעפים העכטמאַן

(יידיש פון מ. ה.)

רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק

געטאָ-לאָדזש

שטעכל-דראָטן, בריקן הויכע,
געלע לאַטעס, שאַנד און שרעק,
שוואַרצע וואָגנס פֿול מיט טויטע,
פּוסטע, לאַנגע, הונגער-טעג.

גרוי דער הימל, קאַלט פֿאַרשלאָסן,
ס׳ברענגט דער ווינט פֿון וועלט קיין גרוס,
אַלע טרערן שוין פֿאַרגאָסן,
האָפֿן? גלויבן? — אַלץ אומזיסט.

נאָר די ערד איז גוט און וואַרעם,
ציט די הענט אויס מאַמעדיק,
איינע זי איז גרייט צו געבן,
אַ היים פֿאַר יעדן געטאָ-ייִד.

צו מיין לאַנד

זינג אויס, מיין האַרץ,
דאָס געזאַנג
פֿון פֿאַרשטיינערטער ערד,
וואָס האָט איינגעזאַמלט,
דורך אַרבעט און שווערד,
די פֿאַרטריקנטע גלידער
פֿון אָפּגעראַטעוועטע
שוועסטער און ברידער —
דורכן אייביקן נס!
ווולקאַניש
ווי באַזאַלטשטיין,

איז דאָס לאַנד פֿון ישראל,
און הײַנט —
ווי אַ מאָל —
איז יעדעס פֿאַרגיין —
דער אָנהייב פֿון זײַן.

בלומען פון ישראל

בלומען פֿון ישראל
פֿירט אַ הימל-וועג,
פֿון די געלע זאַמדן
אין דער פֿרײַער וועלט.

רויזן און גלאַדיאָלן,
נעלקן, כריזאַנטעמען,
ווער קאָן די פֿאַרבן מאָלן,
געדענקען אַלע נעמען?

פֿון בלומען, וואָס אַ כישוף
פֿון אַרבעט, מי און שווייס —
האָט די זומפּן פֿונעם ישוב
צו בליונג אויסגעלייזט?

אין אַ וועלט ווו שנאה
האָט דורות אונדז געשטיקט,
טויזנט וווּנדערבלומען
ישראל האָט געשיקט!

ציט פֿון שטאָל אַ פֿויגל
דורך די בלויע הייכן,
פֿירט אַ נײַעם גלויבן
איבער ימען, טײַכן:

אַז שנאה מוז פֿאַרוועלקן
און בלומען אייביק בליען —
אַ בלומענגרוס צו פֿעלקער,
זיך טראָגט פֿון הרי-ציון!

צווישן כרמל און ים

קום, מײַן טײַערער,
גיב מיר דײַן האַנט!
מירן אַוועקשפּאַנען,
איבער דער טרעפּנשטאָט
ביזן כרמל-לאַנד,
קלעטערן ווײַטער און העכער
איבער ביימער-קרוינען
און אַראָפּלאַכן צו די דעכער,
ווו אַלע חיפֿהער וווינען —
ביזן שפּיגל פֿון ים.
מיר די נײַ-געקומענע
פֿון אַלע פּײַנען,
אין צער און טרויער —
וועלן די ייִדן
ווײַסע און ברוינע,
פֿון דער גאָרער וועלט,
אַרומנעמען
מיט אַ ליבשאַפֿט אַ בלויער
אין דער נײַער היים
פֿון אליהו הנביאס געצעלט.
און איינאָטעמען דעם כישוף
פֿון זײַן באַרגיקן שטיין
אין ווײַטן אַרום,
וואָס וואַרט
דור אויס — דור אײַן,
פֿאַרלאָזן און שטום.
זײַן פֿעלדזיק געביין
זאָל אויפֿגיין צום לעבן
אין אַ ליכטיקער היים
פֿאַר יעדן וואָס וואָגלט
נאָכן מבול אַליין.
מירן שטייגן,
צו די אייביקע הייכן,
נאָענט צו גאָט,
שווערן
און האַלטן ס'וואָרט:

לעשן אַלע פֿײַערן
וואָס ווילן צעשטערן
די כּרמלשע פּראַכט —
די פֿעסטונג פֿון ים
פֿאַרכאַפּן אין שלאַכט.
און תּפֿילה טאָן:
זאָל קיין נויט נישט דריקן
אויף קיין הויז, קיין קינד;
זאָל די מידה פֿון רחמים
צװישן יעדע זינד
און בענטשן דעם נס
פֿון אייביקן פֿלאַם
וואָס טראָגט זיך
פֿון גרינעם באַרג
צום זילבער פֿון ים.

רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק

געבוירן אין 1920 אין לאָדזש — פּוילן. אין עלטער פֿון 12 יאָר אָנגעהויבן שרייבן אין דער קינדער־צײַטונג פֿון יאַנאַש קאָרטשאַק. געווען אויף הכשרה אין דער חלוצישער באַוועגונג "גורדוניה". געלערנט ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע אויפֿן לאָדזשער אוניווער־סיטעט. מלחמה־צײַט מיטגעמאַכט געטאָ לאָדזש — אוישוויץ — שטוטהאָף.

אין 1945 אין אַ שווערן צושטאַנד באַפֿרײַט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זי געבראַכט אויף היילונג אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל הינטער מאָסקווע. דאָרט אָנגעשריבן דאָס ערשטע בוך "פֿון לאַגער אין לאַגער" געווידמעט דעם אומקום פֿון די יידישע פֿרויען אין די קאַצעטן. געדרוקט דערציילונגען אין מאָסקווער "אייניקייט". געקומען קיין ישראל אין 1949.

ביז הײַנט דערשינען אין יידישן אָריגינאַל: "פֿון לאַגער אין לאַגער" — בוענאָס איירעס, 1950. "אין זיבערע הענט" — חיפה, 1965. "טויזנט מאָל פֿאַרוואָס" — חיפה, 1971. "צווישן כּרמל און ים" — חיפה, 1975. "די לעצטע — די ערשטע ווערן" — חיפה, 1980. און אין איבערזעצונגען אין עברית זענען דערשינען: "נשים מאחורי הגדר" — ת"א, 1961. "בידים נאמנות" — חיפה, 1964. "אלף פעם למה" — ירושלים 1971. "חיימקה" — ת"א, 1975. "בין כרמל וים" — חיפה, 1976.

יהושע אורבאַס

מיין טאַטע

פֿראַגמענט פֿון אַ ראָמאַן

כ׳גיס ווידער אָן דאָס גלעזל. שטעל עס אַוועק אויפן טישל. קוק דערויף און טראַכט:

וואָס פאַרא נאָמען זאָל איך מיין זון געבן?

כ׳טראַכט פון מיַין זון און כ׳דערמאָן זיך פלוצעם פון מיַין טאַטן.

כ׳דערזע אים, אַ מיטליעריקן, קרעפטיק געבויטן מאַן, מיט אַ גלעזל וויַין אין האַנט שטייט ער בייַם טיש.

ס׳איז שבת אַוונט.

שטייט דער טאַטע מיטן גלעזל וויַין אין האַנט בעתן זאָגן אויפן קול די ווערטער פון דער הבדלה. און איך, וועמען ער רופט אוריאל־אריה ,אויףביידע נעמען, שטיי בייַם זעלבן טיש מיט אַ ברענענדיק ליכט אין האַנט. ס׳איז אַ ספּעציעל ליכט, מיט עטלעכע קנויטן, וואָס מאַכט אַ גרויסן פלאַם.

קוק איך דערויף, אויף אָט דעם פלאַם, כ׳האָב ליב די באַוועגנדיקע לעבעדיקע פאַרבן, וועלכע שפּרינגען, טאַנצן אין דער לופטן... כ׳גיב אויך, פון צייַט צו צייַט, אַ בליק אויפן טאַטן און דערזע מיט אַ מאָל גאָר צוויי, צווי פלאַמען. דער ערשטער — דאָס ליכט אין מיַין האַנט, דער צווייטער — מיַין טאַטנס פּנים. זייַן פּנים ווערט אָפּט מאָל אַזוי, באַקומט אַ פלאַמיקן קאָליר בעת ער זינגט אָדער דאַוונט.

באַלד ווערט שטיל.

דאָס טרינקט דער טאַטע דעם וויַין פון זייַן כוס. אויך מיר גיט ער אַביסעלע צו פאַרזוכן.

ער דערלויבט עס, ווייַל כ׳בין שוין זיבן יאָר אַלט. אַ יינגל פון אַזאַ עלטער אין אַ שטרענג־רעליגיעזער גרויסער משפּחה, איז שוין נישט אַ קינד, נאָר לעבט שוין מיט פליכטן — מוז דרייַ מאָל אַ טאָג דאַוונען, גיין אין חדר, לערנען מיט די קלענערע ברידערלעך אין שטוב דעם ״אלף־בית״, העלפן דער מאַמען אין דער בעל־הבתישקייט, ספּעציעל פרייַטיק, פאַר שבת, מוז מען עס טאָן.

נאָך דער הבדלה זעצט זיך דער טאַטע צום טיש, אַ באַדעקטן מיט אַ וויַיס־בלאַנקענדיקן טישטעך. אויף אים, דעם טיש, וואָס איז אין אַ יידישער שטוב געגליכן צו אַ מזבח, איז פאַראַן ברויט, זאַלץ, מער נישט.

דער טאַטע איז אָבער מקיים די מצווה פון עסן די מלווה־מלכה.

אין מיטן דערינען גיסט זיך אויס אַ ניגון איבער דער שטוב. דאָס זינגט דער טאַטע דאָס קאַפּיטל "אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי" — אַ פּאָעמע, וואָס אין יעדער רעליגיעזער יידישער שטוב הערט זיך שבת אָוונט. דער ניגון געפעלט מיר, ווײַל ער גיסט זיך אויס אין דער שטוב מיט אַ וואַרעמער אַטמאָספערע.

אויך די מאַמע האָט ליב דעם דאָזיקן ניגון. ווײַל בעתן זינגען, טוט זי גאָרנישט, נאָר קוקט אויפן טאַטן.

דער ניגון איז אַן אַלטער. זינט איך געדענק דעם טאַטן ,זינגט ער יעדער וואָך דעם זעלבן ניגון. און ער — זאָגט ער מיר אַנומלט — האָט אים געהערט פון זײַן טאַטן. און זײַן טאַטע — פון אַ פריערדיקן טאַטן...

ציט ער זיך שוין אַזוי, דער ניגון, פון פיל זיידעס...

די זיידעס זענען שוין געשטאָרבן.

דער ניגון לעבט נאָך, קלינגט פריש. אויך איך הייב אים אָן זינגען. זינג אים אַזוי לאַנג צוזאַמען מיטן טאַטן, ביז, זיצנדיק נעבן אים בײַם טיש, ווער איך פלוצעם אַנטשלאָפן. אין מיטן שלאָף דערפיל איך פלוצעם דעם באַריר פון דער מאַמעס האַנט אויף מײַן אַקסל?

— אוריאל־אריה, ס'איז פאַר דיר צײַט צו גיין אין בעט אַרײַן.

— יאָ, מאַמע!

און איך פאָלג.

אַ מאַמען מוז מען פאָלגן!

אין בעט ווער איך אָבער צוריק וואַך, איך קאָן נישט שלאָפן. דריי איך זיך הין און צוריק אויפן געלעגער, קוק אויף דער וואַנט, ביז כ'דערזע ווידער דעם טאַטן, דאָס הייסט זײַן שאָטן, ער באַוועגט זיך איצט צום טאַקט פון אַ נײַעם ניגון, און צו מײַן סורפּריז אַ פיל שענערער ווי דער ערשטער.

דער טאַטע זינגט איצט די פּאָעמע "אמר ה׳ ליעקב, אל תירא עבדי יעקב" — אַ ניגון. ווי אַ לעבעדיק וועזן, אַזאַ וואָס קאָן אין דיר אַרײַנדרינגען טיף־טיף אינעווייניק און גראָבט, נאָגט, — נאָגט אויס אין דיר אַ בענקשאַפט.

אַ בענקשאַפט צו וואָס?

כ'ווייס נישט. כ'ווייס נישט צו וואָס איך בענק.

נאָר כ'ווייס אַז כ'וועל באַלד וויינען.

כ'האַלט זיך אָבער אײַן, מיט אַלע כוחות... עס פּאַסט נישט פאַר אַ ייִנגל אין מײַנע יאָרן עס צו טאָן. איז אַנשטאָט וויינען, הייב איך אויך אָן זינגען, אין דער שטיל אַז דער טאַטע זאָל נישט הערן. זינג אַזוי לאַנג ביז — ביז אויך די וואַנט גופא אויף וועלכער כ'קוק הייבט אָן זינגען, במילא אויך דער סופיט, דער דיל, אויך שוין דאָס פענצטער, דורך וועלכן עס קוקט אַראָפּ צו מיר אַ שטיק הימל מיט די שטערן. אַלץ אַרום מיר זינגט. איך הער זיי, ווי אַ כאָר אַ שיינער כאָר, אַזאַ ווי שבת אין שול.

אַ זינגענדיקער ווער איך, ענדלעך אַנטשלאָפן.

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דער כאָר פאַרשוווּנדן. צוזאַמען מיט אים —

די שטערן, די איינציקע פּײַערדיקע לעמפּלעך, וואָס האָבן פון ווײַטנס מיך געוואַרעמט, געקוקט אויף מיר אין שעהען פון שלאָפלאָזע נעכט.

אַנשטאָט זיי, די שטערן, הענגט איצט אין הימל אַ בלויקייט, אַזאַ לויטערע, אַז זי דערמאָנט מיך אַזש די אויגן, וועגן וועלכע דער טאַטע האָט דעם לעצטן פרײַטיק אָוונט בעת דער סעודה גערעדט:

— די אויגן פון אַן ערלעכן יידן — זאָגט דער טאַטע — זענען אַזוי לויטער, ווי אַ שפּיגל, אין וועלכן אַלצדינג זיך אָנטפּלעקט.

— אַלצדינג? — פרעגט אים די מאַמע.

— אַלצדינג, — ענטפערט דער טאַטע, — ווײַל זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן.

— נאָר בײַ יידן זענען פאַראַן אַזעלכע אויגן? — פרעג איך אים.

קוקט ער מיך אָן, דער טאַטע, ווי ער וואָלט מיך געפאַרשט, ענטפערט:

ניין, נישט בלויז בײַ יידן. נאָר בײַ יעדן ערלעכן מענטשן זענען פאַראַן לויטערע אויגן.

באַלד גיט ער צו:

— בײַ יידן זענען זיי אָבער לויטערער...

— פאַרוואָס?

קוקט דער טאַטע מיך ווידער אָן, טראַכט אַ ווײַלע, ווענדעט זײַן בליק צו די שבת־ליכט און ענטפערט:

— וויסטו מײַן זון, אַז די יידן האָט גאָט געגעבן אַ שווערע אויפגאַבע, זייער אַ שווערע, — אויסצופילן זעקס הונדערט און דרײַצן מצוות. און ווער עס איז זיי מקיים, דער פאַרמאָגט ספּעציעלע אויגן, לויטערע אויגן, אַזוי לויטער, אַז קיין אַנדערער מענטש פאַרמאָגט זיי נישט.

קוק איך איצט דורכן פענצטער צום הימל און בעט ג־ט אַז אויך איך זאָל זוכה זײַן צו האָבן אַ מאָל אַזעלכע אויגן... צוזאַמען מיט דער דאָזיקער בלויער לויטערקייט, הענגט איצט אין הימל אויך אַ שטילקייט. אַ שטילקייט אַזאַ, וואָס איז נישט געשטערט פון קיינעם, ווײַל אַלץ אַרום שלאָפט נאָך, די גאַס, די ערד, די שטוב, די מאַמע, דער טאַטע, די ברידער, די שוועסטער, אַלצדינג, אַפילו די פייגל.

אָט דערזע איך זיי דורכן פענצטער: זיי טוליען זיך איינער צום אַנדערן מיט די קליינע פליגעלעך צווישן די גרינע בלעטעלעך פון די ביימער. פייגל און צווײַגן. זיי האַרמאָנירן ווי אַ ליד און אַ ניגון.

און ווי אַזוי קאָנען אָט די צווײַגן, אַפילו די קלענסטע, טראָגן אויף זיך די אָן אַ שיער פייגל און זיך נישט איבערברעכן?

כ'ווייס נישט...

פלוצעם דערהער איך אַ סקריפּ.

דאָס וועקט זיך שוין דער טאַטע.

פאַרמאַך איך גיך די אויגן, אַז ער זאָל נישט זען איך בין וואַך און אַזוי.

מאַכנדיק זיך שלאָפן, הייב איך אים אָן נאָכשפּירן.

אַט דערהער איך ווי ער גייט אַראָפּ פון בעט. ציט אויף זיך אַרויף די הויזן, דאָס העמד, מאַכט אַ טראָט, אַ שטילן, אַזאַ שטילן, ווי ער וואָלט אים גאַרנישט געשטעלט אויפן דיל, נאָר אין דער לופטן... און אַזוי — אַ צווייטן, אַ דריטן און אַט איז ער שוין ביי דער טיר וואָס פירט אין צווייטן צימער.

די טיר עפנט זיך, אָן אַ סקריפּ.

אַזוי עפענען אַ טיר, קאָן נאָר דער טאַטע...

פילנדיק, אַז דער טאַטע איז שוין אַרײַן אין צווייטן צימער, עפן איך צוריק די אויגן. „פליפּ, פליפּ!" — דערהערט זיך באַלד אַ פליסן פון וואַסער. דאָס וואַשט זיך שוין דער טאַטע די הענט, דאָס פּנים. און ווידער שטיל...

דריי איך זיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר, קוק אויף איר, קוק אויף איר, ביז כ'דערזע אַ שפּאַלט.

דורך דער טיר־שפּאַלט דערזע איך ווידער דעם טאַטן. ער שטייט איצט בײַם טיש, ווו ער ציט אויף זיך אַרויף דעם טלית, די תפילין און דערנאָך גייט ער צום ווינקל בײַם פענצטער. דאָרט פאַרדעקט ער זײַן קאָפּ מיטן טלית און בלײַבט שטיין אָן אַ שום באַוועגונג.

האָב איך נישט ליב ווען אַ מענטש באַוועגט זיך נישט.

דעם טאַטן האָב איך אָבער יאָ ליב...

וויל איך וויסן, פאַר וואָס ער איז אַזאַ, אַזאַ שווײַגנדיקער, אָן אַ שום באַוועגונג, ווי אָן לעבן. פאַלט מיר אײַן אים באַטראַכטן. ער באַטראַכט מיך אָפּט מאָל. מעג איך כאָטש איין מאָל. קוק איך אַזוי אויף אים.

קוק אויף אים מיט באַטראַכטנדיקע אויגן. קוק אויף אים אַזוי לאַנג, ביז צו מײַנע אויערן דערגייט עפּעס ווידער אַ געזאַנג. דאָס הייסט דער טאַטע איז גאַרנישט אַזאַ שטילער... דער טאַטע זינגט ווידער. עס דערגייט צו מײַנע אויערן אַ ניגון אין אַזאַ שטילקייט, ווי עס וואָלט פון איין צימער צו דעם צווייטן געפלאָסן אַ שמאָל, זייער אַ שמאָל, דין וואַסערל, וואָס ריזלט און שווימט אָן אָן אויפהער, מיט אַזאַ ריטעם, אַז נאָר דער רבונו־של־עולם און איך קאָנען עס דערהערן.

מיך הייבט אָן פּלוצעם שטיקן אין האַלדז...

די טראָפּנס קומען פון טאַטנס אויגן.

פאַר וואָס וויינט דער טאַטע? וואָס טוט אים ווי?

און אויב אַזוי — ווי קאָן ער זינגען? ווי קאָן אַ מענטש לײַדן יסורים און אין דער זעלבער צײַט זינגען?

איך ווייס נישט!

וויל איך אויסשרײַען, עפּעס טאָן... נאָר כ'האָב מורא!

בײַס איך זיך די פינגער, כ'מיין אַז כ'וועל באַלד שטאַרבן...

טאָמער עס וועט דויערן נאָך אַ רגע, בין איך שוין טויט.

פּלוצעם באַוועגט זיך דער טאַטע.

כ׳זע ווי ער מאַכט אַ טראַט. גייט צוריק צום טיש, ציט פון זיך אַראָפּ די תפילין, דעם טלית, לייגט זיי אַרײַן אין אַ טישלאַד.

דערנאָך נעמט ער אַ זאַק אין דער האַנט, לייגט אַרײַן אין זאַק עטלעכע שטיקלעך ברויט, אַ שקאַרמיצל זאַלץ. נעמט דעם זאַק אויפן פּלייצע און לאָזט זיך צו דער ברייטער טיר און —

פאַרלאָזט דאָס הויז.

ווי נאָר ער איז אַריבער דער שוועל, בין איך אַראָפּ פון בעט. מיטן גרעסטן אימפּעט צי איך אויף זיך אַרויף די הויזן, דאָס העמד און לויף.

— טאַטע, טאַטע, טאַטע! — שרײַ איך נאָך דעם ווי איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב — ט־אַ־ט־ע!...

דער טאַטע, אַ צעטומלטער, בלײַבט שטיין, קוקט זיך אַרום, דערזעט מיך.

כ׳ווייס נישט פאַר וואָס פון מיר האָט מיט אַ מאָל אַזאַ פלייץ געטאָן מיט טרערן. אַז כ׳האָב ממש פאַרלוירן מײַן באַוווסטזײַן...

ווען כ׳האָב צוריק געעפנט די אויגן, דערזע איך זיך זיצן אויפן טאַטנס הענט און ער ווישט מיט זײַן טיכל מײַן פּנים, רעדט צו מיר מיט אַ ניט געוויינלעך ווייך קול:

— וואָס איז מיט דיר, אוריאל־אריה? פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? אַזוי פרי און שלאָפסט נישט. ס׳יאָז ערשט זעקס דער זייגער, נישט מער, און דו ביסט שוין אָנגעטאָן. דו טאָרסט עס נישט. דו מוזסט שלאָפן, זיך אויסרוען, כדי זאָלסט קאָנען שפּעטער אויפשטיין און גיין אין חדר. דו הערסט מיך?

— יאָ, טאַטע! — ענטפער איך און קלאַמער זיך מיט ביידע הענט אַרום זײַן האַלדז:

— גיי נישט אַוועק, טאַטע! בלײַב אין הויז, טאַטע!

ז׳ער טאַטע, נאָך מער אַ צעטומלטער, קוקט מיך אָן און ווייסט נישט וואָס מיט מיר אין געשען...

אויך איך גיב אַ קוק אויף אים און דערזע בײַ אים זײַן בליק, אַזאַ זוכנדיקער, ווי נאָך קיין מאָל נישט... אַ נײַער בליק... און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ אים, ווי אַ האַמער.

פלוצעם לאָזט ער אַראָפּ די אויגן...

בלײַבט שטיין ווי פאַרלוירן...

ווען ער עפנט זיי צוריק אויף, זאָגט ער מיט אַ געבראָכענער שטים, ווי ער וואָלט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט:

— אוריאל־אריה, איך מוז עס... מוז עס... מוז גיין זוכן פּרנסה...

און לאָזט צוריק אַראָפּ די אויגן מיט אַזאַ בליק, ווי ער וואָלט געזוכט הילף... הילף פון וועמען...

איך קריג אויף אים אַ רחמנות...

איך האָב שוין חרטה אויף מײַן גאַנצער האַנדלונג און אויף מײַנע רייד. פלוצעם גלײַכט ער זיך אויס, לאָזט מיך אַראָפּ, ווערט צוריק שטרענג, באַפעלט:

— אוריאל־אריה, גיי צוריק אין שטוב אַרײַן!

איך קריג פּאַר אים מורא, ווי געווײנלעך. נאָר כ׳פּאָלג אים נישט. כ׳קאָן אים הײַנט נישט פּאָלגן. דאָס ערשטע מאָל אַז כ׳פּאָלג נישט דעם טאַטן.

אַנשטאָט אין שטוב, בלײַב איך שטיין אויף דער שוועל, אין דער טיר, וווּ ער וועט מיך נישט דערזען...

און ווי נאָר ער האָט זיך געלאָזט מיטן זאַק אויף דער פּלייצע ווײַטער גיין, האָב איך אים אַנגעהויבן נאָכקוקן, געזען ווי ער דערווײַטערט זיך.

געזען אַן אײנציקן מענטשן אין געסל.

זײַן גוף, אַ הויכער, האָט אויסגעזען נאָך העכער, ווי אַ מאָל שמשון הגיבור.

נאָר וואָס מער ער גייט, קלענער ווערט ער, אײַנגעשרומפּן. שוין אויסגע־גאַנגען דאָס גאַנצע געסל, פאַרקערעוועט ער זיך צום אָפענעם גרינעם פעלד, לאָזט זיך גיין אויף דער סטעזשקע צווישן די ביימער. גייט אַזוי לאַנג ביז דער שטח שלינגט אים אײַן.

זײַנע טריט, די לעצטע טריט, האָבן אָפּגעהילכט אין מײַנע אויערן, ווי די קלעפּ פון אַ שאַרפער האַק אין אַ מעכטיקן בוים.

נאָך דעם, ווי ער איז שוין אין גאַנצן פאַרשווּנדן ,בין איך אָלץ נישט געגאַנגען אין שטוב, נאָר אַרײַן אין גערטנדל, וואָס הינטער אונדזערע פענצטער. ס׳איז אַ קליין, אָבער שיין גערטנדל מיט צוועלף ביימער. יאָ, צוועלף. כ׳האָב זיי ערשט נעכטן איבערגעציילט. און ווײַל צוועלף, די זעלבע צאָל ווי מײַן משפחה, פאַלט מיר אײַן זיי צו געבן נעמען.

פאַרוואָס נישט?

מענטשן האָבן נעמען, זאָלן אויך האָבן ביימער. רוף איך די העכסטע צוויי: פעסל־שיינדל און יצחק־דניאל — די נעמען פון מײַן טאַטע־מאַמע. די אַנדערע: יעקב־שמעון, מרדכי, עזרא, משה, פנחס, ירחמיאל — דאָס זענען די ברידער. רייזל און יוכבד — מײַנע שוועסטער. דאָס קלענסטע ביימל רוף איך: חיים־יונתן — מײַן ברודערל וואָס איז געוואָרן נעכטן צוויי חדשים אַלט. צום סוף דעם שענסטן בוים רוף איך: אוריאל־אריה — דאָס בין איך גופא...

נאָך דעם ווי אַלע ביימער האָבן נעמען און יעדער בוים שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיטגליד פון מײַן משפחה, ווער איך מיד. צי איך זיך אויס אויף דער ערד, אויפן גראָז, נעבן בוים "יצחק־דניאל", טוליע זיך צו אים און ווער אַנטשלאָפן.

אין מיטן שלאָף דערפיל איך ווידער אַ באַריר פון דער מאַמעס האַנט אויף מײַן אַקסל:

— אוריאל־אריה, ס׳איז צײַט צו גיין אין חדר!

— יאָ, מאַמע! — ענטפער איך, בעת כ׳בין געבליבן שטיין אויף די פיס. און כ׳איל זיך וואַשן, זאָגן "מודה־אני".

אַ מאַמען מוז מען פאָלגן!

אין חדר קאָן איך אָבער נישט לערנען. דעם גאַנצן טאָג נישט.

דער רבי קנעלט, מאַטערט זיך און איך קוק אויף אים און זע אים נישט.

כ׳זע זיך אין דער היים, אין גערטנדל. כ׳טראַכט פון טאַטן, דער מאַמען, די ביימער, די פייגל, ווידער וועגן טאַטן. כ׳האָב אים אַזוי ליב! עד זינגט אַזוי שיין! קאָן אַזוי פיל ניגונים!... ווי אַזוי האָט ער זיי אויסגעלערנט?... זינגט ביַי נאַכט. זינגט אין פרימאָרגן. זינגט ווען ער איז פריילעך. זינגט ווען ער איז טרויעריק. אַפילו ווען ער ליַידט יסורים...

א טאַטע מיט ניגונים.

ניגונים און — טרערן.

אומקערנדיק זיך פון חדר, איז דער טאַטע אין הויז נאָך נישט געווען.

דער טאָג נעמט זיך שוין לעשן. און ער איז נישטאָ.

די מאַמע קאָכט שוין וועטשערע. און ער — ער איז נישטאָ.

לסוף... לסוף ווערט זי אומרואיק, הייבט אָן קוקן צו דער טיר, צום פענצטער. באין ברירה, הייבן מיר אָן עסן אָן אים.

דאָס ערשטע מאָל עסן מיר אָן דעם טאַטן.

כ׳וועד אויך אומרויק... לויף איך... לויף אַרויס פון שטוב.

כ׳בליַיב שטיין אויף דער שוועל, אויפן זעלבן אָרט ווו אין פרימאָרגן און קוק אויפן אָפענעם פעלד ווו דער טאַטע איז פאַרשווונדן... איך טראַכט, אַז דורך דעם זעלבן פעלד, וועט ער זיך אומקערן... זיכער אַזוי....

וואַרט איך, וואַרט איך. וואַרט אַזוי לאַנג ביז דער טאָג איז פאַרביַי.

פונקט אַזוי, איז אויך אַ צווייטער טאָג פאַרביַי.

און אַ דריטער...

אויפן פערטן טאָג, גליַיך אין פרימאָרגן, איז די מאַמע, ווי גאָרנישט איר שטייגער, אויפגעשטאַנען, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער. און ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, האָט זי גענומען דאָס טיכל אויפן קאָפּ און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— וווהין גייסטו, מאַמע?

— צום רבין.

נאָך דעם ווי זי איז אַרויס פון שטוב, האָב איך אויך זיך אַרויסגעגליטשט, שטיל, אַז זי זאָל מיך נישט זען און אָנגעהויבן גיין הינטער איר.

און ווען שוין אָנגעקומען צום רבינס הויז, בין איך פּלוצעם אַרויסגעשווומען פאַר אירע אויגן בעת זי האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

די טיר האָט זיך געעפנט און איך האָב דערזען דעם שמש.

זיַין נאָמען איז ר׳ אַהרן שולמאַן. איך קען אים זינט איך האָב אָנגעהויבן גיין מיטן טאַטן יעדן שבת אַהער צום דאַוונען. ער טראָגט אַ לאַנגע, וויַיסע באָרד, אַ שטריַימל, אַן אויסגערייבענע קאַפּאָטע. ער האָט מיר דעם לעצטן שבת נאָכן דאַוונען געגעבן אַ קניפּ אין באַק און אַ צוקערל.

— פאַרוואָס אַ קניפּ אין באַק, ר׳ אהרן? — פרעג איך אים אין מיטן קיַיען דאָס צוקערל. ענטפערט ער נישט, נאָר קוקט אויף מיר און לאַכט אין זיך אַריַין...

כ׳האָב אים ליב ווען ער איז אַזאַ, אַ לאַכנדיקער, אפילו, ווען ער קנײַפּט...

איצט נאָכן עפענען די טיר, הייבט ער אָן קוקן מיט שטוינענדיקע אויגן אויף מיר, אויף דער מאַמען, פרעגט:

— אַזוי פרי?... צום רבין אַזוי פרי?... און פאַר וואָס עפּעס מיט דער מאַמען, אוריאל־אריה?... וואָס האָט פּאַסירט?...

נאָך דעם ווי ער האָט דערהערט די סיבה, האָט ער ברייטער געעפנט די טיר.

מיר זענען אַרײַן, געבליבן זיצן אין וואַרט־צימער, בעת ער, דער שמש ר׳ אהרן שולמאַן איז אַרײַן אין חדר צום רבין.

אויף דעם רבין קען איך. זײַן נאָמען איז רב מענדל, נאָר רופן רופט מען אים רב מענדעלע.

רב מענדעלע, ווײַל אַ חוץ אַ רבי, איז ער אויך אַ דאָקטער, היילט די אַלע אָרעמע יידן אין דער שטאָט. היילט זיי מיט גוטע רייד און אויך מיט געלט, וואָס ער אַליין שאַפט בײַ רײַכע בעל־הבתים אין שטאָט. מען זאָגט וועגן אים, אַז ער קאָן אויך מעדיצין, אַליין שטודירט פון ספרים.

שבת טראָגט ער אַ זײַדן מלבוש און אַ צעשטראַלט פּנים. איצט — אַ פּראָסט מלבוש און אַ פאַרקנייטשט פּנים.

נאָך דעם ווי רב מענדעלע האָט אויסגעהערט די מאַמע, רופט ער אַרײַן צוריק דעם שמש, און מיר גייען צוריק אין וואַרט־צימער.

דער שמש, ר׳ אהרן שולמאַן, פאַרלאָזט באַלד דעם רבינס הויז.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין הויז יידן. נאָך דעם ווי דעם רבינס הויז איז שוין געוואָרן פול, האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַר־זאַמלען אין הויף.

ווען דער הויף איז אויך שוין געוואָרן פול, איז דער רבי אַרויס, געבליבן שטיין אויף דער שוועל און באַפוילן די יידן צו פאַרמאַכן די געשעפטן, וואַרשטאַטן און גיין זוכן מײַן פאַרלוירענעם טאַטן.

די עדה יידן האָט זיך אײַנגעשטעלט אין גרופּעס, הונדערט אין אַ גרופּע, און אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם הויף.

אין דער לעצטער גרופּע האָב איך פלוצעם דערזען מײַן פעטער אַבֿרהמע׳ן — אַ הויכער, פונקט ווי מײַן טאַטע. אויך זענען בײַ אים די אויגן ענלעך אויפן טאַטנס, דורכדרינגלעכע...

— פעטער, פעטער! — שרײַ איך, בעת כ׳שטופּ זיך דורך צו אים אַ וועג. — פעטער, נעם מיך מיט מיט זיך...

דער פעטער אַבֿרהם בייגט זיך אַראָפּ צו מיר, קוקט מיר גלײַך אַרײַן אין די אויגן, אַ קוק ווי ער וואָלט געוואָלט דערזען נישט בלויז מײַן פּנים, נאָר מײַן האַרץ... און שטרעקט אויס זײַן האַנט צו מיר.

גייען מיר צוזאַמען.

אונדזער גרופּע האָט זיך גערופן די ״נײַנטע״.

נאָך אַכט טעג זוכן אין אַלע דערפער, וועלדער אַרום דער שטאָט, האָט אַ ייד, אַ פאַרשטויבטער פון די פיס ביז איבערן קאָפּ, מיט אַ פאַקל אין האַנט, וואָס ער האָט אָנגעצונדן ביי נאַכט, כדי צו באַלייכטן דעם וועג, דערזען פלוצעם ליגן אין מיטן דעמבעוואַלער וואַלד אַ יאַרמלקע.

דער דאַזיקער ייד, וועמענס נאָמען איז געווען ברוך גראַבער, האָט, נאָכן באַטראַכטן די געפונענע יאַרמלקע, געגעבן סיגנאַלן צו זיין גרופּע און דורך איר, אויף פערד געדונגענע ביי פויערים, געלאָזט וויסן די אַלע אַנדערע זוכנדיקע גרופּעס.

אין דעם זעלבן טאָג, אָוונט צו, איז דער דאַזיקער דעמבעוואַלער וואַלד, פונקט ווי מיט ביימער, געוואָרן געדיכט מיט מענטשן.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען דעם טאַטן אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן, וועלכער האָט אים געפירט אין שטאָט אַריין.

נאָכן וואָגן זענען איצט, אין מיטן נאַכט, נאָכגעגאַנגען טויזנטער מענטשן, די גאַנצע יידן־עדה פון מיין שטאָט אָסטראָווצע. זי, די עדה־יידן, האָט געברענגט מיין טאַטן צו קבר־ישראל, באַגלייט אים צו זיין אייביקער רו.

ס'איז געווען י״ג תמוז תרפ״ד, יולי 1924, עטלעכע יאָר פאַר דער היטלער־עפּאָכע, ווען אין דער לופט האָט זיך שוין דערפילט דער סם פון אַנטיסעמיטיזם.

אויך איך בין נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן, געשטאַנען ביים אָפענעם קבר — אַ קבר אין וועלכן מען האָט אַריינגעלייגט דעם ערשטן קרבן, אַ פאַרויסגייער פון אַ חורבן, וואָס רוקט זיך אָן...

איך האָב דעם קבר אַריינגענומען אין זיך, אין האַרצן און טראָג אים.

נאָך דער לוויה האָט מען אין דער שטאָט דערציילט ווי אַזוי מען האָט דעם יידן יצחק־דניאלן פאַרנאַרט אין אַ דאָרף און — דערהרגעט.

געווען איז אַזוי:

נישט ווייט פון דער שטאָט, איז געלעגן אַ דאָרף מיטן נאָמען גראַבאָווצע. דאָרט, אין גראַבאָווצע, האָט געוווינט אַ פויער מיטן נאָמען סטאַניסלאַוו אָזשעל.

דאָס איז געווען אַ יונגער, קרעפטיקער פּאַליאַק, וואָס האָט געהאַט אַ כלה און געגייטיקט זיך זייער שטאַרק אין געלט אויף צו פּראַווען זיין חתונה.

דער דאַזיקער סטאַניסלאַוו אָזשעל האָט געקענט מיין טאַטן, געוווסט אַז זיין פּרנסה באַשטייט פון גיין אין די דערפער און קויפן אַלטע פעדערן, זיי ברענגען אין שטאָט צו אַ הורטאַווניק.

וויסנדיק דאָס, האָט דער דאַזיקער סטאַניסלאַוו אָזשעל, איין מאָל, דערזען מיין טאַטן דורכגיין זיין דאָרף, אָפּגעשטעלט:

— העי ייד, כ'האָב פעדערן צו פאַרקויפן. קום זשע און קויף זיי!

דער טאַטע האָט געהערט, געגלייבט, גענומען דעם אַדרעס און באַשטימט די צייט פון קומען מאַכן דעם מסחר.

ס'איז געווען יענער פרימאָרגן, ווען איך האָב דעם טאַטן געזען דאָס לעצטע מאָל.

דער טאַטע האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, ווי שוין באַוווסט, אין פריען פרימאָרגן.

אָנגעקומען אין דאָרף גראַבאָווצע — ווען ?

קיינער ווייסט עס נישט.

נאָר מען ווייסט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין אָט דעם דאָרף גראַבאָווצע און שוין דערגרייכט די כאַטע פון סטאַניסלאַוו אַזשעל, איז די טיר געווען פאַר־שלאָסן.

האָט דער טאַטע געוואַרט . . .

וואַרט ער, וואַרט ער אַזוי נעבן דער טיר . . .

אַנשטאָט סטאַניסלאַוו אַזשעל, קומט גאָר אָן אַן אַלטע פרוי. בעתן אויפשליסן די טיר, דערזעט זי דעם יידן, פרעגט זי :

— וואָס וואַרט איר דאָ, מענטש ?

און ווען זי האָט דערהערט זײַן ענטפער, אַז ער איז געקומען צום דאָזיקן אַדרעס קויפן פעדערן, שטויגט זי, פאַרשטייט נישט פאַר וואָס איר זון האָט מטריח געווען אַ יידן קומען, ווען זי פאַרמאָגט אַבסאָלוט נישט קיין פעדערן, אַפילו נישט אַן איינציקן קישן, אויף וועלכן זי זאָל אָנוועקלייגן איר מידן קאָפּ אין די נעכט.

דער טאַטע, נאָך דעם ווי ער האָט געהערט דער פויערטעס רייד, האָט זיך גלייך פאַרנומען אויף צוריק, דורך דעם דעמבעוואָלער וואַלד, וואָס עס איז געווען דער קירצסטער וועג אין שטאָט אַרײַן.

ס'איז שוין געווען נאָך מיטאָג.

האָט דער טאַטע זיך געשטעלט אין שאָטן פון אַ בוים דאַוונען מנחה.

אין מיטן דער שמונה־עשרה איז סטאַניסלאַוו אַזשעל, טראָגנדיק אַ האַק הינטער זיין פּאָלע, אָנגעלאָפן אויף די שפּיץ פינגער גלײַך אויפן טאַטנס פּלייצע.

דער טאַטע האָט נישט באַוויזן צו מאַכן די קלענסטע באַוועגונג . . . דערנאָך . . .

דערנאָך האָט סטאַניסלאַוו אַזשעל אָנגעהויבן זוכן אין די נאָסע, מיט בלוט באַגאָסענע, וואַרעמע קעשענעס —

ער זוכט אַ פאַרמעגן, דעם יידנס פאַרמעגן . . .

זוכט און געפינט עס . . .

— צען זלאָטעס ! דאָס איז אַלץ ! . . .

צוליב נאָך נישט אויסגעקלאָרטע פּרטים וועלן מיר געבן אַ ביאָביבליאָגראַפישע נאָטיץ וועגן שרייבער יהושע אורבאַם אין קומענדיקן נומער פון אונדזער אויס־גאַבע.

מאיר חרץ

קלאָרקייט

1

קלאָרקייט איז ווונדער, איז פּולער גענוס,
קלאָרקייט איז ריַיפקייט — אַ פּולע נוס,
ריר אָן די שאָלעכץ אין סאַמע ברוסט,
עפֿנט די נוס זיך און אַלץ איז באַוווּסט.
קלאָרקייט איז שלמות, איז מאה אחוז.

קלאָרקייט איז אָפֿן — אַן אָפֿענע קאָרט,
קלאָרע דיבורים, אַ וואָרט איז אַ וואָרט
אויסגעשליפֿן און אויסגעקלאָרט,
אויבן איז אויבן און דאָרט איז דאָרט.
קלאָרקייט — אַ שליסל צו יעדער אָרט.

אויב סע טרעפֿט אַ נעפּל אַ מאָל
און אַ הייזעריק ווייטיקדיק קול
שריַיט פֿון שפּיטאָל, פֿון פֿאַרנעפּלטן טאָל,
ליַיטערט דער טאָל זיך אויס מיט אַ מאָל,
ליַיטערט זיך אויס אויך דעם קראַנקנס קול,
שטייט דער שפּיטאָל ווי אַ שלאָס פֿון קרישטאָל.
קלאָרקייט איז היילונג, איז וואַרעמע וואָל.

2

ווי שאַרף. ווי קלאָר. ביז ווייטיק קלאָר.
דער ווייטיק לאָזט די אויגן נישט פֿאַרמאַכן,
כאָטש אויף אַ קליינער רגע נאָר,
סע באָדן זיך אין קלאָרקייט אַלע זאַכן
און טויכן אויף נאָך מערער קלאָר,
נישטאָ וווּ צו אַנטרינען פֿון דער וואָר.

די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פֿון דער הויט דאָס קלייד,
די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פֿון לײַב די הויטן
און ס׳רינען בלוטן אָפּגעדעקטערהייט
און ביין און פֿלייש באַגיסן זיך מיט רויטן
און קלאָר דער טויט אונדז פֿאַר די אויגן שטייט
און דאָר אַזוי איז קלאָרקייט פֿרייד.

זאָגט דער יצר טוב:

שיינקייט, ווײַז דײַן פּנים, טו די מאַסקע אויס —
אין די קליינע שיינע אויערן לאָז די אויערינגלעך בלויז,
עפֿן אויף דאָס גרויסע פֿענצטער און די אויגן עפֿן גרויס.

שיינקייט, הייב אָן ווידער פֿונעם אָנהייב, לערן זיך דעם אַלף-בית,
נעם, באַדין זיך מיט די שאָטנס, וויש מיט זיי דיר אָפּ דעם שווייס,
ווען אין דרויסן ברענט דער זומער און די שטיינער זענען הייס.

שיינקייט, ריר זיך און אָן פּחד מאַך דעם ערשטן פֿרײַען שפּאַן
נאָך דעם דרייסטער גיי דײַן וועג דיר, ווערסטו פֿילן, ס׳איז פֿאַראַן
אַזאַ היטער, וואָס ער היט דיך, אַזאַ ריטער, אַזאַ מאַן.

קראַפֿט און שיינקייט, כ׳וויל אײַך בענטשן פֿון מײַן ווינקל, פֿון אַ זייט,
אײַער גיין און אײַער שטייז אין דער נאָענט, אין דער ווײַט
און דערנאָר וועלן זיך בענטשן מיטן זיווג גאָט און לײַט.

רוף מיך נישט

רוף מיך נישט אין וואַלד צוריק,
נישט דערפֿאַר בין איך אַנטלאָפֿן.
כ׳האָב געלאָזט פֿון זיך אַ שטיק
אויפֿן גראָז, ווו כ׳בין געשלאָפֿן.
נישט געשטאָרבן יענע טייל,
וואָס געלאָזט כ׳האָב דאָרטן ליגן,
ס׳איז מײַן ווונד מיר נישט פֿאַרהיילט
און זי לאָזט זיך נישט פֿאַרוויגן,

ניִשט פֿאַרזינגען מיט קיין ליד,
ניִשט קיין מעשה זיך דערציילן,
ניִשט פֿאַרהיילט איז נאָך דער שניט
און ער וויל זיך ניִשט פֿאַרהיילן.
טראָג איך זיך אַרום מיט אים
אַ פֿאַרדעקטן און נישטאָ אים,
און ס'איז האָפֿערדיק מײַן שטים
און אַ פֿריילעכס איז מײַן פּנים.
ס'איז אַ מאַסקע אויף די הויט
אויף מײַן לײַכט געקנייטשטן שטערן,
טיף אין מיר נאָר בריט און בלויט
און דאָס בלוט לאָזט קוים זיך הערן
אינעם שלאָגן פֿון מײַן האַרץ,
אינעם ציטער פֿון די ליפּן
און דאָס האַרץ בלײַבט אַ פֿאַרשפּאַרטס
אינעם קאַסטן פֿון די ריפּן.
איך בין שטאַרקער פֿון מײַן בלוט,
איך בין קלוגער פֿון מײַן גורל,
ס'האָט מײַן גײַסט ניִשט אָפּגערוט
און געפֿונען — ניִשט פֿאַרלוירן.
האָט געזוכט מײַן זיידנס וויג
און ער האָט זי דאָ געטראָפֿן.
רוף מיך ניִשט אין וואַלד צוריק,
ניִשט דערפֿאַר בין איך אַנטלאָפֿן.

שונאים

אין איינער אַ שטאָט אויפֿן זעלבן געסל
אין זעלבן הויז אויפֿן זעלבן גאָרן
אין צוויי באַזונדערע דירות געזעסן
צוויי קלוגע זקנים אַלע זייערע יאָרן.

און פֿײַנט געהאַט האָבן זיי איינער דעם צווייטן
מיט גאָר דער חכמה, מיטן גאַנצן שכל
און איינער דעם צווייטן פֿלעגט באַגלייטן
מיט שנאה-בליקן און שפּאָטישן שמייכל.

זיי האָבן זיך נישט באַגריסט אַפּילו,
ווען זייערע בליקן פּלעגן זיך טרעפֿן,
עס האָבן קללות געברענט אויף די ליפּן,
נאָר ס'האָט זיך קיין מויל נישט געטאָן קיין עפֿן.

און אָט אַזוי זענען יאָרן געפֿלויגן,
און אָט אַזוי זענען יאָרן געקראָכן,
און ס'האָבן די אַלטע און קראַנקע אויגן
זיך איינע די צווייטע נאָך שפּיזן געשטאָכן.

ביז איינעם אַ טאָג איז איינער געפֿאַלן
אַ טויטער און ס'האָט אים צו אַלעמענס שטוינען
דער צווייטער באַוויינט מערער פֿון אַלע,
מיט ביטערע טרערן באַוויינט זײַן שונא.

האָט לאַנג נישט געקאָנט דעם בראָך אויסהאַלטן
און נאָכגעשטאָרבן נאָך עטלעכע וואָכן
און לויט דער צוואה מע האָט אים באַהאַלטן
אויף דאָרטן נעבן זײַן אַלטן שכן.

*

ייִדיש-ידיעות

דיכטער דוד ספֿאַרד אין פּאַריז

דער דיכטער דוד ספֿאַרד — מיטרעדאַקטאָר פֿון "ירושלימער אַלמאַנאַך" און זײַן פֿרוי ריבקה, אַ פּראָפֿעסאָרין פֿון פֿילם־קונסט אין תל־אָבֿיבער אוניווערסיטעט, געפֿינען זיך אין פּאַריז אויף אַ לענגערן באַזוך.

די געסט ווערן דאָ זייער וואַרעם אויפֿגענומען אויף גרעסערע און קלענערע מסיבות.

דער קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרייך, צוזאַמען מיטן פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, האָט דורכגעפֿירט צוויי זייער געלונגענע ליטע־ראַרישע נאָכמיטאָגס. דער ערשטער, מיט דער באַטייליקונג פֿון דעם דיכטער דוד ספֿאַרד, אויף וועלכער עס זענען אויך אַרויסגעטראָטן די שרײַבער משה שולשטיין און מרדכי ליטווין און מיט רעציטאַטציעס פֿון דוד ספֿאַרדס ווערק — מילקע פּעטשעניק. די רעדנער ווי די רעציטאַטאָרין, זענען באַשאַנקען געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן פֿון אַנערקענונג און ליב־שאַפֿט.

לייב קורלאַנד

אַ קעמל ביים כינרת

(דערציילונג)

ליבהאַרציק פאַר שמואל איזבאַן, דעם געבענטשטן דערציילער —
און אַ מתנה פאַר זיין פלאַי־פלאַינדיקן "וואַלפיש אין יפו".

וואָס טוט אַ קעמל ביים כינרת?

אָט איז ער אונטן, נעבן דער איינוואַמער פאַלמע ביים ברעג, קעגן איבער מיין טעראַסע. ער רייבט זיין פעל אינעם פאַלמעשטאַם. ער דרייט זיך אַרום אים, שטעלט אונטער איין זייט בויך, די צווייטע, דעם הינטן, דעם פאַרבויגענעם האַלדז, דעם האַרב. ער רייניקט די פעל פון די מידבר־רעשטלעך, פון קויט, אומפלייט, שפּיציקע זאַמדלעך, וואָס בייסן, רייצן און שטעכן די הויט. דערנאָך ציט ער אויס זיין פאַרריסענעם קאָפּ און רייסט אַראָפּ פון די שופּנדיקע עקן פון די קוים־אויסגע־פּיקטע שטאַמצווייגן אַרום דער קאָרע, שטיקער קאַלטנצוויטן, פאַרזאַמדיקטע האָר און שווייסקנוילן, ווי ער וואָלט נישט וועלן, אַז אויפן פאַלמעבוים ביים כינרת זאָלן בלייבן מידבר־נאָכשלעפּענישן.

דערנאָך שטרעקט ער אויס אַרויף צו דעם אַראָפּשווערנדיקן קאָפּ, וויל דער־גרייכן די גרינע שפּיצן פון אַראָפּהענגענדיקן פאַלמעשירעם. ער דערגרייכט זיי מיטן שפּיצונג, אָבער נישט מיט די צעעפנטע ליפּנלעפל און נישט מיט די לעכצנדיקע פאַדערציין. באַפרידיקט ער זיך מיטן קיצלדיקן באַריר פון די גרינע נאָדלשטעכערס אינעם עק פון דער צונג, און לאָזט הערן אַ געמיש פון אַ הייזעריקן געלעכטער און יאוש־זיפץ. ער ציט איין און ציט אויס זיין שאָקלקאָפּ, צעשפּרייט די ליפּן, ווייזט אַ צעשוימטע מויל מיט אָנגעפּוילטע ציינקרוינען, און אַ צעציטערטע צונג צעברעקלט די קעמל־קולות אין צעגאָרגלטע שפּליטערס פון ווידערטענער אויפן ווינט. די איבערגעוואָרעמטע לופט פון דער ערב מיטאָגזון כאַפּט זיי אויף און פאַרטראָגט אַ טייל, אויף די שטראַלן־שנירלעך, ווי מעטאַל־סטרונעס, צום אָפּהאַנג, וואָס דראָפּעט זיך צו די קרני־חיטין און העט ביזן הר־תבור אַרויף, און אַ טייל נידערט צו די כוואַליעס, וואָס שלעפּן זיי מיט אויף זייערע מידע רוקנס.

פון וואַנען נעמט זיך ביים כינרת אַ קעמל?

אַ לייכטער אָונטווינט העלפּט אונטער די כוואַליעס אין זייער לעצטן אָנ־שטרענג אָוועקצושיפן רעשטלעך בין־השמשות צום ירדן, איבערצונעכטיקן אין

זײַן טאָל. אויטאָס פֿאָרן גיך, פֿירן מענטשן אַהיים, קיין צפֿת, קיין מטולה, צום גולן. זיי אײַלן זיך ווי אין וועטגעלויף מיט די ערשטע נאַכט־שאָטנס, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די רעדער.

דער קעמל שטייט אונטן מיטן פּנים צום שאַרפֿן אָפּהאַנג, זײַנע קינהעלפּטן ברייט צעעפֿנט און משונהדיקע קולות רײַסן זיך פֿון זײַן צעגאַוועטער קעל, ווי ער וואָלט געהאַט טענות, ווי ער וואָלט עמעצן גערופֿן. אפֿשר איז עס אַן אָפּגע־רעדטער סימן, אַן אַרויסרוף צו עמעצן, וואָס האָט אים געלאָזן אויף הפֿקר, אין אַ פֿרעמדער סביבה. אפֿשר איז עס אַ מאָנענדיקער רוף צו עמעצן, וואָס דאַרף קומען און קומט נישט, וואָס קומט נישט צוריק, וואָס איז פֿאַרשווונדן דאָרט אויבן, אויף יענער זײַט אָפּהאַנג, וואָהין עס דערגייט נישט דאָס אויג?

דאָרטן, ווו עס פֿאַרבייגט זיך דער ראַנד פֿונעם אָפּהאַנג און איידער עס הייבט זיך, אויף יענער זײַט, אַ צווייטער באַרג, געפֿינט זיך דער בעדוויִנער־לאַגער. עטלעכע בײַדלעך מיט בלעכענע ווענטלעך און דעכער פֿון שוואַרצע ציגנפֿעלן פֿאַר פֿי און עופֿות; און עטלעכע געצעלטן פֿון ברוינהאַריקע שעפּסנפֿעלן צווישן שיטער־צעשטעלטע האַלצשטאַנגען. דאָ וווינען די בעדווינער, פֿון אַן אָפּגעשפּאָלטע־נעם ערבֿה־שבֿט. און דאָ וווינט פֿאַטימאַ די שיינע, וואָס איז צוגעזאָגט אחמדן, דעם קעמל־טרײַבער פֿון ברודער־לאַגער אין דער ערבֿה.

דערווײַל אַרבעט פֿאַטימאַ די שיינע בײַ די אוכמאַניס. זי וואַשט וועש, רייניקט די שויבן, קלאַפּט אויס די טעפּעכער פֿון זייער רחבֿותדיקער ווילע און גייט מיט דער אַלטער האַרינטע אײַנקויפֿן, טראָגט נאָך די פּעקלעך.

זי איז די לעצטע טעג געווען היימלעך, פֿריילעכער ווי תּמיד, געטראָגן איר געבלימלט פּרײַטיק־קליידל מיט לאַנגע אַרבל און אַן דעקאָלט, באַצירט מיט בײַטשלעך קרעלן און מושלבראַשן. אירע לאַנגע פּעכהאָר זענען געווען פֿאַרפֿלאָכטן און קונציק פֿאַרקוילעטשט מיט אַ שפּיץ, פֿון וועלכן עס זענען אַראָפּגעהאַנגען קאָלירטע בענדער, אויסגענייטע מיט פֿינקלדיקע שימערבלעכלעך. פֿון אירע אויערן האָבן אַראָפּגעשווערט פֿון יעדער זײַט עטלעכע מעשענע רינגען, אַ רינג אין אַ רינג, וואָס האָבן לײַכט צוגעקלונגען בעתן לויפֿן און גיכן באַוועגן זיך בײַ דער אַרבעט. זי האָט די לעצטע טעג געאַרבעט גיכער, אומגעדולדיקער, און כּסדר געשטאַנען אויף דער ריזיקער טעראַסע פֿון די אוכמאַניס, און עמעצן אויסגעקוקט, אויף עמעצן געוואַרט.

און הײַנט איז זי נישט געקומען צו דער אַרבעט. גבֿרת אוכמאַני האָט הײַנט אַליין געלופֿטערט די שטובן, אונטערגעגאָסן די בלומען־קאַסטנס אויף דער טעראַסע און געיאָגט זיך נאָך מיקן און פֿליגן מיטן שפּריצער אין די הענט. און געגאַנגען איז גבֿרת אוכמאַני אַליין אין שפּײַזקראָם און צוריקגעקומען אַליין מיט עטלעכע קלייניקייטן אויפֿן דנאָ פֿון איר האַנטקייטל.

דער פֿרימאָרגן האָט באַגעגנט דעם קעמל צופֿן פֿון די מאָגערע און שיטערע

גראָזן אויף יענער זײַט וועג, צופֿוסנס פֿון אָפּהאַנג. ער האָט געשטעלט פֿולע טריט, אומדעצידירטע, ווי דער גאַנג באַרג־אַרויף וואָלט אים געשראָקן, וואָלט געווען אומזיסט.

קינדער, אויפֿן וועג צו דער שולע, זענען געבליבן שטיין: הביטו, הביטו, גמל! קוקט, אַ קעמל! פֿון וואַנען אַ קעמל בײַם כּינרת? מה פּתאום גמל?

די קינדער האָבן זיך געשטעלט אַרום אים. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטאַרן קאָפּ און גענומען פֿירן זײַנע אויסגעגלאָצטע אויגן פֿון איין קינד צום צווייטן און באַוועגן מיטן שפּיצצונג צווישן האַלב־צעעפֿנטע ליפּן, ווי ער וואָלט שעמעודיק באַגריסן יעדן פֿון זיי — ס׳רוב קינדער, האָבן קיין לעבעדיקן קעמל ביז הײַנט נישט געזען. נאָר געציילטע האָבן געזען אַ קעמל אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אין חיפֿה. אפֿשר איז ער טאַקע אַנטריבן פֿון גן־החיות פֿון חיפֿה?

זייערע הערצלעך האָבן געוווייטיקט וואָס די גרעזלעך בײַם וועג זענען שיטער, מאָגער, פֿאַרזאַמדיקט, פֿאַרברענט דורך דער זון און קאָנען נישט זעטיקן דעם מאָגן פֿון דער גרויסער באַשעפֿעניש. האָבן זיי צעעפֿנט זייערע רענצלעך, אַרויסגעשלעפּט עסנוואַרג, צו טײלן זיך מיטן פֿרישטיק. זיי האָבן אים דערלאַנגט פֿענצלעך ברויט מיט פּוטער, לחמניות מיט קעז, באַנאַנעס, טאָמאַטן, קיכלעך. דער קעמל האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און גענומען מעלה־גירהן דאָס דערלאַנגטע עסן, קוקנדיק מיט גרויסע אויגן פֿון דאַנק אויף די קינדער. און די קינדער זענען צופֿרידן וואָס דער קעמל עסט מיט גרויס אַפּעטיט, באַלעקט זיך מיט דער גרויסער צעגאַווערטער צונג, וויקלט זי אײַן, פֿאַרוואַרפֿט זי אומגעלומפּערט צווישן די ציין און גומען, און עס זעט אויס ווי ער וואָלט צוגעקײַעט זײַן אייגענע צונג.

ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער שולע און מיטגעבראַכט אַנדערע שילער און פֿרײַנד, כּדי זיי זאָלן אויך זען מיט די אייגענע אויגן אַן אמתן קעמל — און ווו? נישט אין מידבר, נאָר בײַם כּינרת־ברעג — האָבן זיי דעם קעמל מער נישט געטראָפֿן. ווו איז אַהינגעקומען דער קעמל, ווו? ער איז ערשט געווען דאָ, אַקעגן איבער דער אײנזאַמער פּאַלמע, אויף יענער זײַט וועג. זיי האָבן געזוכט, געניִשטערט צווישן די הויכע אָפּהאַנג־גראָזן און קוסטעס, געפֿירט אויגן פֿול מיט חידוש איבערן וועג, איבערן וואַסער בײַ די ברעגן און צווישן די כוואַליעס. אָט, ערשט געווען. און שוין. נעלם געוואָרן.

אפֿשר איז מען געקומען פֿון גן החיות און אים צוריק געפֿירט קיין חיפֿה?

אפֿשר איז געשען אַן אומגליק? אַ מידבר־חיה איז נישט געוווינט צו גיין מיט אַ געפֿלאַסטערטן וועג, איז, חלילה, אַ לאַסטאויטאָ אַרויף אויף איר, און זי ליגט איצטער אין שווערע ווונדן אין אַ שפּיטאָל פֿאַר חיות. אָבער ווו געפֿינט ער זיך, דער שפּיטאָל פֿאַר חיות?

אפֿשר האָט אים פֿאַרשאַדט דאָס עסן, וואָס זיי האָבן אים דערלאַנגט? אַ קעמל איז נישט געוווינט צו אַזאַ עסן און אַ טרוקענעס דערצו. איז ער געגאַנגען טרינקען וואַסער, אויפֿמינטערן זיך, און — דערטרונקען געוואָרן. אַ קעמל קאָן, מסתמא,

נישט שווימען. אין מידבר איז דאָך נישטאָ קיין וואַסער, ווו ער זאָל זיך לערנען שווימען. דער כינרת וועט אים זיכער אַרויסוואַרפן, ווי עס איז דער פאַל מיט אַ מענטש, ווען ער דערטרינקט זיך.

די נייגעריקע קינדער, וואָס זענען געקומען ערשט איצט, האָבן עס צו ערשט געהאַלטן פאַר אַ פאַרסע, אַ חוזק־טרייַבעניש; אָדער גאָר פאַר אַ חלום, אַן אילוזיע מצד די וואָס האָבן זיי פאַרבעטן אַהער צו. די עלטערע און מער־געלערנטע צווישן זיי האָבן גערעדט וועגן אַ מאַסן־אילוזיע, אַזאַ עולם־גולם פאַרבלענדעניש, אָדער גאָר אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אַזאַ בעת אַ פאַרבלענדיקער פרימאָרגן־זון...

אָבער די טרערן אין די אויגן, די ערנסטקייט אויף די צערויטלטע בעקלעך און די שולדיקע פאַרלעגנהייט פון די צערודערטע קינדער האָבן זיי איבערצייַגט, און זיי האָבן זיך אויך געשטעלט בייַם ברעג און געהאַלפן קוקן, זוכן צי די העלבאַגילדעטע נאָכמיטאָג־כוואַליעס וועלן נישט אָנטראָגן ברעקלעך שאָטן פון דער אומגליקלעכער באַשעפעניש, וואָס איז אַן אומבאַהאָלפענע, נעבעך, געזונקען אין די טיפענישן פון כינרת.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט בייַ די אוכמאַניס געקומען אַרבעטן די אַלטע לאַטיפאַ, די מאַמע פון פאַטימאַ דער שיינער. אויף דערווייַל. ביז עס וועט זיך געפינען אַ יינגערע פון איר.

לאַטיפאַ האָט דערציילט, אַז פאַטימאַ די שיינע איז אַוועק מיט אַחמדן, צום ברודערשטאַם, וואָס אין דער ערבה. פאַטימאַ און אַחמד דער קעמלמאַן זענען אַ זיווג פון אַללאַ, וואָס נישטאָ קיין גאָט איבער אים; און לויט אַ משפחה־פאַרשטענדעניש, ווען זיי זענען נאָך אין די ווינדלען געלעגן. איצט, ווען אירע בריסטלעך צערייַסן שוין די נעט און די אָנגעשפּיצטע וואַרצלען רייבן דורך דעם בוזעם־געוואַנט פון איר קליידל, און ער קאָן זיך לאָזן אין גאַלאָפּ אויפן רוקן פון אַ קעמל, אַז קיינער קאָן אים נישט אָניאָגן — איז די רעכטע צייַט. איז ער געקומען זי נעמען, אַריינבערענגען זי אין די געצעלטן פון זייַן משפחה, פון זייַן שבט. זיי זענען אַוועק אין די מאָרגן־שעהען. און אין גיכן וועט זיך דער גאַנצער שבט פאַראייניקן דאָרטן צו פּראַווען די גרויסע שמחה פון זייער חתונה, אין אַ מזלדיקער שעה און מיט דער ברכה פון אַלמעכטיקן אַללאַ.

לאַטיפאַ איז געפאַלן מיטן פּנים צום טעפּעך אין סאַלאָן פון די אוכמאַניס, און אַרייַנגעדאַוונט אַ תפילה פול מיט טרערן און געפליסטער, וואָס בלויז איר האַרץ און איר גאָט האָבן פאַרשטאַנען.

*

זיאַמע טעלעסין

נייע לידער

אַלטע זאַכין

אַ שוואַרצינק ייִנגעלע פֿון אַ יאָר נײַן
שטייט אויפֿן טראָטואַר און הערט זיך אײַן
ווי אַן אַראַבער האָט זיך מיט אַ מאָל
צעשריגן מיט אַ ניגון אויף אַ קול:
— אַלטע זאַכין, אַלטע זאַכין!

איך מאַך זיך תמעוואַטע, כ׳טו אַ פֿרעג
דעם ייִנגעלע, וואָס שטייט דאָ אויפֿן וועג:
— וואָס שרײַט אַזוי דער מענטש אין מיטן גאַס,
צי שרײַט ער אין אַ שפּאַס, צי גאָר פֿון כעס?
און וואָס באַדײַטן זיי, די ווערטער צוויי
וואָס אַרויסגעבראַכט צוזאַמען ווערן זיי:
״אַלטע זאַכין, אַלטע זאַכין״?

דאָס ייִנגעלע פֿאַרשטייט לויט מײַן עברית,
אַז אַן עולה איך בין און כ׳ווייס נאָך גאָרנישט ניט,
און ער דערקלערט מיר גערן דעם באַדײַט,
ווער איז דער מענטש און אויך פֿאַרוואָס ער שרײַט
״אַלטע זאַכין, אַלטע זאַכין״.

כ׳האָב אויסגעהערט אים, און איך פֿרעג אים ווײַטער:
— זאָג, ייִנגעלע, אויף וועלכן לשון שרײַט ער?
— וואָס הייסט, אויף וועלכן? ס׳איז אַ קלאָרע זאַך,
ער איז דאָך אַן אַראַבער, שרײַט ער אויף זײַן שפּראַך —
״אַלטע זאַכין, אַלטע זאַכין!״

איך האָב זיך פאַרבענקט

איך האָב זיך פֿאַרבענקט ניט אויף קיין וויץ
נאָר אַ דאַך מיט אַ קוימען אין מיטן,
אַ וווּ עס זאָל זײַן אויפֿן סאַמע שפּיץ
אַ הענדל פֿון בלעך אויסגעשניטן.

און אונטערן דאַך אַ בוידעם זאָל זײַן
מיט אַ פֿענצטערל צו אַ גאָרטן,
דורך וועלכן עס פֿאַלט אינעם בוידעם די שײַן
אויפֿן גרעט, וואָס צעהאַנגען איז דאָרטן.

און אונטערן בוידעם — אַ לופֿטיקע שטוב,
אַ פֿענצטער — אין שאָטן פֿון בלעטער,
פֿון רונדע קלעצער זײַן זאָל דער סרוב,
די סטעליע — פֿון ברייטע ברעטער.

אַ לאָמפּ פֿון דער סטעליע אַראָפּהענגען זאָל
איבער אַ טיש אַ געראַמען,
און זיצן איך זאָל בײַ דעם טיש ווי אַ מאָל
און טוליען זיך צו דער מאַמען.

... די מאַמע מיר שיקט אין פּאָדפּאָל אַראָפּ
אָנעמען כ׳זאָל פֿונעם פּעסל
געזײַערטע קרויט אינם ליימענעם טאָפּ,
ווײַל צײַט איז שוין וועטשערע עסן.

און אויף דער ציראַטע מיט שפּורן פֿון טינט
האָט דער סאַמאָוואַר זיך צעטענהט...
וווּ זײַנען די שוועסטערלעך מײַנע אַצינד?
וווּ זײַנען די ברידערלעך מײַנע?

און וווּ איז די מאַמע? דער טאַטע איז וווּ?
איך הער ווי צו מיר זיי ריידן.
זיי זײַנען אַוועק אין דער אייביקער רו —
זיי זײַנען געוויס אין גן-עדן.

די דאָזיקע איצטיקע וועלט פֿאַר קיין געלט
פֿאַר זיי וואָלט זי סײַווי ניט פּאַסטן.

ווי לעבט מען עס גאַר אויף דער היינטיקער וועלט
אויף שטאָקן אין שטיינערנע קאַסטנס?

אָט איז פֿאַר די אויגן פֿאַר מײַנע דער שליאַר,
וואָס ציט זיך אַוועק אָן אַן ענדע,
דער גאָרטן, די שטוב מיטן סקאַסנעם דאַך,
פֿון אויבן — אַ בלעכן הענדל.

נאָך קיינער פֿון אים ניט געהערט האָט קיין קריי,
איך איינער פֿלעג הערן זײַן קרייען.
די בענקשאַפֿט מיך טוט מיט אַ מאָל אַ פֿאַרדריי —
גיי פּרוּוו זיך אַרויסצודרייען.

דורכן פענצטער

צום שויב דעם נעזל צוגעפּלאַטשט,
אַ קינד באַטראַכט דעם דרויסן.
די פּאַלמע מיט די פּאַסמעס פּאַטשט,
און צווײַג מיט צווײַג זיך שטויסן.

אַ מענטש קומט אָן, אַ הונט לויפֿט דורך,
דער הימל — אַזאַ בלויער!
אַן אייזל — מיטן קאָפּ אַ שטורך —
געעפֿנט האָט דעם טויער.

אַ האָן צעקרייט זיך אויפֿן פּלויט,
געפֿלאָכטן פֿון הושענות.
זײַן קאַם איז רויט. דער וואָלקן — רויט,
ווּהין די זון אַרײַן איז . . .

אָט ווי אַ פֿײַערל אין שטויב
צעפֿלעמלט זיך אַ גלעזל.
דאָס קינד נאָך שטאַרקער צו דער שויב
האָט צוגעדריקט זײַן נעזל.

אַ קופּקע בלעטער אָנגעהויפֿט
האָט לעבן פּלויט דאָס ווינטל.

אַ פֿויגל אויף אַרויף זיך שרויפֿט.
אַט ווערט פֿון אים אַ פּינטל . . .

צי קען מען איבערגעבן דען
כאַטש אין דער מאָס דער קלענסטער
דאָס וואָס אַ קינד באַמערקן קען
אין דרויסן דורכן פֿענצטער?

ס׳איז היינט אַזוי

דער ענין פֿון אַ ליד איז הײַנט אַזוי, —
גיט, לאָמיר אָנהייבן פֿון דעם געבוי.

דער גראַם.

מיט די גראַמען פֿון אַ ליד איז הײַנט אַזוי —
ס׳איז אויסגעפֿאַרשט פֿון כל-המינים ווייסערס,
אַז ס׳איז דער גראַם בכלל אַרויס פֿון סטרוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער האָט זיך ערגעץ ווו פֿאַרגראַמט —
איז מהיכא-תיתי.

דער ריטעם.

און מיט דעם ריטעם פֿון אַ ליד איז הײַנט אַזוי —
ס׳איז אָנגענומען נאָך וויכוחים הייסע,
אַז ריטעם איז אַן אַרבעט פֿאַר אַ גוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער האָט זיך ערגעץ ווו פֿאַריאַמבט —
איז מהיכא-תיתי.

דאָס לשון.

אויך מיט דעם לשון פֿון אַ ליד איז הײַנט אַזוי —
דער גאַנצער ווערטער-סדר איז צעטרייסלט.

ס׳איז רוי דער זאַצגעבוי. דאָס וואָרט — ווי שטרוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער טרעפֿט אַ שורה דווקא שלאַנק —
איז מהיכא-תיתי.

דער גערדאַנק.

מיט די גערדאַנקען אין אַ ליד איז היינט אַזוי —
וואָס איז עס אייגנטלעך גערדאַנק — ווער ווייסט עס?
דעריבער — אַנגעפּלוידערט ווי פֿון היץ גענוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער מאַכט זיך עפּעס אַ גערדאַנק —
איז מהיכא-תיתי.
פּ.ס.
דער מצב פֿון דער דיכטונג איז אַזוי —
ווי זאָגט מען אויף עברית: אוי ואבוי!

*

יידיש-ידיעות

״דווקא״ דירשיינט פֿון דאָס ניי
(ניי-טערשינענער העפֿט געווידמעט יידיש)

אויף דער איניציאַטיוו פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַנייען דאָס אַרויסגעבן פון ״דווקא״, די צייטשריפט פאַרן פילאָזאָפישן עסיי, רעדאַגירט דורך שלמה סוסקאָוויטש. די צייטשריפט ״דווקא״ וועט דערשיינען אין תל־אביב ביי דער מיטהילף פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. ס׳איז שוין אַרויס פון דרוק אַ נייער נומער ״דווקא״, געווידמעט יידיש. אין דעם דאָזיקן נומער גייען אַריין אַרטיקלען פון שלמה סוסקאָוויטש, ש. מ. עסטרין, ד״ר מרדכי שעכטער, שיקל פישמאַן, שלמה בן־מנחם א. אנד. ווי אויך קולטור־אינפאָרמאַציע.

די צייטשריפט קען מען באַשטעלן אין ביוראָ פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור: **תל־אביב 63 431, רח׳ מנדלי 9.**

יוסף אָקרוטני / בוענאָס-איירעס

אַ מעשה מיט אַ הינטל

ויהי, עס איז געווען אַ יידיש הויז, האָט זיך אין זײַן גורל אַרײַנגעפּלאָנטערט די דאָליע פון אַ הונט. טאַקל האָט געהייסן דער הונט און טאַקל לאָזט זיך נישט פאַרגעסן פונעם לעצט־איבערגעבליבענעם פון דעם דאָזיקן הויז וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אין די יאָרן פון גרויסן חורבן.

הייבט זיך טאַקע אָן די דאָזיקע מעשה: אַ מאָל איז געווען — — —

עס איז די געשיכטע פון טאַקלען און פון דער קאַלעמוטנער גאַס ווו עס האָט זיך געוואָלגערט אַ פּיצל הינטעלע און אַ קינד האָט עס אַהיים גענומען; ס'הייסט. אין זײַן סאַמע אָנהייב איז טאַקל געווען אַ הונט אָן אַ באַלעבאָס, אַ באַשעפעניש פון דער וועלטס מטושטשער אומבאַוווסטקייט.

סאַמע אָרעמקייט האָט אַרויסגעקלאָגט פון דעם הינטלס סקאָמלען. פון עלנט האָט דאָס דערציילט און ס'האָט פאַרכאַפּט דאָס קינדישע האַרץ, אויך זײַן בעטנדיקער הינטישער בליק האָט געפאַנגען דאָס קינד. ווער עס האָט אים אַזאַ נאָמען געגעבן? טאַקל איז הפנים דער נאָמען פון דער גאַסן־פרעמדקייט אליין. אויף דער שוועל פון טאַטע־מאַמעס הויז האָט דאָס פאַרבענקטע קינד זיך געהאַט פאַרשפּילט מיט שטיינדלעך־שערבלעך, ווען צו אים האָט גענענט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע באַשעפעניש, אַ קליינס און אַ מילדס. געשפּילט זיך מיט דעם ווי מיט אַ זאַך וואָס חנדלט זיך מיט אויסטערלישן לעבן, צוגעצויגן געוואָרן דערפון און עס אַרײַנגעבראַכט אין זײַן היים. אומקלאָר פאַר וואָס דאָס יינגעלע האָט שטאַמלדיק עס אַ רוף געטאָן "טאַקל" — דאָס באַשעפענישל איז געווען געהאָרכיק, ס'איז שטיל נאָכגעגאַנגען און אַזוי שוין געבליבן בײַם נאָמען.

"טאַקל, פודזש טו", האָט ס'יינגעלע דערנאָך מערערע מאָל אַ שמיצל געטאָן צום הינטל און דאָס האָט קורצפּיסיק, מיט הכנעה זיך אַ לאַנגן שאַר געטאָן אויפן בײַכל, געטוליעט זיך צום מענטשעלע. דאָס יינגעלע זענען איבערגעגאַנגען די אויגן, אַ פּישטש האָט אַ באַוועג געטאָן זײַן הערצל. "טאַקל, טאַקעלע", האָבן זיך געהויבן זײַנע ליפּן, זײַן בליק האָט זיך געעפנט מיט זיסקייט. מענדעלע האָט דעם הינטל צוגעוואָרפן אַ ביסן פון זײַן ברויט. מענדעלע האָט שוין אַנדערש נישט געקענט. דאָס באַשעפעניש איז געווען באַשיימפּערלעך דאַנקבאַר און ס'האָט זיך צוגעקניפּט צום יינגל. "אוי, ווו איז טאַקל?" — האָבן שפּעטער אים שוין גענומען זוכן מענדעלעס היימישע. אויך זיך צוגעווינט צו טאַקלען, צוגעבונדן זיך צום מאָדנעם שרעקעוודיקן און שרעקנדיקן באַשעפעניש אויף די קורצע פיסלעך. אַפילו

דער באָרדיקער טאַטע האָט זיך אַ מאָל אַראָפּגעבויגן דערצו, אַ שעמעוודיקן גלעט צו טאָן איבער דער פעל: — איי, דו שוטה!

אַזוי אַרום האָט דער הונט געפונען אַ היים צווישן די מענטשן.

אַוודאי, עס איז נישט שייך אַז ס'זאָל זיך דערציילן פון אַ הונט און אַ מענטש זאָל נישט זיין דערביי. אַ הונט איז סתם אַזאַ טיף עלנט באַשעפעניש וואָס קען נישט אויסקומען אָן דעם מענטש, וועלכער ווייסט נישט דעם זין און אומזין פון דעם גרויסן עלנט, פון וואָס עס איז אויפגעקומען דאָס לעבן. צו מאָל שלעפּט זיך נאָך דער הונט דעם מענטש, עפּטערס איז דער מענטש צוגעבונדן צום הונט, ער ווערט אים אַ פריינד.

מיטן הונט טאַקע איז עס געווען אַזוי. ער האָט אין תחילת זיך צוגעטשעפּעט צו די מענטשן פון דער ענגער שטוב, דערנאָך זענען די קלוגע און מיושבע שוין געוואָרן צוגעבונדן צו אים.

איז קודם כל וועגן די מענטשן וואָס צו זיי האָט זיך באַהאַפטן אונדזער הונט און באַנאַנד זענען זיי געוואָרן ווי איינס מיט אים און מיט זיין דאַליע.

*

עס איז די רייד וועגן דער מישפּחה קאַרמאַן: טאַטע־מאַמע און קינדער. אָן עין־הרע אַ שטוב מיט קינדער. אין איינציקע פיר ווענט, פראָסט־געקאַלעכטע פיר ווענט מיט צוויי פענצטער אין אַ ליק אַריין איז געווען די באַוווינונג פון דעם געזינדל. אַ שטוב פול מיט הילצערנע בעטן, מיט אַ קליינעם געשויערטן טיש און מיט גראָבע בעלקעס וואָס שפּאַרן אַרויס פון דער נידעריקער סטעליע. אין שטוב איז ענג געווען דער חלל פאַרן טאָגליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך די צעשטיקלטע שויבן פון די פענצטער. פאַר דאָס איז מער געררים געווען פאַרן חלום וואָס האָט אַהין אַריינגעגינגאַלדיקט, דער חלום מיט דעם ווייט־ווייט שטיינ־רייכן אַמעריקע, פון וואַנען עס קלייבט זיך און קלייבט זיך צו זיי די מומע פריווע. שוין לאַנג האָט זי געלאָזן פאַלן אַ וואָרט דערפון: זי'ט מאַכן אַ לוסטרייזע אין דער אַלטער היים אַריין. "באַנעמסט, רעלע? אַ לוסטרייזע פון אַזאַ ווייטער מדינה. איבערן ים, אויף שיפן און באַנען, האַ־האַ!"

— פשש, פּפשש, אַ בילע־ווער, מיינסטע, איז אונדזער פריווע? — האָט רעלע געענטפערט אַ שיינענדיקע. — זי איז שטאַרק קלוג און מלא־חן (נישט אומזיסט האָט זי געקריגן אַזאַ וואַזשנע מאַן), די מומע פריווע, — האָט די פרוי זיך שוין געגרויסט פאַר דער גאַנצער שטוב מיט איר שוועסטער. סוף־כל־סוף וועט זי דערפרייען אַלעמען און אפשר אויך באַגליקן. אַ גוטע איז זי געווען שטענדיק. און דער געדאַנק האָט זיך צעפּאַכלט ווי אַ פּאַווע:

אמתער יום־טוב וועט דעמאָלט אַריינקומען אין שטוב, די זון וועט אַריינ־וואַרעמען אין סאַמע קרירהדיקן ווינטער. עס וועט מער נישט פאַרפעלן אין קאַמער די גוטענקע שוואַרץ־בלישטשנדיקע קוילן, די קעלט וועט שוין נישט שטעכן אונטער די נעגל און ברויט וועט זיין צו דער זעט און אַ גאַנדז וועט די מאַמע

אָפּטאָן אויף פּסחדיק שמאַלץ, גריוון וועלן זײַן, געשמאַקע, פּעטע גריוון, — האָט אויך ס׳קליינוואַרג זיך אָנגעהאַנגען אין די פליגל פון טרוים. דערווײַל האָבן זיך געשלעפּט די יאָרן, מ׳האָט זיך צוגעוווינט צום נבזהדיקן דחקות וואָס האָט אָפּט מאָל געמאַכט גרימען די געדערעם פון הונגער, אַנטקעגן מענטשן פאַרגאָסן ס׳פּנים מיט חרפּה. אַוודאי, פאַראַן זאַכן וואָס ברענגען דעם אָרעמאַן צו טיפער בושה. און אין דער־אָ שטוב האָט דאָס געטראָפן אַ סך מאָל. נישט געווען פאַר וואָס אַרײַנצוברענגען דאָס בידנע ביסל היוגה אין משך פון לאַנגע חדשים, האָט מען נעבעך בכבודיק אונטערגעהונגערט. די מומע פון אַמעריקע האָט אומזיסט געלאָזט אויסקוקן אויף אירס אַ בריוו און ס׳האָט אַלץ זיך נישט געוויזן די פיל אַנגעשטעמפּלטע קאָנווערטן מיטן שמאָלן, גרינעם קאַנאַקנדיקן פּאַפּירל, וואָס האָט איטלעך מאָל אַרײַנגעבערענגט אַ חיות אין שטוב אַרײַן. זענען געקומען די פּאָר דאָלער, האָבן אויפגעטײַעט אַלע שווערע דאגות. טאַטע־מאַמע האָבן אויפגעלעבט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַסט פון פריער עלטער. זיי האָבן אָנגעהויבן לײַכטער שפּאַנען איבער דער שטוב און די קינדער האָבן זיך דערפרייט מיט דער אומבאַשטימטער גרויסער פרײַקייט פון פייגל ערב־פּלי: אַ טשיריקען, אַ לעבעדיקער טומל און אַ כאַכאָטשען האָט זיך פון זיי געטראָגן מיט אומגעריכטער נײַקייט פון קול, וואָס לאָזט זיך אָקערשט דערקענען אַנדערש. צום אומגליק האָט די מומע פּריווע נישט זעלטן ווי פאַרגעסן אָן דער פאַרזינקענער היים פון דער אָרעמער שוועסטער רעלע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אויסצוקוקן דעם בריווטרעגער. דעמאָלט האָט די בלאַסע מאַמע זיך געטרייסט מיט האַרץ־חלשות: ״לאָמיר נישט זינדיקן. מענטשן איז נאָך ערגער. מ׳מוז זיך אַ קנײַפּ טאָן אין באַק״ — — זי האָט אין דער האָפענונג אויף דער גוטער אַמעריקאַנער שוועסטער געזען אָרעמערע שטובן און געבעטן די קינדער נאָך האָבן געדולד צום מוטשענדיקן הונגער, צו די אָפּגעטראָגענע קליידער און צעלעכעטע שיך.

דער טאַטע ווידער האָט אָן אויפהער זיך געיאָגט נאָך אַ שטיקל אַרבעט, וואָס איז ווינטערצײַט סתם ערגעץ ווו אײַנגעפרוירן. ווי געוווינט צו דאַווענען דרײַ מאָל אַ טאָג, האָט ער נישט אויפגעהערט קרעכצן: ״פאַרשלאָסן די וועלט! הײַנט איז אַ גרויסער נסיון פאַר יעדן יגיע־כּפּימניק דאָס אַרויסשלאָגן די מאָלצײַט. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ זעלכענע צײַטן?״ און די זעלכענע צײַטן ציען זיך אָן אויסלאָז. האָט זיך דאָך נישט געוויזן דער גילדן פּרנסה, האָט דער טאַטע זיך ״געגעבן ס׳פּנים צו וואַשן״, געליען בײַ קבצנים דאָ אַ זעקסער, דאָ אַ צענער, אַבי דורכצושטופּן די טעג. האָט נישט געקלעקט אויף שבת־צן־מאַכן, האָט זײַן באָרגן זיך געהייסן אַז ער ״באָרגט עס דעם רבונו של לעולם״. מיט גאָטס הילעף וועט קומען אַן אומגעריכט פאַרדינסטל און ס׳וועט זײַן אָפּצוגעבן. די מאַמע פון איר זײַט האָט תמיד געטראָגן אויף זיך דעם עול צו צעשפּאַלטן דעם אָרעמען גראָשן אַז עס זאָל סטײַען אויף שפּײַז דאָס נעבעכדיקע פאַרדינסט פון דער זלידנער מלאכה. אַ רימער געווען דער טאַטע. כאַמעטעס, שאָרעס און לייצעס זענען די זאַכן צו וועלכע זײַנע הענט האָבן זיך אײַנגעניט פון די ייִנגסטע יאָרן אָן.

פון האַרטן לעדער האָט ער זיי געבייט און געקלאַפּט און באַלעגאָלעס און פּויערן זענען געווען זײַנע קונים. מיט זשלויב, מיט פערד און צעווינטיקטן שליאַך איז געוואָרן דורכגענומען יעדער זלאָטי וואָס איז געקומען אין שטוב אַרײַן.

אַן אָרנטלעך און פאַרפּראַצעוועט לעבן געווען, תמיד אין געענגטקייט. מיט קוים אַ טראָפּן פרייד זענען אויך אויסגעכאַוועט געוואָרן די קינדער וואָס זענען אונטערגעקומען. איידער איינס איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון דער בלאָטע, ס׳איז למזל אונטערגעוואַקסן, אויפגערופן געוואָרן צו דער ספר־תורה, באַשאָטן מיט ראַזשינקעס און טערקישע ניס, האָט ס׳אַנדערע לא עלינו געקרענקט; האָט אַ קינד זיך באַוויזן מיט אַ שאַרף קעפּל, האָט אַ צווייטס זיך פאַרקוקט אויף אַ שלעכטן חבר און בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין די רעכטפאַרטיקע וועגן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעצייכנט. נישט געווען קיין גרויס גוטס. דערצו זענען נאָך אָנגעשטאַנען יאָרן וואָס אַלע האָבן באַווייַנט. אָווע־טאָווע — ס׳לעבן האָט נישט צוגעשפּילט די קאָרמאַנס. זיי זענען געבליבן ״געמיינע לײַט״, געשלאָגענע אויף דער פּרנסה, אָבער דער פיר זייערער איז געווען אַ שטילער, די אביונישקייט האָט מען באַהאַלטן אונטערן שטערצל.

— אַלץ איז אַ מזל־זאַך, סײַ ס׳גוטע סײַ ס׳שלעכטע וואָס מ׳זאָל נישט גע־פּרווט ווערן דערמיט — האָט געטענהט הלל קאָרמאַן וואָס איז געווען אַ ייִד מיט יידן צוגלײַך: אין אַ לאַנגער, טונקעלער קאַפּאָטע ווי ס׳איז געווען דער מינהג הלבשה צווישן די פרומע לײַט פון טאַטע־מאַמעס גזע אין די שטעט וואָס ליגן פאַרווייעט אין די שטויבן פון בלייכנדיקן געדעכטעניש. ער איז געווען אויך אין אַ קליין שוואַרץ טוכן היטל און זײַן פּנים האָט אײַנגערעמט אַ לענגלעכע, פאַר־טראַכטע באָרד. דעם געלאַסענעם טראָט האָט ער געשטעלט אין באַלעבאַטישע קאַמאַשן מיט באַלעווקעס אין ברייטע גומי־אײַנזאַצן. הלל קאָרמאַן האָט זיך נוהג געווען ווי זײַנע אבות־אבותיו: מיט באַשיידנקייט פון די מענטשן וואָס געדענקען שטענדיק אַז ס׳פאַראַן אַ גאָט אין הימל און פאַר זײַנע געבאָטן דאַרף מען זיך פאַרכטן. און סתם — אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ זעמדל אויף דער ערד. נישטאָ מיט וואָס זיך גרויסצוהאַלטן.

פון אייביק אָן געווען אַ יידישלעכע היים. ״איך בין נישט קליגער פון מײַן טאַטן עליו השלום״, פלעגט טענהן הלל קאָרמאַן און דאָס געלאָזט וויסן זײַנע קינדער. — און איך בין נישט שענער פון מײַן מאַמען, אַ ליכטיקן גן עדן אויף איר, און נישט פרימער פון דער באָבע זכותה יגן עלינו. ווי געפירט זיך אַ מאָל, אַזוי באַדאַרף מען זיך פירן הײַנט, — האָט רעלע די מאַמע געקלערט אויף אַ קול אַז די קינדער זאָלן דערפון אָפּלערנען. — געדענקט׳ס, נישט קיין שפּרונג אַריבער און נישט קיין היפּ אַרונטער. געגנוג אויסגעפּרוווט דער דרך. יידן זענען אַ געליטן פאָלק.

— נישקשה, מ׳עט דאַנזשען*. סײַ ווי איז אַלץ אָנגעגרייט פון נעכטן און

* באַווייזן (אַ פּאַלאַניזם).

אייערנעכטן, — האָט אָפּט איבערגעחזרט דער טאַטע הלל און געטוען ווײַן טועכץ טאָג אײַן, טאָג אויס. דאָס ענגעניש ווי אַ באַשערטקייט איז נעבעך געוואָרן ליב.

*

פון דעסטוועגן, אַז מענדעלע, דער ייִנגסטער, האָט אין שטוב אַרײַנגעפירט דאָס הינטל, האָט מע זיך אויך צוגעוווינט דערצו. ווײַל ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. אַ קרענקלעך קינד געווען מענדעלע, האָט ער זיך פאַרקײַכט ווען מ'האָט געפּרווט אַרויסטרײַבן דאָס קרומפיסיקע, הכנעהדיקע באַשעפעניש מיט דער ברוינגעפלעקטער, ווײַסער פעל דערהערט דאָס געוויין, איז דאָס הינטל פאַרקראָכן אין דער פינצטערער טיפקייט פון הינטערן בעט. ס'הינטל האָט דעמאָלט געצאַפּלט פאַר אַן עוולה, אַזש עס האָט אויפגעהערט אָטעמען. זאָל מען עס נישט דערהערן, זאָל מען עס נישט דערגרייכן מיט דער דראָענדיקער בייזקייט. דאָס ייִנגעלע האָט מיט הענט און פיס זיך געוואָרפן, ס'האָט געוויינט און געשריגן און אײַנגעהאַלטן טאַקלען אין שטוב. מענדעלעס עקשנות און מענדעלעס טרערן האָבן אויסגעפּועלט אַ ברעקל אָרט פאַרן הינטל. עסן האָט ער פאַר עם אויסגעטיילט פון זײַן אייגן מויל אַוועק; ער האָט אים אַרונטערגעוואָרפן אונטערן טיש אַ ביסן פון דער געקאַכטער מאָלצייט. ווו מענדעלע איז געגאַנגען, איז טאַקל מיטגעגאַנגען — שטיל, פאַרבענקט, דאַנקבאַר, מיט פײַכטע גוטע אויגן. ווו דאָס ייִנגל האָט זיך געזעצט, האָט טאַקל זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן אים, כאָטש מאַך זיך אַ פוסנבבענקעלע פון זײַן יונג, ציטעריק לײַב. דאָס ייִנגעלע האָט דערשפּירט די שטומע געטרייִשאַפט פון דעם הינטל און ר'האָט זיך צוגעבונדן צו דעם גוטן באַשעפעניש. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געבעטן בײַם ייִנגל: "לאָז אָפּ דעם הונט, וועסט קריגן אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ", אָבער מענדעלע האָט עס נישט געהערט. טאַטע־מאַמע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער חברשאַפט פונעם ייִנגל מיטן הונט, האָבן געזיפצט און דערנאָך שוין טרויעריק געשמייכלט: "אַ קינד אַ נאַר!" שפּעטער האָבן זיי מיט אומעט שוין צוגעזען ווי די אַנדערע קינדער זייערע פאַרחברן זיך מיטן באַשעפעניש מיט די אַראָפּגעלאָזענע לאַפּן־אויערן, געזיפצט צוזעענדיק ווי די ייִנגלעך זאָרגן זיך פאַרן הונט ווי פאַר זייערס גלייכן.

טייל מאָל האָבן טאַטע־מאַמע אויך זיך "אָפּגעריסן" אויף די אונטערגעוואַקסענע קינדער זייערע, הלמאַי דער הונט נעמט זיי אַוועק דעם געדאַנק פון אַל דאָס תכליתדיקע:

— ווײַז מיר נאָך אַ ייִנגל אין ענקערע יאָרן, וואָס זאָל זײַן פאַרשפּילט מיט אַזאַלכענע פוסטע זאַכן. אַ טריפה פירעכץ — הינט!

— אַ שאָד יעדער קלאַפּ, וואָס פאַלט דערנעבן! — האָט די מאַמע צוגעבראַקט אין האַרצוויייטיק, און באַלד האָט זי זיך געבעטן בײַ די ייִנגעלעך: — האַרכטס דעם טאַטן, וועט ענק וויל זײַן ווי ד'וועלט. דער טאַטע איז דען ענק אַ שונא, די מאַמע איז ענק פאַלש? גולמס וואָס עץ זענט! מענדעלען האָט'ס נישט קאַ גרויסע אויגן אויף עים! און ער איז דאָך אַ קינד אַקעגן ענק. ר'וועט אונטערוואַקסן, וועט

ער אויך זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזאַלכענע ווילדע נאַרישקייטן. דער עיקר: זאָל דער ייִנגערער זען ווי די עלטערע פירן זיך אויף ווי מענטשן.

די גרעסערע ייִנגלעך האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ, געשפּירט אַ חרטה אויפן שלעכטן פּירעכץ; נאָר אַז עס איז געקומען דערצו, האָבן זיי ווידער געקלעפּט אַנעם הונט צוגלײַך מיט מענדעלען, און דעם קלענסטן האָט מע נישט געקענט אָפּרײַסן פון דעם באַשעפעניש. איז אָבער פון ס'נײַ אויסגעבראָכן דעם טאַטנס רוגזה, דער מאַמעס כעס האָט זיך אָנגעצונדן אין געשריי און טרערן, האָבן זיי זיך אַלע אָפּגעטראָגן פון שטוב אַרויס, געלאָזן דאָס געוואַלד אויג אויף אויג מיט מענדעלען און מיטן דערשראָקענעם הינטל וואָס איז איטלעך מאָל אַרונטער־געקראָכן טיף אונטערן בעט.

— ס'איז אַ מיגל צו קוקן אויף אַזאַ ברודיקער זאַך! — האָט די מאַמע מיט אַ מאָל דערווישט דאָס מעמד וואָס דאָס באַשעפעניש מאַכט אָן אין שטוב. זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט פונעם חיהלע וואָס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען אומציכטיק. איר האָבן זיך בשעת מעשה געאָנט כלערליי שלעק וואָס אַזאַ שמוציקייט קען, חלילה, ברענגען אויפן הויז.

— איך וועל עס מער נישט איבערהאַלטן, — האָט זי געשריגן און ר' הלל האָט צום מעסטל עגמת־נפש נאָך צוגעוואָרפן זײַן שווערן ערנסט:

— ווו האָסטו געזען אַז אַ ייִדיש קינד זאָל זיך פירן אַזוי גוייש? ווו האָבן זיי אַזוינס צוגעזען? ווו לערנט זיך עס אויס אַזוינס? — אַ כלב אַרײַנברענגען אין הויז! באמונות, ס'איז מיר אַ חרפה!

דער טאַטע האָט מיט אַ מאָל זיך העפטיק אַוועקגעשטעלט פאַר דעם קליינעם מענדעלע און געשמיסן אים מיט אַ פולר מוסר:

— אָן אַרטשיק* וועט דאָס אויסוואַקסן! — און געקוקט דאָ אויפן הינטל, דאָ אויפן זונדל, קרום פאַרצויגן אַ מינע איבערן גאַנצן פּנים אַזוי אַז עס האָט אויס־געזען לויטער נאָז, נאָז מיט אַ באָרד וואָס קען זיך רעכט אָנבייזערן. אַזוי־אַ קוקנדיק האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיטן פוס אַ שטויס צו טאָן דעם הונט, וואָס האָט זיך צעוויפּגעקאַרטשעט פונעם מיטאַמאַליקן טומל אין שטוב: — אַ פּודזשאָס, דו כלב! אַ ייִדיש ייִנגעלע איז דיר נישט קיין חבר!

דאָס הינטל האָט אַ האַרצרײַסנדיקן סקאָווטשע געטאָן. ס'איז געווען נאָר אַזאַ פאַרגעפיל פון אַ שאַרפן ווייטיק וואָס דער צאָרן־שטויס קען גורם זײַן. דאָס באַשעפעניש האָט זיך צעוויפּגעקנוילט, בײַם בייזן מענטש האָט דער דראָענ־דיקער פוס נאָכלאָזיק זיך אַראָפּגעלאָזן, אָבער בײַם הינטל האָט דער רוקן האַר־גלאַנציק זיך צעציטערט און מענדעלע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ הייסן געכליפּ. מיט הענט און פיס האָט דאָס ייִנגעלע זיך געוואָרפן, סע האָט געוויינט מיט נײַע און באַנײַטע אויסבראָכן פון צעקאָכטער עקשנות און טאַקלען ווידער פאַרהאַלטן אין שטוב. דאָס ייִנגעלע האָט דעם הונט געשאָנקען זײַן חסד, מחמת ער איז געווען

* אָן אָנצוהערעניש אויף אַ בעל עגלה.

גערירט פון דעם הינטלס אויסגעשוויגענער און אויך אויסגעוואָיעטער ליבשאַפט. ערשט האָט מענדעלע פאַרן הינטל שוין אומגעשטערט אויסגעבעט אַ געלעגער נעבן זײַן בעט, אים געגלעט, גערעדט צו אים מענטשלעכע רייד. און האָט די מוטער נישט געזען, האָט ער טאַקלען געוואַשן די פעל אין דער גרויסער שיסל, אין וועלכער מ׳פלעגט אים אַליין צוואָגן יעדן ערב שבת.

— מענדעלע, דערבאַרעם זיך. לאָז אָפּ דעם כלב, — האָט די פאַרחושכטע מאַמע נישט אויפגעהערט זיך בעטן בײַם יינגסטן זינדעלע, אָבער בײַ אים איז ס׳הערצל געוואָרן פול פון דער געטרײַשאַפט וואָס טאַקל האָט אים אַרויסגעוויזן. דאָס הינטל איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן; האָט עמעץ צו הויך גערעדט צום יינגל, האָט טאַקל זיך צעבילט אויף יענעם, געוויזן די ציין. צו מאָל האָט טאַקל נישט פאַרשוויגן דער מוטערס מוסר קעגן מענדעלען: קררר, האָט זיך צעבורטשעט דאָס באַשעפעניש אויף מענדעלעס מאַמע און אים גופא באַלד געלעקט די הענט. דערנאָך האָט ס׳הינטל אַפילו זיך צוגעוווינט צו קומען אין הויף פון חדר ווו מענדעלע האָט געלערנט. טאַקל האָט געדולדיק מיט קענטיקער קלוגשאַפט אָפּגע־וואַרט מענדעלען און צוזאַמען זענען זיי אַהיים געגאַנגען — ס׳חדר־יינגל מיט טאַקלען. בײַ מענדעלען איז געוועזן גרויס די גדולה פון דעם. ער איז געווען שטאָלץ אַנטקעגן די אַנדערע חדר־יינגלעך וואָס האָבן זיך נישט געקענט באַווײַזן מיט אַזאַ געלערנטן הונט ווי זײַן טאַקל: ער גייט אַליין איבער די ווײַטע גאַסן און פאַרבלאָנדזשעט נישט, האָט מענדעלע פאַר זיי זיך געגרויסט מיט טאַקלען; אַז מ׳גיט טאַקלען אין מאַרדע אַ פּעקעלע, טראָגט ער עס אין די ציין און לאָזט נישט אַרויס ביז מ׳בעט עס בײַ אים. אַ פּירפּסיקס און אַזוי קלוג! — האָט עס געקוואָלן פון מענדעלען. מענדעלע האָט טאַקלען אויסגעלערנט אויך טראָגן זײַן חומשל אַזוי אַז עס זאָל נישט צעשעדיקט ווערן. דערזען דאָס, האָט דער טאַטע אַ מאָל צעדורסט דאָס יינגל, געריסן אים אַן אויער און געגראַזשעט מיט אַ פינגער אַקעגן די אויגן:

— געדענק עס איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אַזוי וועט עס נישט גיין! דעם גאַנצן קאָפּ אַרײַנלייגן אין אַ הונט? איך וועל דיך צערײַסן אויף שטיק־שטיקלעך. אַליין ווילסטו נישט לערנען, נאָר דו לערנסט גאָר וואַזשנע דעם כלב. רק דו וועסט מיר אָפּטאָן חרפות און בושות? אַזוינס וועל איך מער דיר נישט פאַרשווײַגן. וועסטו זיך דערוועגן דעם הונט צו געבן אין פיסק אַ הייליק ספרל, וועל איך דיך צעטרייבערן די הויט. הערסט, רעלע, — כ׳ל אים צעקאַטעווען. זײַן געוויין וועט שוין גאָר נישט פועלן.

שטאַרק באַליידיקט פון טאַטן, האָט מענדעלע מיט אַ קאַפּשאַקל אַ רוף געגעבן זײַן טאַקלען און זאַלבענאַנד — דאָס הינטל מיט זײַן באַלעבאָס — זענען זיי אַרויס פון שטוב. אַוועק פון שלעכטן טאַטן, האָט מענדעלע געהאַט בדעה אים צו קרענקען, באַדאַי אים זאָל אויסקומען צו הונגערן. ער זאָל וויסן אַפילו בײַ נאַכט זיך צו וואַלגערן אין אַ פרעמדן קאַלטן הויזווינקל — ער וועט זיך מער נישט אַהיימווײַזן. מענדעלע וועט פאַרשווינדן, ר׳וועט אַנטלויפן פון דער שלעכטער

שטוב — האָט ער אָפּגעמאַכט אין זײַן יינגלשן כעס. אין שטוב האָט מען דערוויַיל אויפגעציטערט: ס׳ייגגעלע איז אַ שוואַכס, ס׳ייגגעלע איז אַ נערוועישס. מענדעלע קען אויפשפּילן עפּעס אומבאַרעכנטס, אימהדיקס. ר׳ציגדט זיך אָן בײַ אַ ליאַרע־וואָס. מענדעלע זוכט באַלד נקמה צו נעמען. ווער ווייסט? — — די מאַמע מיט זײַנעם אָן עלטערן ברודערל זענען באַרומויקטע אַרויס אין די גאַסן אַרומזוכן מענדעלען. זיי האָבן לאַנג געזוכט און קוים אים געפונען זיצן אָן אָנגעכמורעטן און נעבן אים דער הונט ווי אַ שאָטנפלעק פון אַ געזונקן קזשאַקל. ווײַל ביַים צופאַלן פונעם אָוונט־טונקל האָט דאָס דאָרע מענדעלע זיך געהאַט צוגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרלאָזן געוועלב־טרעפּל אין אַן אייגגעלאַשענער גאַס. ס׳הינטל איז געווען אויפגעקנוילט ווי אַ דעכענדיק בערגעלע אים צופוסנס.

— קום אַהיים, בחורל, ס׳שוין אויפדערנאַכט, — האָט אַן עלטערער, אויך אַ יינגלשער ברודער פּאַוואַליע זיך צוגערוקט צום שאַרף־אָנגעדראַדלטן מענדעלע און געפּרוווט אים בכיוון לאַכן אין פּנים אַרײַן, כדי אַזוי אַרום אים איַינצונעמען. די מאַמע האָט זיך געהאַט אָפּגערוקט אָן אַ זײַט. אויף דער מאַמען איז ס׳ייגגעלע אין כעס. די מאַמע, האָט מענדעלע געפילט, דאַרף אים שטאַרקער שיצן, אָבער זי איז אַזוי ווי דער טאַטע; די מאַמע באַדאַרף זיך אָנגעמען אַלע זײַנע עוולות.

— כ׳וויל ניש׳. כ׳על שטאַרבן — האָט מענדעלע פּלוצלינג אויסגעבראָכן מיט דערוועקטער רוגזה און באַלד זיך הילכיק צעוויינט. אים אַנטקעגן האָט זיך אָנ־געבויגן דער יונגער פּאַרחידושטער אָוונט.

— אַ פּייג ווּעסטו שטאַרבן, מענדעלע, — האָט דער ברודער זיך צוגעבייגט צו מענדעלעס פּנים און זיך געכוחט צו לאַכן, שטאַרקער לאַכן אַז עס זאָלן צעטומלט ווערן מענדעלעס טרערן. — קום! — האָט דער עלטערער אים שוין ליבלעך געצויגן בײַ דער האַנט. מענדעלע האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט מיט עקשנות:

— גיי אַליין. כ׳וויל ניש׳ — און זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן געוועלב־טרעפּל, אַ שאַר געטאָן מיט די פּיס אָן ברוק. ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף זײַנע רופערס און בעטערס און ס׳הינטל האָט פּיבערדיק, אין שווײַגן, זיך צוגערוקט צו אים, געלעקט מענדעלעס פּנים.

— מענדעלע? — איז די מאַמע שוין אַרוין פון איר פּאַרהוילנקייט — וואָס טוסטו דאָ, בערל? — האָט זי זיך געמאַכט כלא ידע — שוין צײַט פּאַר קליינוואַרג צו זײַן אין שטוב. אַזאַ פינצטערניש! אַ סוף, גייטס אַהיים. ס׳עסן ווערט איבער־געשטאַנען! — האָט זי געגומען זיי אונטעראײַלן.

דער ברוגזער מענדעלע איז עפּעס צעטומלט געוואָרן, אותו רגע נישט געדענקט צי ער איז בייז אויף „דער שטוב", צי ער ליגט גאָר אַ פּאַרשלאָפענער אין בעט, אין מיטן דער אָנגעקנוידערטער נאַכט. ער האָט צעעפנט די אויגן, אײַנגעהערט זיך צו די קענטלעכע שטימעס און פּאַמעלעך זיך דערמאָנט ווו ער איז אין דער וועלט: ס׳איז דער ברודער. מענדעלע איז אַנטלאָפן פון דער שלעכטער שטוב, די מאַמע בעט זיך בײַ אים ווי תמיד, די מאַמע שרעקט זיך אַז אים זאָל נישט געשען קיין נייפאַרקילעכץ, זי ציטערט איבער זײַן היץ. אַז באַלד וויינט זי, —

דערמאָנט ער זיך קלאָר און דאָך שטעלט ער זיך האַרט אַנטקעגן דעם ברודער, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן פון אים:

— גיי אַליין. איך וויל ניש׳! — און זיך האַסטיק איינגעקלאַמערט מיט די הענט אין די שטיגלעך פון גאַסיקן קראָם־טרעפּל. ממש געפאַלן דערויף, דער מענדעלע און טאַקל האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זיין שלעפּעריקער פאַרקנוילטקייט, גענומען רודערן מיט די פיסלעך, שטויסן ס׳יינגעלע מיטן קאָפּ. דער טיף־אַנטשוויגענער הונט האָט אין דער־אַ שטילער בהלה זיך באַגנוגנט בלויז מיטן אינטענסיוון ניוכען אַרום זיין חבר דעם צוויי־פיסיקן און אומדרייסט לויפן אַרום די אַרומשטייענדיקע.

— געגאַנגען זאָל ווערן! — האָט די מאַמע זיך שוין געגעבן אַ שטעל פאַרן עקשנותדיקן מענדעלע און אים אַ שלעפּ געגעבן ביי דער האַנט. דער גרעסערער ברודער האָט זיך אַ צי געטאָן הינטער מענדעלען, מיט שטילע רייד אים אונטער־געמינטערט. בערל האָט פּאַמעלעך, גינציק נאָכגעשטופּט מענדעלען, וועמען די מאַמע האָט געצויגן נאָך זיך, געשלעפּט ווי אַן איינגעשפּאַרט קעלבל און דער הכנעהדיקער הונט האָט זיך נאָכגעצויגן מיטן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, מיט שלאַ־בעריקע אויערן.

אין דער היים האָט מענדעלע אויסגעמיטן דעם פאָטער. ער וועט מיט אים זיין ברוגז. שטענדיק ברוגז, און נישט געוואָלט עסן דאָס עסן וואָס איז געווען געגרייט אויפן טיש ווו דער טאַטע איז געזעסן און אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ האָט געהויערט איבער אים ווי אַ וואַסער אָנגעטרונקענע לבנה. — כ׳וויל ניש׳ — האָט ער זיך געווערט מיט צאַפּלעניש און ס׳האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער עסט נישט אָן דעם הונגער, וואָס האָט אים גענומען צופּן און נאָגן. נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן למאַי דער טאַטע קומט נישט צו׳ אים בעטן: מענדעלע, עס, מענדעלע. כ׳על שוין נישט, ביסט אַ טייער יינגל. כ׳האָב ליב דיין טאַקלען.

דאָס יינגעלע האָט זיך געשטרויכלט אין דער שרעק פאַרן טאַטנס נישט נאָכ־געביקייט, אָבער סע האָט אים געשמייכלט דער חידוש, וואָס ער האָט צוגעזען נאָך די אַלע געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ, געשרייען איבער דעם איינשטעלן זיך פאַר טאַקלען: אויך די גרעסערע ברידערלעך זענען פול געוואָרן מיט נייגיר און צוגעבונדנקייט צום הינטל וואָס איז קנאַפּ געוואַקסן, כאָטש עס איז געוואָרן עלטער. טאַקל איז מיט דער צייט געוואָרן בלויז לענגער אין קערפּער, טונקעלער די ברוינע פלעקן אויף דער ווייסקייט פון דער פעל און פלינקער אין די נידעריקע פיסלעך. ער איז שוין געוואָרן אַ קליינער הונט מיט אַ גרויסער מאָרדע.

דער־אַ חידוש האָט שוין גאָר באַוועגט דעם יינגעלעס געהירן. אין זיינע נעפּלדיקע געדאַנקען האָט מענדעלען מאָדנע געפרייט וואָס דער הונט איז קליין. ר׳האָט דערין געזען אַלע היניטישע שיינקייטן וואָס פּאַסן זיך רק פאַר אים. ס׳איז דער הונט פון קלענסטן ברודער אין זיין היים: טאַקל איז מענדעלעס הונט, טאַקל וועט פאָלגן נאָר מענדעלען; ער וועט אים אומעטום מיטנעמען און טאַקל

וועט זיך אָננעמען נאָר פּאָר מענדעלען. ער וועט דאַרפן נאָר אַ שמייכל טאָן, אַ קוק געבן. טאַקל וועט בײַסן איטלעך־איינעם, אויב מענדעלע וועט נאָר הייסן. בערלען וועט ער האָרכן — אַ פּײַג, שאולקען וועט ער נישט נאָכגיין, אויף מלכן וועט בילן זײַן הונט, אויב ער וועט אים נאָר אַ ווונק טאָן, ער — מענדעלע.

טאַקל! טאַקל! עס איז אַוועק אַ יאָר און צוויי און דער הונט איז שוין געווען מיט גינציקייט אין אַלעמענס מײַלער: אַלע האָבן טאַקלען גערן געהאַט, כאָטש פון דור־דורות איז פאַראַן בײַ די קאַרמאַנס אַ ווידערווילן צו אַ פּירפּיסיקס, אַ הונט, אַ קאַץ. נאָך מער: פון אַ קאַץ האָט מע זיך שטאַרק געעקלט אין דעם הויז. אַ קאַץ דערמאָנט דאָס מיאוסע, ס׳עיפּושדיקע פון אַ מויזנלאָך. מ׳קערט אָפּ די אויגן און דעם געדאַנק פון אַ קאַץ וואָס איז אויך פאַלש און פאַר אַ הונט אַנטלויפט מען ווי פון אַ חיה־רעה וואָס בײַסט און רײַסט און צעבלוטיקט. אַ הונט איז אַ דאַרפיש באַשעפעניש, אַ גוייִשס וואָס בילט, שטשירעט זיך אויפן ייד וואָס גייט זיך זײַן וועג אין פרידן.

דער הונט טאַקל האָט פון דעסטוועגן זוכה געווען צו אַ „בעסער אויג" אין הויז פון די קאַרמאַנס.

יוסף אַקרוטני

געבוירן אין קוטנע (פּוילן) אין יאָר 1906. פון 1939 ביז 1946 געלעבט אַלס פּליט אין רוסלאַנד. נאָך דער וועלט־מלחמה צוריק געקומען קיין פּוילן. זינט 1951 וווינט ער אין בוענאָס־איירעס.

דעביוטירט אין 1925 מיט אַ דערציילונג „דאָס טענצערל" אין „לאָדזשער טאָג־בלאַט". פון דעמאָלט — געדרוקט זײַנע ווערק אין אַ גאַנצער ריי פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון לאָדזש, ריגע, ניו־יאָרק, פּאַריז, מינסק און ביראָבידזשאַן.

צווישן אַנדערע זײַנע ביכער זענען דערשינען פאָלגנדיקע: „אונדזער אָרעם ברויט", (דערציילונגען), וואַרשע, 1936; „אַ בוים אין ווענט", (דערציילונגען), וואַרשע, 1948; „דאָס בוך פון די עלנטע", (דערציילונגען), בוענאָס־איירעס. 1952; „באַלוטער העבער", (ראָמאַן), בוענאָס־איירעס, 1953; „אָרעם גליק" און „אַ הויז אויף אַלטשטאָט" (ראָמאַנען), בוענאָס־איירעס, 1966; „די קראָם פון די פיר ווינטן", בוענאָס־איירעס, 1974. לעצטנס איז אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין ת"א דערשינען זײַן פאַרנעמיק בוך „עסייען פון האַרבסטיקן געמיט", ת"א 1980.

שלמה רויטמאַן

ליד פון מאה שערים

ביסט ליב, ביסט היימלער, אומפֿאַרגעסלער
האָסט, מאה שערים, אַ שם,
און ענג עס זענען דײַנע געסלער,
זאָלסט טאָן דאָס האַרץ מיר אַ פֿאַרקלעם.
ווי קומט צו דיר מײַן אַלטער יישוב,
ווי קומט מײַן מאָלעוו גאָר אַהער,
איך זע אין דיר אַ שטיק בערדיטשעוו,
ווײַל קוקן קוק איך דורך אַ טרער.
איך הער אַפֿילו ס׳קוואַקען פֿרעשלער;
פֿאַר דײַנע יידן זײַן וואָלט גלײַך,
אַז גרינג זאָל זײַן זיי גיין צו תשליך
ווען דאָ וואָלט זײַן מײַן דניעסטער-טײַך.
ווי לאַטעס טראָגסטו שטיקער שטייגער
פֿון יידישער צעפֿליקטער וועלט,
דײַן צײַט גייט לויט דעם זיידנס זייגער,
וואָס מען פֿאַרקויפֿט אים ניט פֿאַר געלט.
עס איז ירושלים געטלער,
אַלץ, וואָס פֿאַרגענגלער, בלײַבט אין אים,
פֿאַר שאָטנדלער פֿון מײַנע שטעטלער
ביסט אָפֿן, מאה שערים.

*

דאָ מאַכט מען זיס אויף ווײַן נאָך קידוש
אַזוי אַז פֿול בלײַבט אַלץ דער כוס;
כ׳האָב דאָ בײַ נאַכט דערזען אויף חידוש
מײַן זיידע, דוכט זיך, גייט צו חצות.
דאָ קלעפּט מען אײַן זיך אין איין זשמעניע
מחדש די לבנה זײַן,

ווי ס׳וואָלט אויף איר די פּאָטאָ לענינס
פֿון ספּוטניק ניט פֿאַרשלײַדערט זײַן.
לבניק איז דאָ אויך דער שאָטן;
די בערד, די הייף, די זעל — אָן גרים,
און שוואַרץ עס איז נאָר די קאַפּאָטע,
און ווײַס איז מאה שערים.

*

גאָר שמאָל עס האַלט דאָ מיט מאַשינען;
דאָרט ווו אַ ייִד סטאַטעטשנע שפּאַנט,
זיי קענען ניט קיין אָרט געפֿינען
און גייען גנביש בײַ דער וואַנט.
דאָ לעבט דער לייב אויף דער פּרוכת,
דער פּאַווע-פֿעדער — אויף דער ציך,
פֿאַר אונדזער ציג געגנוג דאָ הויך איז,
דער לײַכטער קושט זיך דאָ מיט ליכט.
דאָ ברומט דער ווינט זיך אונטער חסידיש,
די לופֿט איר ניגון האָט, איר שטים: —
הערט! הערט! פֿאַר אונדזער שיינעם ייִדיש
איז אָפֿן מאה שערים.

*

ווו האָט איר נאָך אַזאַ מלחמה,
אין גייַץ, אין גיר, וואָס פֿרעסט דאָס לאַנד,
פֿאַרהיט די רײַנקייט פֿון נשמה,
אַז אָרעם זײַן איז ניט קיין שאַנד.
ווי האָט איר געקענט באַפֿרײַען
פֿון נידעריקע תאוות, פּעסט?
— ס׳איז הויך, — זאָגט איר, — ירושלים
און ס׳האָט די תּפֿילה נאָך אַ נעסט.
ווי האָט איר עס אין שטורעמס, שׂרפֿות
די שבתדיקע רו פֿאַרהיט
און צווישן שדים און מכשפֿות
באַשיצט די תּמימות פֿון אַ ייִד?
— עס זענען, — ענטפֿערט איר מיר שטרענגע, —
דאָך פֿאַר דעם שטן, זײַן רעזשים
די געסלעך אונדזערע די ענגע,
פֿאַר גאָט איז מאה שערים.

*

װען האַרץ זאָל האָבן הונדערט טויערן,
כ'װאָלט טאָן פֿאַר דיר זיך אַ באַרים,
פֿאַר דײַנע שמחות, דײַנע טרויערן
כ'בין אָפֿן, מאה שערים.

*

ייִדיש - ידיעות

באַזוך פֿון חיים מאַלטינסקי און פֿרוי
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

דיכטער חיים מאַלטינסקי און זײַן פֿרוי האָבן זיך אומגעקערט פֿון אַ באַזוך אין אַמעריקע און קאַנאַדע.

מאַלטינסקי, איינער פֿון אונדזערע אַקטיוויסטע מיטאַרבעטער, האָט שטאַרק מצליח געווען אויף זײַנע פּילצאָליקע אויפֿטריטן און ליטעראַרישע אָוונטן אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס און מאָנטרעאָל (קאַנאַדע). ער האָט געלייענט מיט דערפֿאָלג זײַנע לידער ווי אויך אַ רעפֿעראַט: "פֿון מינסק און בירעבידזשאַן ביז ישראל". ער האָט אויך אויסגענומען מיט זכרונות וועגן די איבערלעבונגען אין די סטאַליניסטישע צוואַנגס־לאַגערן און טורמעס, געדרוקט אין "פֿאַרווערטס" און "יידישער קולטור".

צבי אייזנמאַן

וועגן אַ מאָלער, אַ זייגערמאַכער, און אַ זאַק מיט צעפּערטלטע בילדער

ס׳איז געווען אַ מאָלער וואָס האָט געווױנט אין אַ דאַכשטיבל פון אַן אָפּגעקראַכן הויז, אין אַ קוואַרטל ווו ס׳רוב אײַנוווינער זענען געווען אַלטע, קראַנקע לײַט, פּענסיאָנערן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אויף קיצבה פון דער שטאַט.

האָט דער מאָלער גענומען, אין איינעם פון די פּאַרנאַכטן, אַ פּשוט קיכמעסער אין האַנט און געשאָכטן פינף פון זײַנע בעסטע בילדער, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געוואָלט קיין מאָל שיידן. וועלכע ער האָט נאָך געמאָלן ווען ער איז יונג געווען. ווען דער פּענדזל האָט געפיבערט. ווען ער האָט געהאַט אײַנפאַלן און די אײַנפאַלן האָבן זיך אַנגעקליידט אין פאַרבן. דערנאָך האָט ער די צעפּערטלטע לײַוונטן אַרייַנגעטאָן אין אַ זאַק און דעם זאַק אַראָפּגעטראָגן צום בלעך. צום בלעך, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פונעם הויף, נעבן אַ בלוי־צעבליטן בוים.

און געווען איז אַ זייגערמאַכער, אַ טרוימער, וואָס אויף זײַן וואַרשטאַטל איז די צײַט געלעגן צעשרויפט און צענומען אויף רעדלעך, שטיפטן און פּרוזשינעס. און דער זייגערמאַכער איז געזעסן בײַם אָפענעם פענצטער פון זײַן פּאַרטער־וווינונג פאַרטאָן אין מחשבות און ער האָט געזען ווי דער מאָלער טראָגט אַ האַלב־פולן זאַק און וואַרפט אים אַרײַן אין בלעך. ס׳איז אָבער דעם זייגערמאַכער ניט אײַנגעפאַלן, אַז אין זאַק ליגן צעשניטענע — פינף פונעם מאָלערס בעסטע בילדער, מיט וועלכע ער האָט זיך קיין מאָל ניט געוואָלט שיידן.

אַרײַנגעוואָרפן, אויפן בלעך צוריק דאָס דעקל אַרויפגעטאָן, איז דער מאָלער אַ געבויגענער, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן דעם זאַק אויף דער פּלייצע, אַרויס פונעם הויף און מיט פּאַרנאַכטיקע טריט זיך געלאָזן צום ים־ברעג, דאָרט ווו די זון האָט דערטרונקען בײַם סאַמע האָריזאָנט, איר הייסע, ניט אויסגעלעבטע ליכטיקייט אינעם קאַלטן תהום פונעם ים־וואַסער.

פינף קעץ זענען געקומען צום בלעך. פינף קעץ האָבן זיך יאָמערלעך צעשריען. דעם זייגערמאַכער אָבער, דעם טרוימער, האָט דאָס ניט אַרויסגעריסן פון זײַנע רעיונות. די הייזעריק געוואָרענע קעץ האָבן זיך סוף כל סוף אָפּגעטראָגן. אין הויף איז ווידער געווען שטיל. אין הויף איז ווידער געווען בלוי. אין הויף האָט דער פּאַרנאַכט זיך געסודעט מיטן בוים.

און דער זייגערמאַכער, דער טרוימער, וואָס האָט זיך אין ערגעץ ניט געיאָגט, ווײַל די צײַט איז בײַ אים געלעגן צענומען אויפן וואַרשטאַטל, איז נאָך אַלץ

געזעסן ביי דעם אָפענעם פענצטער פון זיין פּאַרטער־וווינונג, ווייטער זיך געגריבלט אין די געדאַנקען און ניט באַמערקט (און אפשר האָט ער עס יאָ באַמערקט — גאָר זיך ניט געמאַכט זען), ווי דער צודעק פונעם בלעך האָט זיך אונטערגעהויבן, פון זיך אַליין אונטערגעהויבן און פון זאַק זענען אַרויסגעפלויגן איינס נאָך ס'אַנדערע שטיקער גרין און שטיקער רויט און נאָך זיי — אַ שטיק גרויע־טונקלעניש פון אַן אויסגעמאַלענעם רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט פון אַן אויסגעמאַלענעם קוימען. באַלד נאָכן רויך האָבן אין דער לופט אַ שוועב געטאָן קרעלן בורשטינענע פון דער שוועסטערס האַלדז. דעם טאַטנס שטערן מיט די אויגן (אָפּגעריסן פונעם שטיק לייוונט, ווו ס'איז פאַרבליבן די צווייטע העלפט פון זיין פנים) האָבן זיך געהוידעט צוזאַמען מיט דער שוועסטערס האַנט. די האַנט האָט זיך געוואָלט ערגעץ אַנכאַפּן, נאָר דעם "ערגעץ" האָבן די מעסער־שניט פונעם מאָלער צעקאַליעטשעט.

פונעם זאַק איז אויך אַרויס און זיך שווערלעך אונטערגעהויבן אַ קופּערנער פּאַן און מיט אים, האָט מיטגעקוליעט אויף אַ געשפּאַלטענעם פוס, אַ טישלאָמפּ. די שערבלעך פון זיין ווייסן קלאָש זענען געבליבן אויפן דנאָ פונעם זאַק.

אַ שטיק לבנה, פון דער אַלטער היים, האָט זיך אויך אַרויסגעגראַבלט פונעם בלעך און זיך אַרויפגעלאָזט צום הימל, צו באַגעגענען די היגע לבנה וואָס וועט זיך אָט באַלד, אָט באַלד באַווייזן און איר אָפּגעבן אַ גרוס פון אַ וועלט, וואָס איז איין מאָל שוין חרוב געוואָרן און איצט האָט מען זי, צום צווייטן מאָל, מיט אַ געוויינטלעך קיכמעסער געקוילעט...

צבי אייזנמאַן

געבוירן דעם 20סטן סעפּטעמבער, 1920, אין וואַרשע. געענדיקט אַ יידיש־וועלטלעכע פאָלקסשול א"ב פון "בער באָראָכאָוו".

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד. סוף 1946 — צוריק אין פוילן. נאָך עטלעכע חדשים געלאָזט זיך ווידער אין וועג מיטן ציל אַנצוקומען קיין ארץ ישראל.

פרילינג 1947 אָפּגעשוווּמען פון די איטאַליענישע ברעגעס אין דער מעפּילים־שיף "מולדת", געכאַפּט געוואָרן דורך די ענגלענדער און פאַרשיקט אויפן אינדזל ציפּערן. דאָרט, הינטער שטעכלדראָטן, אָפּגעווען קנאַפּע צוויי יאָר.

אין 1949 אָנגעקומען צו די ברעגעס פון מדינת ישראל, אַוועק צו ערשט אין קיבוץ יגור. פון יגור אַריבער אין קיבוץ אלונים און געפּין זיך דאָרט ביז צום היינטיקן טאָג.

דעביוטירט מיט לידער אין דער תל־אביבער צייטונג "נייוועלט" (1948), לידער צו־געשיקטע פון די ציפּערנער לאַגערן.

שפעטער אַריבער צו פּראָזע און אין 1956 דערשיינט דאָס ערשטע בוך דערציילונגען "די באַן" מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון מלך ראַוויטש ז"ל — אַרויסגעגעבן אין יגור.

דאָס בוך "די באַן" ווערט איבערגעזעצט אויף עברית און אונטערן נאָמען "המסילה" אַרויסגעגעבן אין הקיבוץ המאוחד־פאַרלאַג, תל אביב, 1960.

אין 1965 דערשיינט "מזלות" אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב. אויך דאָס בוך דער־ציילונגען "מזלות" ווערט איבערגעזעצט און אונטערן זעלבן נאָמען דערשינען אין הקיבוץ המאוחד־פאַרלאַג, תל־אביב, 1969.

דאָס דריטע בוך דערציילונגען "צווישן גרענעצן" ווערט פאַרעפנטלעכט אין הקיבוץ המאוחד־פאַרלאַג, תל־אביב, 1974.

העברעישע איבערזעצונג אין: "מבפנים"; "עלי שיח"; "למרחב"; "ידיעות אחרונות"; "אמר"; "על המשמר"; "הארץ" און אין "דבר".

געווען מיטגרינדער פון דער שרייבער־גרופּע "יונג־ישראל", אָרגאַניזירט די יערלעכע צוזאַמענפאָרן פון דער גרופּע אין קיבוץ יגור און אָנטייל גענומען אין די דריי העפטן, וואָס די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1954—1957.

*

יידיש-ידיעות

האַיאָריקע איציק מאַנגער-פּרעמיעס

די האַיאָריקע מאַנגער־פּרעמיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן די שרייבער: בונם העלער, אברהם קאַרפּינאָוויטש, מלכה חפץ־טוזמאַן, לייזער ראַן און דער אַקטריסע עני ליטאַן.

אין דער זשורי האָבן זיך געפונען: שלום ראָזענפעלד (פאָרזיצער), מרדכי צאַנין, ל. פאַריאַדטשיק, הערץ גראָסבאַרד און יהודה עלבערג.

די אויסטיילונג פון די פּרעמיעס וועט פאַרקומען סוף מאַי, אָדער אָנהייב יוני 1981.

די רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך באַגריסט האַרציק אַלע נײַע מאַנגער־לאַורעאַטן.

*

יום עיון — געווידמעט יצחק באַשעוויסן אין בר אילן-אוניווערזיטעט

אין בר אילן־אוניווערזיטעט איז פאַרגעקומען אַ יום עיון, געווידמעט די שאַפונגען פון דעם נאָבעל־פּרײַז־טרעגער, יצחק באַשעוויס־זינגער. געעפנט דעם יום עיון האָט דער פּרעזידענט פון אוניווערזיטעט פּראָפ. מ. ע. רעקמאַן. באַגריסט האָט פּראָפ. ש. עקשטיין. רעפעראַטן וועגן באַשעוויסעס שאַפן האָבן געהאַלטן פּראָפ. חנא שמערוק, פּראָפ. אַ. הראל־פיש און פּראָפ. אברהם רובינשטיין.

דוד ספּאַרד

טראָפּנס

א

צײַט און רוים זענען טרוים,
דער אין-סוף בלויז איז וואָר —
זענען נישט פֿאַראַן קיין יאָר,
זיי ווערן אין דער אייביקייט פֿאַרפֿאַלן —
אַ רינג זיך קייטלט אין אַ רינג --
און מיר אַלע
זענען אייביק יונג.

ב

כ׳האָב יאָרן-לאַנג
אין אַ תּפֿילה׳דיק געזאַנג
געחלומט וועגן דיר אין לידער,
געצערטלט דיך אין זינען.
איצט האָב איך דיך אויף דער וואָר געפֿונען,
נאָר ווי אַ חלום ווידער.

ג

ביסט שוין קיינעם מער נישט נייטיק —
פֿאַרשאַפֿסט שוין נישט קיין פֿרייד,
געבוירסט שוין נישט קיין ווייטיק.
בלויז איך אַליין, מײַן ליד,
דיין טרויער-ניגון היט,
בלויז איך אַליין דײַן טרויערשײַן באַגלייט.

ד

שטילע זענען דײַנע טריט אַצינד
אויף די טומלענדיקע וועגן —
זיי גייען קיינעם נישט אַנטקעגן.
געאָרעמטע מיט ווינט

ווי גראָזן שטיל
אין זונענליכט זיך צינדן
און אין אָוונטקיל פֿאַרשווינדן.

ה

כ׳בין אויף לינק געגאַנגען
ביז אין לעצטן ראַנד,
כ׳האָב אויף רעכט געזוכט מײַן חלום-לאַנד
פֿון די קינדערשע געזאַנגען —
געהאָפּט איןביידע נאָך אַ מאָל געבוירן
און אין ביידע אויף אייביק זיך פֿאַרלוירן.

ו

מײַן ליבשאַפֿט צו דיר, מײַן אומגעריכטע,
איז ווי פֿון אונטער טיפֿע שיכטן
אַ קוואַל אַן אויסגעלייזטער, אַ דערפֿרייטער,
וואָס טראָגט די זון מיט זיך אין גאַנג
און מיט איר צוזאַמען
ער פֿליסט דורך טאָלן מיט געזאַנג
צו די לויכטנדיקע ימים.

ז

טראָפּנס אָן אַ שיעור
טריפֿן אויפֿן ליכטיקן פּאַפּיר
און יעדער אין זײַן אינגעווייד
אַנטהאַלט דעם אומעט און די פֿרייד
פֿון מײַן וואָגלדיק געמיט —
יעדער טראָפּן איז אַ ליד.

נישט אַזאַ,
וואָס קלעטערט אויף די ווענט
פֿאַר לײַטן אויף באַוווּנדער,
וואָס גייט אָן אויפֿהער אויף די הענט
צו באַווײַזן זײַן באַזונדער,
נישט אַזאַ.

נאָר וואָס האָט דעם מוט
צו זײַן אַ טראָפּן בלוט,

צו זײַן אַ טרער,
ווי אַלע מענטשן אויף דער ערד צו גיין
און צו יעדן
מיט אַ לשון רעדן
וואָס ער קאָן פֿאַרשטיין.

ח

יעדעס ליכט טונקלט אין מײַן בליק,
יעדער וועג זעט אויס מיר פֿול מיט גריבער,
יעדער שפּענדל איז פֿאַר מיר אַ בעליק,
כ׳לויף —
און אַלע יאָגן מיך אַריבער,
מײַן יעדער טראָט איז הינטערשטעליק
און יעדעס ווינטל טרײַבט מיך אויף צוריק.

וואָס איז פּלוצעם מיר געשען ?
ווער פּלאָנטערט מײַנע טריט
אין מיטן העלן טאָג ?
כ׳וויל אין אָפֿענעם געראַנגל גיין !
כ׳פֿיל אין זיך נאָך קראַפֿט גענוג
צו זיגן —
מיט מײַן אַלטן ניגון,
מיט מײַן יונגן ליד.

ט

יעדער ווינט
ברענגט זײַן אומעט צו מײַן טיר
און מײַן פּיצל פֿרייד
ער טראָגט אַוועק צו פֿרעמדע שטעט —
ווײַט פֿון מיר.

הויערן אַלע טרויערן
אין די פּוסטע הייכן
איינע אויף די צווייטע
ביז זיי גרייכן
צו די שפּיצן בערג פֿאַרשנייטע
און אַלץ וואָס הייליק איז געווען
און גלייביק
פֿרירט דאָרט אײַן אויף אייביק.

יוסף אורמאַן

צבי פרייגערזאָן ז״ל

(אַ פּאָר ווערטער צו זײַן 80טן געבוירנטאָג)

אין יאָר 1969, נאָכן דריטן האַרצאַטאַק, איז אַוועק אין דער אייביקייט דער לעצטער מאָהיקאַנער פון אַ דור שרײַבער, וועלכע האָבן במשך צענדליקער יאָרן אין די סכנותדיקסטע אומשטענדן פון סאָוועטן־רוסלאַנד געשאַפן אַן אינטערעסאַנטע און אייגנאַרטיקע ליטעראַטור אין עברית.

ער איז געווען דער איינציקער, קען מען זאָגן, וואָס האָט פון אָנהייב ביז צום לעצטן פון זײַנע טעג מיט ליבשאַפט און מוטיקער עקשנות פאַרגעזעצט זײַן פּרוכטבאַרע שעפערישקייט, געשליפן טאָג אײַן, טאָג אויס, — ריכטיקער געזאָגט — דורך די נעכט, זײַנע דערציילונגען, לידער, אָפּהאַנדלונגען, זכרונות... זײַנע שריפטן שפּיגלען טרײַ אָפּ דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד פאַרן פעריאָד פון 1917 ביז 1949. טייל פון זײַנע שאַפונגען זענען דורך פאַרשידענע וועגן אַרויס־געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד און האָבן זיך געדרוקט אין די גרעסטע און ערנסטערע העברעישע זשורנאַלן פון פוילן, אַמעריקע און ארץ־ישראל.

טאָג־טעגלעך איז ער געווײנלעך פאַרנומען געווען מיט זײַן פאַרצווײַגטער וויסנשאַפטלעכער און פּעדאַגאָגישער טעטיקייט אין מאָסקווער באַרג־אינסטיטוט. ער, דער קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן און דאָצענט פון דער קאַטעדרע פאַר באַרײַכערונג פון שטיינקוילן־קוואַליטעט, האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן. אויף דעם געביט — ער איז מחבר פון מער ווי 50 וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע און לערנביכער פאַר סטודענטן פון באַרג־אינסטי־טוטן. אָבער די ״זיסע נעכט״, ווי ער פלעגט זיך וויצלען, זענען געווידמעט געווען זײַן שטאַרקסטער לײַדנשאַפט — דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור.

בסוד־סודות פלעגט ער שאַפן זײַנע ווערק. אפילו די אייגענע קינדער האָבן נישט געוווּסט וועגן דעם, וואָס דער פאָטער שרײַבט דאָרט דורך די נעכט...

צבי פרייגערזאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן אָקטאָבער 1900 אין שעפּע־טאָווקע (אוקראַינע). זײַן פאָטער — אַ ציוניסטישער משכיל, האָט מדריך געווען און דערצויגן זײַנע דרײַ זין אין ליבע צו עם ישראל און ארץ־ישראל. בײַ דער מוטער, אַן אָפּשטאַמיקער פון עטלעכע דורות וואָלינער רבנים, האָט צבי, ווי־זט אויס, גערירשנט דעם שטילן שמייכל און ווייכן ליריזם, וואָס וועלן שפּעטער זיך לײַכטן אין זיינע ווערק, אויך די זעלטענע מוזיקאַלישקייט און באַזונדערס די ליבשאַפט צו יידישער נגינה און פאָלקס־שאַפונגען בכלל (ווי באַוווּסט האָט ער אויך באַוויזן צו פאַרענדיקן אַ קאָנסערוואַטאָריע. צו 12 יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן שרײַבן לידער און פאַרפאַסן צו זיי מוזיק).

דער פֿאָטער זײַנער, ישראל, איז געווען איבערצײַגט, אַז אמתע ציוניסטישע נאַציאָנאַלע דערציונג קען מען באַקומען נאָר אין ארץ־ישראל, דעריבער שיקט ער דעם יונגן צבי לערנען אין דער תל־אביבער גימנאַזיע „הרצליה". יענע שווערע אָבער גליקלעכע גימנאַזיסטישע יאָרן וועלן שפּעטער געפינען זייער אָפּקלאַנג אין זײַן בוך „רפאים".

זײַענדיק נאָך אַ שילער אין דער „הרצליה"־גימנאַזיע האָט ער צעבראָכן אַ פוס. דעריבער איז ער אַהיים געפאָרן קיין שעפּעטאָווקע אויף די זומער־קאַניקולן, אָבער אומקערן זיך צוריק צום נײַעם לערניאָר האָט ער שוין ניט באַוויזן, ווײַל ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

היות שעפּעטאָווקע ווערט אַ פראָנטשטאָט, פאָרן זײַנע עלטערן אַריבער אין דער טשערניגאָווער גובערניע און דעם יונגן פריגערזאָן שיקט מען אָפּ קיין אָדעס צו זײַנער אַ מומען. דאָ קומט ער אָן לערנען אין דער עוואַקוירטער לובלינער „זיבעטער גימנאַזיע" און אין די אָוונטן איז ער אַ פלײַסיקער תלמיד פון דער באַרימטער אָדעסער „ישיבה". ער ווערט דער באַליבטער שילער פון ד"ר יוסף קלויזנער ז"ל, וועלכער נעמט אים גערן אויף בײַ זיך אין שטוב און גיט אים ביכער צום לייענען. מיט יאָרן שפּעטער שרײַבט פריגערזאָן: „קלויזנער איז געווען מײַן וועגווײַזער אין עברית". צבי פלעגט אויך דערמאָנען מיט באַגײַסטערונג און נאָסטאַלגיע וועגן דעם וואָס ער האָט טאַקע דאָרט אין אָדעס צום ערשטן מאָל געהערט און געזען — דאָס האַרציקע חזנות פון פיניע מינקאָווסקי און די אַרטיסטישע צויבערקראַפט פון דער גרויסער אסתר־רחל קאַמינסקי.

רוסלאַנד ווערט אויפגעטרייסלט פון די אָקטאָבער־טעג 1917. די יידישע יוגנט ווערט מיטגעריסן מיטן גרויסן רעוואָלוציע־שטראָם, אָבער יענע טייל פון איר, די דערצויגענע אין די ציוניסטישע אידעאַלן, פירט ווײַטער איר אַרבעט אויף די וואָס אַ מאָל שווערערע וועגן פון דעם „באַפרײַטן" לאַנד.

אין דער צײַט דרוקט שוין פריגערזאָן זײַנע לידער און דערציילונגען אין פאַרשידענע עברית־זשורנאַלן — „התקופה", „העולם" (לאָנדאָן), „הדואר" (אַמעריקע), „מוסף לדבר", „הדים", „כתובים", „גליונות" (ארץ־ישראל), אין וועלכע ער באַשרײַבט די טראַגישע צײַט, וואָס די יידן האָבן דורכגעמאַכט בעת די בלוטיקע פּאָגראָמען, ביז ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט די סאָוועטן־מאַכט. אַזעלכע שילדערונגען זענען באַזונדערס בולט אין דער גרויסער סעריע „מסעות בנימין הרביעי".

און אָט קומען אָן די שרעקלעכע טעג פון סטאַלינס „רייניקונגען". מיליאָנען מענטשן ווערן פאַרניכטעט אין די טויזנטער טורמעס און פאַרשיקונגס־לאַגערן. פריגערזאָן, ווי אַ געטרײַער כראָניקער פון זײַן צײַט, פאַרצייכנט דאָס אַלץ אין זײַנע שריפטן. עפּעס וואָס דרוקן אין די אויסלענדישע אויסגאַבעס איז שוין ניט מעגלעך. דעריבער ווערן אַלע זײַנע כתובים פון 1937 ביז די פערציקער יאָרן אויסבאַהאַלטן. זײַן טרײַע פרוי, די „קליינע" לאה מיט איר גוואַלדיקער ענערגיע און פּראַקטישן חוש געפינט שוין זיכערע פּלעצער פאַר דעם גרויסן אוצר.

העכער דרײַסיק יאָר האָט ער זיך באַנוצט מיט עברית אין זײַנע געשפּרעכן מיט איבערגעגעבענע חברים פון מאָסקווער געהײמען עברית־קרײַז בעת זײערע טרעפונגען, צי בעת זײערע שפּאַצירן. עברית איז געווען זײַן שפּראַך אין די שווערע לאַגער־יאָרן און אין די קאַזעמאַטן פון לעפאָרטאָווא, בוטירקאַ און לוביאַנקאַ. דאָס האָט ער שפּעטער אָפּגעשפּיגלט אין זײַן דערציילונג "עברית", וועלכע איז, אגב, שוין געוואָרן אַ כרעסטאָמאַטיע־ווערק.

די צווייטע וועלט־מלחמה און בפרט די מאַסן־פאַרניכטונג פון אונדזערע זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס האָט בלי ספק אויפגע־טרייסלט די פילבאַרע נשמה פון אונדזער קינסטלער. אַ גרויסע צאָל דערציילונגען פון די עוואַקואַציע־יאָרן, פון די אומקום־פּלעצער ווערן דאַן געשאַפן און שפּעטער געדרוקט אין ישראל. דאָס זענען די גרויסע דערציילונגען "בעיירת המולדת" (אין מײַן היימשטעטל), "בדרך טלטולים" (אויף אומקום־וועגן), "הפינקסאי" (דער בוכהאַלטער) און פיל אַנדערע.

אין 1948 הייבן זיך אָן די רעפּרעסיעס קעגן דעם עברית־קרײַזל פון מאָסקווע. איינער נאָכן אַנדערן ווערן אַרעסטירט פּלאָטקין, בועזוב, קריחלי, כהן, בראַקער און דעם 1טן מערץ 1949 אויך פּרייגערזאָן. אַ דאַנק איינעם אַ פּראָוואָקאַטאָר גאָרדאָן, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין זייער קרײַז, האָט די ק.ג.ב. געוווּסט פון אַלעמען וואָס ס'קומט פאַר בײַ די פאַרליבטע אין לשון עברית: זייערע גע־שפּרעכן, שטימונגען, חלומות... נאָך שווערע פּײַניקונגען און אויסמאַטערנדיקע נעכט פון ענדלאָזע פאַרשונגען, ווערט ער פאַראורטיילט צו 10 יאָר תפיסה.

באַפרײַט האָט מען אים אין 1955, אָבער צו זײַן משפחה איז ער אַהיים־געקומען נישט נאָך 6 יאָר נאָר נאָך 7 יאָר פאַרשיקונג, אין 1956. דעם "שלום עליכם", וואָס מאָסקווע האָט אים אָנטקעגן געטראָגן, באַשרײַבט ער אַזוי: "וואָרטנדיק בײַם וואָקזאַל אויף אַ טאַקסי, דערנענטערט זיך צו אונדז אַ מענטשל פון אַ יאָר פערציק און זאָגט בזה הלשון: 'עי, זשידעס, אַ רוח אין אײַערע פאָטערס און מוטערס, וואָס האָט איר זיך דאָ ווידער צוזאַמענגעקליבן?' דאָס וועל איך קיין מאָל ניט פאַר־געסן".

אין פאַרלויף פון די יאָרן נאָכן אַהיים קומען האָט פּרייגערזאָן אַ סך געשריבן און אין געהיים איבערגעשיקט קיין ישראל, ווו מ'האָט דאָס אָפּגעדרוקט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס ("מאזנים", "דבר", "מעריב" א.א.). אין אַ בוך־פאָרם איז דערשינען אין 1966 "אש תמיד" — אַ ראָמאַן. דאָס בוך באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי טיילן: אין ערשטן טייל ווערט מײַסטערהאַפט געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין אַן אוקראַיניש שטעטל פאַר דער שואה; אין צווייטן טייל — די מלחמה־יאָרן און די שואה. אַ רײַכער טיפּאַזש פון פאַרשידענע ליבע יידן מיט אַלע זייערע פריידן און צרות — דאָס "גוטס" וואָס זיי האָבן "דערלאָבערט" בײַ דער סאָוועטן־מאַכט. אַ בוך — אַ טרײַער פּינקס וועגן דעם, וואָס די יידן האָבן דורכ־געמאַכט פאַר דרײַסיק יאָר לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און אַ בוך — אַ דענקמאָל פאַר איינער פון די פאַרשניטענע דורך היטלערן יידישע קהילות.

דאָס צווייטע דערשינענע בוך אין 1976 איז "יומן הזכרונות" — אַ זכרונות־בוך וועגן די אומגליקלעכע יאָרן, פאַרבראַכטע אין די סטאַלינישע קאַטאָרגע־לאַגערן אין ווײַטן צפון, אַ באַשרײַבונג פון דעם אַלעמען, וואָס ער אַליין האָט דורכגעלעבט און וואָס זײַן פילבאַרע נשמה האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך, ווען ער האָט געזען צו וואָס פאַר אַ געפאַלנקייט מען קען דערפירן דעם מענטש לויט די תאוות פון "דעם פירער פון די פעלקער, דעם גרויסן פאָטער און לערער — סטאַלין".

אָבער אויך אין דעם סאָוועטישן גהינום, אין "גולאַג", טרעפט מען אָפּטימיסטן, אין לעבן און אין פרײַהײַט פאַרליבטע מענטשן, מענטשן, וואָס פאַרלירן נישט זייער גלויבן אין דער צוקונפט פון ציוניזם, פון מדינת ישראל.

די ביכער זענען דערשינען אין פאַרלאַג "עם עובד", אָבער די געזאַמלטע שריפטן וואַרטן נאָך אַלץ אויף זייער גואל.

דאָס אַש פון צבי פרייגערזאָן, וואָס איז מיט גרויס מסירת נפש געבראַכט געוואָרן קיין ישראל דורך זײַן איבערגעגעבענער פרוי לאה און זײַנע קינדער, האָט געפונען זײַן אייביקע רו אויפן בית הקברות פון קיבוץ "שפיים". לעבן די טרײַע בויער און באַשיצער פון מדינת ישראל רוט אויך דער בויער און פאַר־טיידיקער פון עברית־ליטעראַטור, דער לעצטער מאָהיקאַנער פון אַ דור עברית־שרײַבער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

יוסף אורמאַן

בייער עולה פון ר"פ. אַסיר ציון. אין דער יוגנט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון רומעניע. אַ צייט זיך פאַרנומען מיט פעדאַגאָגישער טעטיקייט. אין אַ מאָסקווער מיליטערישער הויכשול געפירט אַ קורס פון רומענישער שפּראַך. מחבר פון אַ ריי אַרבעטן אויף דעם געביט. שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן. געזעסן צוזאַמען מיט פרייגערזאָנען ז"ל אין איין לאַגער. וווינט אין נתניה.

*

צבי פרייגערזאן (א. צפוני)

א געשיכטע פונעם בוכהאלטער שאפירא און זיינע קאלאשן

די געשיכטע איז פארגעקומען אין א שטעטל, וואס די דייטשן האבן עס פארנומען. אין די ערשטע חדשים האבן זיי ניט געטשעפעט די יידן, כאטש ביי יעדן איינעם האט גוט געטיאכקעט דאס הארץ. ס'האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז סיי דער מיליטערישער קאמענדאנט, סיי דער בירגערמייסטער האבן ניט קיין פולמאכטן צו פארניכטן די יידן. מע וואו"ט אויף אן ס.ס.-איינהייט און זי וועט שוין אפטאן איר זאך. אין שטעטל זענען אנגעלאפן אייניקע ניצול-פארבליבענע יידן פון די נאענטע מקומות, ווו די פארניכטונגס-אפעראציעס זענען שוין דורכגעגאנגען. זיי, אט די יידן, האבן דערציילט וועגן די רציחות און א פחד האט זיך געשפרייט איבער יעדער שטוב.

פאמעלעך האט זיך אריינגעגנבעט דער הארבסט. אויף די גאסן און געסלעך האבן די ווינטן צעטראגן די פארגעלטע בלעטער פון די אלטע לינדן-ביימער, דער ריח פון הארבסט האט זיך געשפירט אומעטום. די רעגנס האבן אנגעהויבן פארגיסן דאס שטעטל און די בלאטעס האבן פארפלייצט אלע געסלעך און דעם מארקפלאץ.

טרויעריקע טעג האבן זיך אנגערוקט אויפן שטעטל. קיין ליכטיקער שטראל. די יידן האבן זיך באהאלטן אין די הייזער, ווייניק האבן זיך געדרייט איבער די גאסן און אויפן מארק. דאס קויפן-פארקויפן פלעגט פארקומען הינטער פיר אויגן, ערגעץ הינטער די פארקאנעס.

אויך שאפירא איז געזעסן אין זיין הויז אויף דער שעווטשענקא-גאס. דעם דאזיקן מענטשן, ישראל איסאיעוויטשן, וויל איך אייך פארשטעלן, מיינע ברידער-לייענער.

א מאן פון א פינף-און-פופציק, א קורצווזקסיקער, א ראזירט פנים, אויף דער נאז א פאר ברילן און אין מויל א טאבאק-פיפקע — מיט איין ווארט — א בוכהאלטער. אלע זיינע יארן איז ער געזעסן איבער די בוכהאלטעריע-ביכער און חשבונות, פלעגט קנייטשן דעם שטערן און קלאפן מיט די רעכן-ביינדלעך. אין די יארן פון סאוועטן-מאכט האט ער געארבעט אלס הויפט-בוכהאלטער אין שטאטישן שטייעראמט. יעדן אין דער פרי פלעגט ער ארויסגיין אין א באשטימטער שעה פון שטוב, און ווי אנדערע ווי ער, פלעגט ער זיך זעצן אין זיין האלצשטול אויף א געשטרייפט קישעלע (א סגולה צו די מערידן-קרענק) שרייבן און רעכענען, איבעררעכענען און פארשרייבן — ווי אלע בוכהאלטערס פון אומעטום.

אט אזא ארט לעבן האט געפירט ישראל איסאיעוויטש שאפירא. טאג איין,

טאָג אויס. ער פלעגט אויך נעמען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זײַן אונטערנעמונג. אַ סך מי האָט ער אַרײַנגעלייגט אין זייער פּראָפּאַראַיין. ער פלעגט זאַמלען מיטגלידס־אָפּצאָל — איין פּראָצענט פון חודש־געהאַלט. מיט אַ בוכהאַלטערישער פּינקטלעכקייט פלעגט ער אָנקלעפּן די מאַרקעס אין מיטגליד־ביכל און שטעלן דעם שטעמפּל. זײַן אַרבעט פלעגט ער אויספירן באמונה.

און, אָט איז אַלעס פאַריבער. מיט איין מאָל איז ישראל איסאַיעוויטש באַפרײַט געוואָרן פון די טאָג־טעגלעכע געוווינהייטן, ער גייט אַרום אָן דער מינדסטער אַרבעט, נודיעט זיך צווישן די פיר ווענט פון זײַן וווינונג און כאַפּט אויף די שלעכטע בשורות, וואָס טראָגן זיך פון יעדן הויז — דער גרעסטער טייל ריכטיקע, און פון וועלכע ס'איבלט שוין. „איך וועל אַרויסגיין זיך דורכשפּאַצירן" — אַזוי זאָגט ער צו זײַן פרוי שרה, וועלכע אַרבעט אין קיך ווי אַ מאָל אין די „גוטע" צײַטן. „ביסט משוגע צי חסר דעה?" — שרה איז לחלוטין קעגן אַזאַ שפּאַצירן, וואָס קען זיך, חלילה, אויסלאָזן צום שלעכטן. נאָר עפּעס אַן עקשנותדיקער ווילן יאָגט אים און ער טוט אָן זײַן מאַנטל און די נײַע קאַלאָשן און גייט אַרויס אין בלאָטיקן דרויסן.

ישראל איסאַיעוויטש לאָזט זיך אַוועק צו דער פּרונזע־גאַס, צו דעם צוויי־שטאָקיקן הײַזל, ווו אויפן ערשטן שטאָק ס'האָט זיך געפונען זײַן אַמט בעת דער סאָוועטן־מאַכט. ער קרײַזט אַרום, כדי אויסצומײַדן די הויפּט־גאַס פון שטעטל. דאָרט, אין צענטער, געפינען זיך די דײַטשישע קאָמענדאַנטור און די שטאָט־פאַרוואַלטונג, דער זיצפּלאַץ פון בירגערמייסטער. דאָרט קען אַ דורכגייענדיקער ייד זיך אָנשטויסן אויף אַ פּאָליציי אָדער אַ דײַטשישן זעלנער, און ס'איז פאַר־שטענדלעך, אַז אַזאַ באַגעגעניש קען זיך אויסלאָזן פאַר דעם ייד נישט תמיד צום גוטן.

שאַפּיראָס אַמט געפינט זיך טיף אין הויף. די אַרײַנגאַנג־טיר איז אָפן. פּוסט זענען די דרײַ צימערן. מיט פאַרזיכטיקע טריט גייט שאַפּיראָ דורך די ליידיקע צימערן און זעצט זיך אַרײַן אין זײַן אַמאָליקן שטול. ס'איז גאַנץ האַרט צו זיצן (דאָס געשטרײַפטע קישעלע איז פאַרשווונדן) און ער פאַרמאַכט די אויגן. וועגן וואָס טראַכט ער? ער הייבט זיך אויף פון זײַן פּלאַץ און שטייט אַזוי אַ צײַט ניט רירנדיק זיך. אַ שווערע שטילקייט נעמט אים אַרום.

אָבער אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר האָט ער באַמערקט דעם היטער טראָפּים. פון אַלע געוועזענע אָנגעשטעלטע איז געבליבן נאָר דער דאָזיקער מגושמדיקער טראָפּים. שאַפּיראָ זעט אין אים אַ לעבעדיקן זכר פון דער סאָוועטן־מאַכט. „טראָפּים, — זאָגט ישראל איסאַיעוויטש מיט אַ וואַרעם האַרץ. — וואָס הערט זיך, טײַערער טראָפּים?" דער היטער טראָפּים זיצט מיט צונויפגעלייגטע פיס לעבן דעם ברענענ־דיקן אייוועלע און נוצט אָנשטאָט האָלץ פּאַפּירן, פאַרשריבענע פון ביידע זײַטן. דאָס פײַער פלאַקערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. טראָפּימס פּנים שײַנט פון דער שטראָמיקער היץ.

טראָפּים וואַרפט אין פײַער אַרויסגעפליקטע בלעטער פון די דיקע בוכ־

האַלטעריע־בענדער. ס׳זענען געווען צײַטן, ווען ישראל איסאַיעוויטשעס פאַר־טראַכטע אויגן פלעגן שפּאַצירן איבער די פּאַפּירן — ער פלעגט פאַרשרײַבן אַקטיוון און פּאַסיוון, סאַלדאָ און אַנדערע שפּילצײַגן פון דער צווייענדיקער איטאַליענישער בוכהאַלטעריע. אין די בענדער ליגט דאָס מילך און זאַפט, דער ווען און פלייש פון שאַפּיראָן. מיט פאַראַכטונג און פּינקטלעכקייט רײַסט טראַפּים די בלעטער, לייגט זיי צונויף און וואַרפט אין פײַער אַרײַן. ״וואָס פאַר אַ נײַעסן, טײַערער טראַפּים?״ — פרעגט שאַפּיראָ נאָך אַ מאָל איבער מיט אַ פריילעכער בנעימות־דיקייט, מיט אַזאַ בנעימותדיקייט, גלײַך ער וואָלט נאָר וואָס געקומען צופאָרן פון דער קרײַז־שטאָט, ווי ער האָט איבערגעגעבן דעם יאַר־באַלאַנס און אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדענונג. גלײַך ווי אָט וועט ער אַרײַן אין אַמט און דריקן די הענט פון זײַנע מיטאַרבעטער, ער וועט אויך אַרײַן אויף אַ קורצן שמועס צו דעם ״בעל הבית״ יאַקאָווענקאָ, צום אָנפירער פון אַפּטייל, דערנאָך וועט ער פאַרנעמען זײַן באַקוועמען זיצשטול, וועט אָנצינדן זײַן טאַבאַק־פּיפּקע, וועט אָנזאַטלען זײַנע שפּאַקולן אויף דער נאָז, וועט קלאַפּן מיט די רעכנביינדלעך און וועט אַרײַנטראַגן ציפערן אין בוך אַרײַן, נאָך אַ מאָל קלאַפּן מיט די רעכנביינדלעך און ווידער עפּעס פאַרשרײַבן און אַלץ וועט גיין מיט זײַן געוויינלעכן גאַנג.

אַז אַך און וויי צו אַזאַ בנעימותדיקייט! טראַפּים האָט אויסגעדרייט זײַן פּנים און די קליינע אייגעלעך זײַנע האָבן אָפּגעמאָסטן שאַפּיראָן פון קאָפּ ביז די פיס און פון זײַנע גלאַנצנדיקע קאַלאָשן ביז צו זײַן היטל מיטן ברייטן דאַשעק. טראַפּים איז ניט אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט און האָט געענטפערט פּאַוואָליע ציענדיק די ווערטער: ״ס׳איז ניטאָ קיין נײַעס, ישראל איסאַיעוויטש!״. — קיין שום נײַעס!״ — האָט איבערגעחזרט די נאָז פון טראַפּימען. ער האָט ווײַטער געהייצט דאָס אייוועלע, האָט ווײַטער געריסן די בלעטער פון די דיקע בוכ־האַלטערישע ביכער און זיי געוואָרפן אין פײַער מיט גלײַכגילטיקייט און פּינקט־לעכקייט. אין אייוועלע אויפן פײַער איז געשטאַנען אַ קעסעלע מיט קאַרטאָפל אין מונדירן. דאָס וואַסער אין קעסעלע האָט געזאָטן מיט רעש. בײַ אַ צוויי־דרײַ קאַרטאָפל האָט שוין געפּלאַצט די שאָלעכץ און ס׳האָט זיך געוויזן זייער געל־ווײַסע אינגעווייד.

ישראל איסאַיעוועטש איז אויך געזעסן מיט צונויפגעלייגטע פיס בײַם פלאַקערנדיקן אייוועלע, ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע באַהאַריקטע הענט מיט די קורצע פינגער, ניין, ישראל איסאַיעוויטש האָט זיך נאָך ניט אָנטוישט אינעם היטער טראַפּים, ער האָט זיך נאָך ניט צוריקגעצויגן פון זײַנע פּאָזיציעס.

״דײַנע קאַרטאָפל זענען שוין אָפּגעקאָכט!״ — זאָגט שאַפּיראָ, רײַבנדיק די דלאָניעס איינע אין דער אַנדערער.

טראַפּים מאַכט אַ ״ברכה״ אונטער דער נאָז, שטילערהייט. דאָס פײַער אין אייוועלע צעהודזשעט זיך וואָס שטאַרקער, שלינגט אײַן מיטן פולן מויל די בלעטער פון די ביכער, טראַפּים טראַכט אפילו ניט זיך אומצוקוקן אויף דעם דאָזיקן יידן. אַלע ״זייערע״ זענען אַנטלאָפן פאַרן דײַטש ווי די האָזן, האָבן איבערגעלאָזט די

אַנגעשטעלטע און זייערע מיטאַרבעטער, דאָס הויז, און נאָר ער אַליין, טראַפּים דער היטער, וועמענס חודשלעכער געהאַלט איז געווען קוים 120 רובל אַ חודש אין דער צײַט, ווען אַ "האַלבער ליטער" האָט געקאָסט 6 רובל. דער ייד, ישראל איסאַיעוויטש, וואָלט זיכער נישט געקאָנט לעבן פון אַזאַ נישטיקן געהאַלט, ער פלעגט מסתמא פאַרדינען די 600 און אפשר טאָקע גאַנצע 800 רובל אַ מאָנאַט! איצט איז געקומען אַן ענדע צו דעם. מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט די שחיטה איבער די יידן. ער, טראַפּים, וועט זײַן דער לעצטער וואָס וועט לאָזן אַ טרער איבער זיי...

שאַפּיראָ פרעגט: "זיי זענען נאָך דאָ נישט געווען, טראַפּים?" "זיי" זענען נאָך ניט געווען. דער אַמט געפינט זיך דאָך טיף אין הויף און ס׳איז נאָר אַ צופאַל, וואָס זיי האָבן דאָס נישט באַמערקט. ישראל איסאַיעוויטש גייט נאָך אַ מאָל אַרײַן אין די צימערן, ווו ס׳זענען אַדורך זײַנע יאָרן פון בוכהאַלטערישער טעטיקייט. אומעטום אַפּגעלאָזנקייט, צעריסענע פּאַפּירן וואַלגערן זיך אויף די טישן און די דילן. אויף דער וואַנט הענגט נאָך די לעצטע וואַנטצײַטונג מיט אַרטיקלען וועגן לויפנדיקע פראַגן פון טאָג־טעגלעכן פאַר־מלחמדיקן לעבן, אַ שאַרפע נאָטיץ און אַ קאַריקאַטור אויף דעם פלאַנאָוויק קאָוואַלענקאָ, וועלכע האָט פאַרשפּעטיקט אויף 25 מינוט צו דער אַרבעט. "ביז ווען וועלן די פוילער עסן דאָס מלוכה־ברויט?"

אין דער־צײַט ווען שאַפּיראָ באַטראַכט דאָס אַלץ, קומט אַרײַן אין צימער טראַפּים. אַ ווײַלע בלײַבן זייביידע שווײַגן.

— וואָס איז מיט דיר, טראַפּים?

דער היטער ווײַזט אויף שאַפּיראָס קאַלאָשן. עס הויבן זיך אָן די נאַסע אָסיען־טעג, און ער באַדאַרף קאַלאָשן. ער גייט לחלוטין באָרוועס. נו, זײַ זשע אַזוי גוט, ישראל איסאַיעוועטש, און גיב אים די קאַלאָשן...

אַ שטורעם פליט דורך שאַפּיראָס מוח. וואָס רעדט ער, דער ערל, וועגן קאַלאָשן? אויב ער וועט אים אָוועקגעבן די קאַלאָשן, ווי אַזוי זשע וועט ער, שאַפּיראָ, זיך צוריקקערן אַהיים? די בלאָטעס זענען דאָך אַזעלכע טיפע! ער האָט דאָך אַלע זײַנע יאָרן מורא געהאַט פאַר נאַסקייט, ער איז דאָך אַזוי פילבאַר צו פאַרקילונג, צו פאַדאַגרע. און אַחוץ דעם וועט דאָך די פעטע בלאָטע פון די וועגן זיך צוקלעפּן צו זײַנע שיך! שיין וועט ער אויסזען ווען ער וועט אַהיים קומען! זײַן פרוי שרה וועט אים אַפּשפּילן אַ שיינעם קאָנצערט. זײַנע אַלטע קאַלאָשן זענען דאָך שוין לאַנג אָפּגעטראָגן, מ׳דאַרף זיי אַרײַנברענגען צו אײַזיק דעם שוסטער, אפשר וועט ער זיי מאַכן פאַר "מענטשן"...

און ער פרעגט: "וועלן דען מײַנע קאַלאָשן נישט קליין זײַן אויף דיר?" "ניין, זיי זענען פּונקט אויף מײַנע שיך, דער דרײַצנטער נומער". "מײַנע זענען דאָך נומער עלף" — שרײַט אויס שאַפּיראָ מיט אַ פריילעכערן געמיט.

"יאָ, נומער עלף", — זאָגט טראַפּים. ער באַקוקט און פאַדערט פאָרט די קאַלאָשן. "דער נומער מאַכט נישט אויס!"...

וועט ער זיך באַפרידיקן נאָר מיט די קאַלאָשן? ער קען דאָך פאָדערן דעם

מאַנטל, דעם אַנצוג? ער קען דאָך מיך איבערלאָזן אדם־נאַקעט?

די אַלע געדאַנקען צעבערעכן שאַפּיראָס מוח. ער טוט אויס די קאַלאַשן, ער וואַרפט דעם הונגעריקן הונט דעם ביין און עפנט האַסטיק די אַרויסגאַנגס־טיר.

נו, בלײַב געזונט, טראַפּים! — און שאַפּיראָ גייט אַרויס. אַ כמאַרנער מאַרגן באַגעגנט אים אין הויף. אַ מיאוסן שפּאַציר האָט ער געמאַכט צו זיין אַמט. געצעכט איז געווען זײַן פרוי שרה. אין דער אמתן — וואָס האָט ער געזוכט אין אַמט? ער האָט, מסתמא, געטראַכט, אַז מ׳וועט דאָרט וואַרטן אויף אים מיט אָפענע אָרעמס. ״ברוך הבא, ישראל שאַפּירא, דײַן שטול וואַרט אויף דיר. וואַרף אַראָפּ דעם מאַנטל און עפן אויף דײַנע ביכער!״. טראַפּים האָט זיך ניט געביטן לטובת דעם בוכ־האַלטער שאַפּיראָ, טראַפּים האָט זיך דערהויבן לעילא ולעילא, און ער, שאַפּיראָ, איז אַראָפּ אין שאול תחתיות.

ער גייט פּאַזע דעם וועג, שפּרינגט איבער דער ווייכער טיפער בלאָטע, ער דרייט זיך דורך די הויפן, דורך פּוסטע פּלעצער כדי נישט צו באַגעגענען די פּאָליציײַען און די אַנדערע יידישע בלוט־זויפערס. עס דאַכט זיך אים, אַז עמעצנס אויגן באַגלייטן אים — אויגן שטעכנדיקע, פון וועלכע מ׳קען נישט אַנטלויפן.

אויף אַ מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און ס׳האָט אים באַהערשט אַ שרעק־לעכער געדאַנק — וואָס וועט זײַן אַז טראַפּים וועט וועלן אַחוץ די קאַלאָשן, זײַן נפש?

איבערגעזעצט פון עברית
יוסף אורמן

*

יידיש־ידיעות

רעגיאָנעלע קאָנפֿערענץ פֿון יידיש־קאָמיטעטן אין בוקאַרעשט

אויף איינער פון די זיצונגען פון וועלטראַט פאַר יידיש איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן רופן אַ רעגיאָנעלע קאָנפערענץ פון די קאָמיטעטן פאַר יידיש אין אייראָפּע. עס רעדט זיך וועגן בוקאַרעשט ווו עס וועט אין גיכן געפייערט ווערן די עקזיסטענץ פון דער אָרטיקער צוויי־שפּראַכיקער אויסגאַבע וואָס דערשיינט ביי דער דאָרטיקער יידישער קהילה.

יוסף קערלער

עפּיגראַמאַטיש

1. און אויב . . .

ווען שלאָגן וועט
די לעצטע שעה, די צוועלפטע
צי וועלן דײַנע עלנבויגנס
כאָטש אַ רגע העלפֿן ?
דו פּראַוועסט אייביקייַט ?
נו, פּראַווע, פּראַווע . . .
די שפּיל דײַנע איז יעדנפֿאַלס,
אַ ביסעלע ציקאַווע ;
און אויב די צײַט
וועט אײַנשלינגען
דײַן באַלדיקייט,
וואָס מאַכט זיך נאַריש —
וויל די אייביקייַט
פֿאַרגוואַלדיקן ?

2. נו, זאָג אַליין.

ווי ווערט עס דיר נישט נמאס
די שפּיל מיט זיך אַליין ;
דו מאַכסט פֿון זיך אַ צימעס
און ביטער ביסט ווי כריין !

3. פֿירסטראָפֿיקע לידער.

פֿאַרמאָגסט אַ גרויסע גבורה
דווקא אין דײַן קורצן ליד,
ווייל קוים דערקראָכן
צו דער פֿערטער שורה —
געפֿאַלן כ׳בין באַזיגט
און . . . אײַנגעשלאָפֿן מיד.

4. **דער יושב ראש** (כמעט לויט א. ס. פושקין.)

— מיט וואָס האָט זיך עס אָט דער באָס
דעראָבערט אַזאַ כבוד:
שטענדיק איז ער יושב ראָש!
זאָג מיר, בעט איך, זאָג פֿאַר וואָס
זיצט ער ווי צום אויבן-אָן
אויף אייביק צוגעקאָוועט?
— פֿאַרוואָס אַזאַ מין כבוד:
שטענדיק יושב ראָש?
ווײַל, כ׳בעט איבער אײַער כבוד,
ער פֿאַרמאָגט... אַ פּעטן "דאָס".

5. **"לידער פֿון שפּיטאָל"**

ווען ס׳קוועטשט אים אַ שוך,
קוועטשט ער אויס פֿון זיך — לידער,
ווען ס׳נויעט אַ צאָן,
נויעט ער אויס פֿון זיך — לידער
און, באַהיט גאָט פֿון ערגערס, —
אוודאי לידער...
פֿאָטער אין הימל, דיר איז נישט דערווידער?
שענק אים געזונט
מיט אַלעס צוזאַמען,
אַבי ער זאָל אויפֿהערן גראַמען!

6. **וועגן דער קריטיק אויף פֿאַרנעפּלטער דיכטונג**

די שטאַמלעניש טויבע, זי שטיקט
און ס׳ווערט נאָך דער חושך געדיכטער,
ווען ס׳קלעפּט זיך פֿאַרנעפּלט קריטיק
מיט קלעפּיק-פֿאַרנעפּלטער דיכטונג.

7. **מיט גאָלד גלײַך...**

קורץ גערעדט —
די לידער זײַנען ווערט דאָס גאָלד,
מיט וועלכן זײַן פּאָרטרעט
איז אויפֿן בוך-טאָוול געמאָלט.

8. ווידער וועגן אייביקייט

די אייביקע פֿאַרגעסעניש
זאָל אין איר פֿרעסעניש
מיט אַפּעטיט פֿאַרדייַען —
באַווירצט מען זיך
מיט פּרעמיעס, מיט מעדאַלן
און מיט שיינע יובילייען.

9. צום רעדנער

באַזיניק זיך,
געשעצטער מאַן —
די אויגן קלעפּן זיך,
דייַן רעדע ציט זיך זייער לאַנג
פֿאַרמאַטערט זייַנען מיר
און קראַנק —
נישט צי,
נאָר פּרוּוו פֿון ווערטער־כלאַם
אַרויסציען
כאָטש איין געדאַנק!
אַ דאַנק
מיר וועלן זאָגן דאַן געוויס,
נאָר, ס׳ווייסט איין גאָט:
דייַן מי וועט זייַן אומזיסט.

10. דער פּעלץ.

מע זאָל אונדז נישט פֿאַריאָגן
צו די ווייַטע בערן —
די פּעלצן פֿלעגן מיר אויף זיך דאָרט
איבערקערן.
אַצינד מיר זייַנען, ב״ה,
געקומען שוין אַהער —
נישט נייטיק איז צו שפּילן דאָ
דעם בער.
אַצינד האָסטו שוין אָנגעטאָן
דעם פּעלץ נאָרמאַל,

נאָר ווער באַדאַרף זיי דאָ בכלל,
די גראָבע פעלצן,
די זון זאָל פֿון געלעכטער
זיך צעשמעלצן ?

11. פטור אָן עסק !

פֿאַראַן אַזאַ מין איינציק אָרט,
וואָס האָט נישט קיין פּראָבלעמען,
נאָר טאָמער מאַכט זיך פֿאָרט
אַ שטיקעלע פּראָבלעם,
איז אויך נישט קיין פּראָבלעם :
מע טוט עס
פֿארן פֿעלעכל — אַ נעם,
מע צימבלט גוט אַריין
אויף די "פֿאַרהערן"
און אויב מע פסקנט ניט-"משוגע",
פֿאַרשיקט מען די פּראָבלעם
צו אַל די ווײַסע בערן
און — פטור !

*

יידיש-ידיעות

אָוונט פֿאַר יוסף קערלער אין לייוויק-הויז

אין לייוויק-הויז (תל-אביב) איז פֿאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט, געווידמעט יוסף קערלער צום דערשיינען פֿון זיין לידער-זאַמלונג "די ערשטע זיבן יאָר". נאָכן אַריינפיר-וואָרט פֿון לייזער פּאָדריאַטשיק האָבן וועגן דיכטער און זיין שאַפונג גערעדט יצחק הרכבי און חיים מאַלטינסקי.

יוסף קערלער האָט פֿאָרגעלייענט נייע לידער און אַ דערציילונג. אַן ענלעכער אָוונט איז פֿאָרגעקומען אויך אין רמת-גן מיט דער באַטייליקונג פֿון מרדכי חלמיש און סאָניע שמידער.

יאַסל לערנער

מעשהלער מיט אַ גוטן מיין

דאָס גליווערעמל אין די לבנה

— פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן ? — האָט אַ גליווערעמל אַרויפגערעדט צו דער לבנה.

— כדי מע זאָל דיך בעסער אַרויסזען — האָט די לבנה געענטפערט.

דער זייגער

— די שטוב ברענט און דו גייסט ! — האָבן די ברענענדיקע ווענט זיך צעשריגן אויפן וואַנט־זייגער. — סע גייט דיר גאָרנישט אָן וואָס עס טוט זיך דאָ אַרום !

— מייַן גיין — האָט דער זייגער געענטפערט — איז אַ באַווייז אַז דאָס לעבן און די צייַט שטעלן זיך נישט אָפּ וואָס סע זאָל נישט געשען.

אַ גוט וואָרט

— וואָס איז מיט דיר דער מער וואָס מען זוכט דיך אַזוי ? — האָט מען געפרעגט בייַ אַ וואָרט.

— וואָרשייַנלעך דערפאַר ווייַל איך בין גוט — האָט דאָס וואָרט געענטפערט.

— זאָל דאָס זייַן דערפאַר ?

— זעט אויס אַז יאָ. ווייַל אַ גוט וואָרט איז ווי אַ גוטע קאָרט, שטענדיק געווינט עס . . .

דאָס פּנים

— וואָס איז די סיבה וואָס עס בייַט זיך דייַן קאָליר — האָט מען געפרעגט דאָס פּנים.

— די סיבה איז אַ פּשוטע — האָט דאָס פּנים געענטפערט —
פאַרשעמט ער זיך — ווער איך רויט.
דערשרעקט ער זיך — ווער איך ווייַס.
קרעקט ער זיך — ווער איך גרין און געל.
פרייט ער זיך — ווער איך ליכטיק און העל.

דער געגרייטער טיש

— זע ווי שיין עס איז ביַי מיר — האָט אַ געגרייטער טיש זיך באַרימט פאַר אַ נישט געגרייטן.

— דאָס איז אמת — האָט דער צווייטער טיש געענטפערט — איך אָבער האָב איין פעלער, דו — גאַנצע הונדערט.

די טורמע

— קומט צו מיר, איר אַלע דערשלאָגענע, באַעוולטע און געדרודפטע! קומט צו מיר — און ווי אייגענע קינדער וועל איך אײַך טרייסטן און באַשיצן!...

אַזוי האָט גערופן אַ נײַ־אויסגעבויטע טורמע און ברייט צעעפנט טיר און טויער פאַר אַלע אויסוווּרפן און פאַרברעכער...

גערויש און שטילקייט

— איך בין געלעכטער, איך בין געזאַנג. איך בין אין שטורעם, אין דונער און אין רעגן. איך בין די שפּראַך פון לעבן, פון טאַט און פון באַוועגונג. — אַזוי האָט דער גערויש זיך באַרימט פאַר דער שטילקייט.

— אמת! — האָט די שטילקייט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איז ווער זשע און ווען באַדאַרף דאָס דיך?

— ווען מע ווערט אויסגעשעפּט און מיד פון דיר — האָט די שטילקייט געענטפערט — רופט מען מיך. קום איך ווי אַ ליבער און אַנגעלייגטער גאַסט...

דער שירעם

— אין אַ לויטערן דרויסן ביסטו לחלוטין איבעריק — האָט מען געזאָגט צו אַ שירעם.

— איך ווייס — האָט דער שירעם געענטפערט — נאָר דער דרויסן קען אָפּט פאַראַטן, איך — קיין מאָל נישט.

געלייטערט און הייליק

איך האָב אַ קורץ לעבן — האָט פאַר עמעצן זיך געקלאָגט דער ליגן — נאָר ווען עס באַנוצט זיך מיט מיר אַן איידעלער און גוטער מענטש, ווער איך געלײַטערט און הייליק...

אמת און ליגן

— מע לויבט מיך אין הימל אַרײַן — האָט געזאָגט דער אמת — נאָר ליב האָט מען מיך נישט.

— און מיך פאַרקערט, טאַדלט מען — האָט געזאָגט דער ליגן — נאָר פּײַנט האָט מען מיך נישט.

אַ באַזונדער מזל

— זעט נאָר ווי מע פירט דאָס אייזל אויף דער חתונה. אַ באַזונדער מזל.

— יאָ. דאָס איז כדי ער זאָל פירן וואַסער.

וואָס ער וואָלט אויסגעקליבן

— ווען מע לייגט דיר פאָר אַ טאָרבעלע מיט שכל און אַ טאָרבעלע מיט מזל וואָס פאַר אַ טאָרבעלע וואָלסטו דיר אויסגעקליבן? — האָט איין פערד אַ פרעג געטאָן זײַן שכן.

— איך וואָלט מיר אוודאי אויסגעקליבן דאָס טאָרבעלע מיט קלײַען — האָט דער שכן געענטפערט.

דער הונט און די הון

— טומלסט אַזוי — האָט דער הונט זיך צעהאַווקעט אויף דער קוואָטשקע — גלײַך דו קלײַבסט זיך אויפצוטאָן ווער ווייסט וואָס.

— איך קלײַב זיך צו לייגן אַן איי — האָט די קוואָטשקע געענטפערט.

— צוליב דעם מוזטו אויפשטעלן די גאַנצע גאַס אויף די פיס?!

— איידער מען לייגט דאָס איי — האָט די קוואָטשקע דערקלערט — ווערט מען נײַן מאָל בלינד.

— נײַן מאָל בלינד? — האָט דער הונט זיך געוווּנדערט — טאָקע כדאי?

— כדאי, כדאי! — האָט זיך צעשײַנט די קוואָטשקע. — פונעם איי וועט דאָך אין גיכן זיך אויספּיקן אַ הינדעלע.

— אַ הינדעלע גאָר? גלײַכער אַ הינטעלע!

— צו וואָס גאָר אַ הינטעלע? אַ הינדעלע באַדאַרף איך.

— אַ הינטעלע! דו נאַרישע קוואָטשקע. אַ הינטעלע!

— אַ הינדעלע! דו מעשוגענער הונט. אַ הינדעלע!

*

מאיר זימל טקאַטש / ניו-יאָרק

אַ תפילה במקום אַ הקדמה

מיט חשבון-הנפֿש און ווידוי
צו דיר, אונדזער פֿאָטער אין הימל,
טוט תּפֿילה דיין קנעכט מאיר זימל
אַפֿילו אין מרידה.
כ׳בין מודה מיין זינד,
באַשטראָף מיך לויט ווי כ׳האָב פֿאַרדינט,
נאָר, הימלשער פֿאָטער פֿון ערדישע קינדער,
וואָס שטראָפֿט ניט פֿאַר זינד פֿון די טאַטעס,
ניט מאַך מיך קיין קרבן פֿון חטאת
פֿאַר אַנדערע זינדער,
להבדיל — הבדלות פֿון דעם מענטש אויפֿן צלנו,
און העלף מיר די מעשים-תעתועים דערציילן
פֿון דיינע כוהנים — די בנים פֿון עליון.

מיינע בוזעם-פריינד

נאָך מיין טויט צו די שלושים,
ווען מײַן פֿעלן וועט מאַכן אַ גרעסערן רושם
ווי מײַן דאָ-זײַן הײַנט,
וועלן זיך פֿאַרזאַמלען מײַנע בוזעם-פֿריינד —
די אומפֿלייט וואָס בײַסן —
צו באַריידן און שאַצן
מײַנע גוטע און שלעכטע מידות און מעשים.

וועט זאָגן אַ לויז בשם הכינים:
— ווען ניט זײַן טבע צו קראַצן
אויפֿן אָרט, ווו ס׳האָט אים געביסן,
וואָלט געלאָזט זיך זאָגן, אַז ניט בחינם

האָט ער גע'שמ'ט פּאַר אַ מענטש מיט געוויסן —
(געווען אַ צער-בעלי-חיים
און אַ יגיע-כפּיים)
אָבער פֿון זײַן איטלעכן קראַץ
האָט מיטן ביסן אין מויל אַ נפֿש געפּלאַצט ... —

ווער זאָגן אַ וואַנץ ז'אָס זעלבע כמעט:
— ווען ער וואָלט ניט געהאַט
קיין שאַרפֿן חוש-הריח
וואָלט ער געווען אַ צדיק ווי נח
(אין זײַן דור, וואָס דופּטעט ניט ווי צוויט פֿון מאַראַנץ),
אָבער ער פּלעגט אַ וואַנץ
אונטערן בעט אַפֿילו דערשמעקן
און מיט סם זי באַשפּריצן, זי זאָל זיך עקן. —

און אַ פּלוי — אַן עזות-פּנים,
וואָס זייגט בלוט אָן שפּיכת-דמים
(זי לאָזט בלויז איבער רויטע סימנים), —
די פּלוי וועט נעמען ווײַטער צו אַנטפּלעקן
מײַנע בלוטיקע פּלעקן
און אַזוי וועט זי מעלדן:
— דער מאַראַלישער פּאַבלער און לידלער דער זיסער
איז געווען נאָך ערגער פֿון אַ בלוט-פֿאַרגיסער
צו די פּליי — די שפּרינגענדיקע העלדן,
וועמען ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו שעלטן:
"איר קופּצים-בראש!
אייער שפּרינגען איז גאָר פֿון אַ האָז! ..."
און ער האָט מיט קאַלטבלוטיקער רשעות
זיי געפּרודעט מיט פּאַרע און מיט רויך גערישעט. —

וועט אַרויס פֿון זיין שפּאַלט אַ פּרײַס —
אַ זייטיקער עדות לטובת די אומפּלייט וואָס בײַסן —
און באַשטעטיקן מיין שולד מיט נאָך אַ באַווײַז:
— ער איז געווען ניט בעסער אויך צו די פּרײַסן.
ער'ט געהאַט אַ שלאָף מיט אַ וואַך-הונטס געהאָרך,
פּלעגט זיך אויפֿוועקן פֿון אַ מינדסטן שאָרך,
אָנצינדן ליכט און כאַפּן אַ פּרײַס איבעראַשט
בייט טועם זיין פֿון זײַנע שיריים

צי פֿון זײַן נעגל-וואַסער מאַכן אַ לחיים.
און... ס'האָט שוין ווײַטער מער ניט גענאַשט
דער פֿאַרטײַעטער קרבן...
ס'האָט אים ניט געהאָלפֿן זיך מאַכן געשטאָרבן. —

נאָר ס'וועט זיך אַריינמישן דער באַהאַוונטער וואָרעם
אין וועלטלעכע ביכער און הייליקע ספֿרים
און וועט מוסרן מיט שטראָפֿרייד וואָס שמײַסן
די אומפּלייט וואָס בײַסן:
— איר אָרעמערע פֿון אָרעם אין גײַסט
ווער קושט עס אַ בוזעם-פֿריינד וואָס בײַסט?
און ווער האָט געמאַכט אייך פֿאַר ריכטער
פֿון אומשטערבלעכן דיכטער?
און דאָך זײַט וויסן,
אַז גראָד ווײַל איר האָט געביסן,
האָט פֿאַר אים — אײַך להכעיס —
די אָפּקומעניש זיך פֿאַרוואַנדלט אין נחת —
אין שירה.
ס'איז אַפֿילו אַ סתירה,
נאָר אַזוי טרעפֿט בײַ גאָטס געהיימער יצירה. —
און ס'וועלן מײַנע בוזעם-פֿרײַנד זיך גאָרניט פֿאַרקרימען,
פֿאַרקערט — זיי וועלן זיך נאָך באַרימען:
— מיר האָבן געהאָלפֿן באַשאַפֿן אַ הימען! —

אַ נאָטיץ וועגן דיכטער מאיר זימל טקאַטש — אויף דער זייט 195.

*

יאַנקל גוטקאָוויטש

די דרויסיקע אַמעריקע

(פֿאָרזעצונג)

4. שוואַרץ איז שיין

די גרעסטע מאָדעניצעס און מאָדעניקעס זענען די שוואַרצע. די יונגע, פֿאַרשטייט זיך. זיי קליידן זיך בונט און קאָליריק און אַלץ קליידט זיי: רויט און שוואַרץ, גרין און געל, פּורפּל און פּיאָלעט, און וואָסערע קאָלירן ניט? זאַכן זענען עס לרוב ניט קיין טייערע, דערפֿאַר אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק עפּעס נייס.

האַרלעם (דאָס איז דער נאָמען פֿון דעם סאַמע געדיכט־באַוווינטן שוואַרצן ראַיאָן אין ניו־יאָרק) האָט זיך זיין אייגענע מאָדע. געווען אַ צייט ווען מען האָט די געקרייזלטע האָר געשמירט מיט פֿאַרשיידענע מינים פּעטסן זיי זאָלן זיך, די ניט פֿאָלגעוודיקע, איינ־לייגן אַ ביסל, נאָכגעבן פֿון זייער דראָטענער שטייפֿקייט און געקרייזלטקייט. שפּעטער, ווען ס׳איז געוואָרפֿן געוואָרן דער לאָזונג: שוואַרץ איז שיין! האָט מען, פֿאַרקערט, די קרויזן פֿאַרקעמט אַזוי ווי אַ וואַלד וואָלט געשטאַנען. יעדער האָר ווי באַזונדער און אַלע צוזאַמען — אַ מעכטיקער, אויפֿגעשטורעמטער וואַלד! אין אַזאַ מין טראָציקייט קאָנסטן אַריינ־שטעלן אַ גרויסע, אייזערנע קאַם, און וואָס דו ווילסט אַליין. ס׳וועט זיך האַלטן, ניט אַרויספֿאַלן.

איצטער איז געקומען די מאָדע אויף צעפּעלעך. צענדליקער און צענדליקער צעפּעלעך צעטיילן דעם קאָפּ אויף קוואַדראַטן, ווי באַאַרבעטע פֿעלדער געזען ביים נידערן פֿון עראָפּלאַן. די דאָזיקע מאָדע איז נוגע מיידלעך ווי ייִנגלעך, דער עיקר, פֿאַרשטייט זיך, די ערשטע. איינצייטיק שמירט מען שוין צוריק די האָר מיט פֿאַרשיידענע שמירעכצן זיי זאָלן גלאַטער ווערן, ווייכער, און דאָס פּעטס רינט ממש איבערן שטערן.

ייִנגלעך ביז זעכצן יאָר טראָגן היטלען. ניט אַלע, אָבער אַ היפּשע צאָל. כ׳האָב אָבער קיין איין מאָל ניט געזען, טאַקע קיין איין מאָל ניט, אַז אַזאַ איינער זאָל טראָגן דאָס היטל מיטן דאַשעק פֿון פֿאָרנט. אַלע מאָל איז דער דאַשעק פֿון הינטן אָדער אויף אַ זייט.

מער דערוואַקסענע טראָגן קאַפּעליושן, קאַפּעליושן מיט מעטאַלענע ראַנדן און אַנדערע מינים באַפּוצונגען, ווויליונגעריש פֿאַרוואָרפֿן אַ ביסל אויף אַ זייט. אַלע פּרוּוען, אָבער טאַקע אַלע, טראָגן אויף די הענט בראַסלעטן, פֿון די האַנט־געלענקען ביז די עלנבויגנס — וואָס מערער אַלץ שענער, רינגעלעך, מיט און אָן שטיינער, מערער ווי די צאָל פֿינגער אויף די הענט. אויך אויערינגלעך טראָגן כמעט אַלע. ניט אין אָן ערך זעלטענער, אָבער סע טרעפֿט, אַז מע זעט ביי איינער אָדער איינעם אַ קליין רינגעלע אַדורכגעשטאָכן דורך איינעם פֿון די נאָזלעכער. די העלדזער זענען באַהאַנגען מיט קייטן פֿון דין ביז גראָב

און מיט קמיעות אויף זיי. ביי יונגע מענער איז עס אָפּט די פּוסטע גילזע פון אַ ביקסן־קויל.

ס'וואַרפט זיך אין די אויגן וואָס די מערסטע שוואַרצע מיידלעך טראָגן ברילן, און סע מאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן זיי געטראָגן אויך צוליב פּוץ, פון שיינקייט וועגן. קאָן דאָך ניט זיין, אַז אַלע זיי זאָלן האָבן אַ שלעכטע ראיה. די גלעזער זענען פון אַלע מעגלעכע פאַרמאַטן און קאָלירן, קאָלירן וואָס העלפן ניט פאַרשטאַרקן דאָס זען.

צווישן קיין פעלקער־גרופּע זעט מען ניט אַזאַ גרויסע צאָל הויכגעוויקסיקע, שלאַנקע מענער און פרויען ווי צווישן די אַמעריקאַנער נעגער. פון דאַנען, מסתמא, די גרויסע צאָל נעגער צווישן די אַמעריקאַנער ספּאָרטלער. אַזאַ איינער דאַרף ניט אונטערשפּרינגען כדי אַריינצוּוואַרפן די פּילקע אין קויש, נאָר דאַרף זיך אַרונטערבייגן כדי זי "אַריינצולייגן" דאָרטן.

פאַרכאַפּנדיק שיין זענען די יונגע נעגערינס, אויך יונגע מענער, מיט די געגאָלטע, אויך צוליב שיינקייט, קעפּ. דאָס אַלץ איז נוגע יונגע. קוים שפּאַנען די פרויען אַריבער די צוואַנציקער, ווערן זיי געזעצטער, און ווי צעגאָסן : פול־בוזעמדיק, ברייט אין געזעס.

להיפוך צו די נעגער זענען די פּאָרטאָריקאַנער נידעריטשקע. באַמיען זיי זיך טראָגן שיך אויף הויכע פּאַדעשוועס און אָפּצאַסן, כאַטש אויף וויפל ניט איז זיך אויפהייבן. אַלץ איינס וועלן זיי די נעגער ניט אָניאָגן, ווייל יענע האַלטן אויך פון דער מאָדע פון הויכע שיך.

די פּאָרטאָריקאַנער שטעלן פאַר מיט זיך אַ שטראָם אַ יונגגן, אַן אימפּעטיקן, אַ שטראָם וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין אייגענע שפּראַך, זיין אייגנעם שטייגער, זיין האַלטן זיך צוזאַמען, אַ שטראָם וואָס וויל זיך ניט פונאַנדערלאָזן אין אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ. פאַרקערט, איבער הונדערטער און הונדערטער געוועלבער האָבן זיך באַוויזן אויפשריפטן, אַז "דאָ רעדט מען שפּאַניש". אין די סאָבוויס האָבן זיך באַוויזן, פּאַראַלעל צו די ענגלישע אויפשריפטן, אויך שפּאַנישע. פאַרשיידענע רעקלאַמעס אין ראַדיאָ און אין דער טעלעוויזיע אין שפּאַניש. שפּאַניש איז געוואָרן די צווייטע אָנערקענטע שפּראַך פון ניו־יאָרק. אין קאַליפאָרניע איז עס אויך אַזוי, אָבער ניט אַזוי צוליב די פּאָרטאָריקאַנער ווי צוליב די קובאַנער און מעקסיקאַנער.

וויפל זענען דאָ פּאָרטאָריקאַנער אין ניו־יאָרק? אויף רעכט ווייסט קיינער ניט. אַ מיליאָן, אַנדערטהאַלבן. ווי דאָס זאָל דאָרטן ניט זיין, מאַכן זיי אויס ווייניקער ווי די צאָל יידן אין אַמעריקעס גרעסטער שטאָט. זיי קעמפן פאַר שולן מיט דער שפּאַנישער לערן־שפּראַך, פאַר שטודיעס פון דער פּאָרטאָריקאַנער קולטור און ליטעראַטור אין די ניו־יאָרקער אוניווערסיטעטן. זיי בעטן ניט, זיי פאָדערן. און זיי וועלן זיי באַקומען. שווער צו וויסן און זאָגן ווי ס'עט אויסזען מיט אַ דור אָדער צוויי שפּעטער, צי וועלן זיי בכוח זיין איינהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אין קאָנפראָנטאַציע מיט דער פיל שטאַרקערער און מעכטיקערער ענגלישער קולטור און שפּראַך. ביים היינטיקן טאָג זעט עס אויס אַזוי.

די יידן אין ניו־יאָרק (זייער צאָל דערגרייכט דאָ צווישן צוויי ביז צוויי־מיט־אַהאַלבן מיליאָן) האָבן זייער אויסגרינען אָנגעהויבן פון אָפּזאָגן זיך פון זייער שפּראַך לטובת דער מאַיאָריטעט־שפּראַך ענגליש. ניטאָ נאָך אַזעלכע צופּאַסלער ווי עס זענען אחינו בני

ישראל. און דער ביישפּיל פון די פּאַרטאָריקאַנער לערנט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אַנדער אַלטערנאַטיוו, אפילו פאַר מינאָריטעט־פעלקער. אַ סך אַנדערע האָבן, לויטן מוסטער פון די לעצטע, געגומען זיך אַרומקוקן, וואָס מע קאָן נאָך און וואָס מע דאַרף נאָך טאָן, כאָטש טיילווייז צו פאַרריכטן די באַגאַנגענע היסטאָרישע פעלערן. צום באַדויערן זענען אַ סך זאַכן שוין ניט מער צו פאַרריכטן. מיר האָבן טענות צום סאָוועטן־פאַרבאַנד הלמאי ער גיט ניט דער יידישער באַפעלקערונג קיין מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן אין דער יידישער שפּראַך, זאָגט זיי אָפּ שולן מיט יידיש ווי די לערן־שפּראַך, דערלויבט ניט קיין יידישע צייטונגען, טעאַטער וכדומה. ווער אָבער האָט די אַמעריקאַנער יידן ניט געלאָזן קולטיווירן מאַמע־לשון, שאַפן זייערע אייגענע קולטור־אינסטיטוציעס? פאַרוואָס קאָנען עס טאָן די פּאָרטאָריקאַנער, וואָס זענען אַהער געקומען מיט ניט אין פאַרגלייך אַ קלענערן קולטור־באַגאַזש? זיי האַלטן, און מיט רעכט, אַז סע קומט זיי, אַז דאָס דאַרף טאָן די מלוכה פאַר זיי, די שטאָט ווו זיי לעבן. איז ווידער אַמאָל: מיר גייען דאָ אַריין אין גבול פון דער אינעווייניקסטער אַמעריקע, און דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

5. נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים

יעדער פאָלק האָט זיך זיין קיך, זיינע נאַציאָנאַלע מאכלים. פּאָרט ווער אַריבער אין אַן אַנדער לאַנד, נעמט ער מיט מיט זיך זיין "קיך". און אויב ניט, געפינט ער שוין אַ רעסטאָראַן פון זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז געקומען אַהער פריער. נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים קומט אָפט צום אויסדרוק דורך דער פאַרמיטלונג פון מאָגן. זענען טאַקע פול די אַמעריקאַנער שטעט מיט כינעזישע, איטאַליענישע, גריכישע, פראַנצויזישע, מעקסיקאַנער, יידישע און אַנדערע מינים רעסטאָראַנען. דער עיקר וואַרפן זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל כינעזישע. די כינעזישע קיך האָט דאָ דעם גרעסטן דערפאָלג און דעם בעסטן נאָמען. כ'געדענק אַז ווען מיר זענען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק און אַ ביסל צייט אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, ניט געוווּסט פאַר וואָס זיך צו נעמען, האָט דער חבר פון מיין טאָכטער, אַ סטודענט פון זעלבן פאַקולטעט וואָס זי, אַ כינעזער, זי אָנגעקוקט פאַרחידושט: וואָס הייסט? מע טוט וואָס אַלע כינעזער טוען אין אַזאַ פאַל: מע עפנט אַ רעסטאָראַן אָדער אַ וועשעריי, און אַראָפּ פון מאַרק. אַ סך געקומענע פון טייוואַן און פון דער קאָנטינענטאַלער כינע האָבן זיך טאַקע קאָנצענטרירט אין די דאָזיקע צוויי מינים באַדינגונג־אינסטיטוציעס, און היות זיי טוען זייער זאַך גוט, באַרייסן ניט, האָבן זיי זיך אָנגענומען. כינעזישע רעסטאָראַנען טרעפט איר ניט נאָר אין טשיינאַטאַון, אַ געגנט באַוווינט דורך כינעזער, נאָר אומעטום, איבער דער גאַנצער שטאָט.

פּונקט ווי מיט דער אכילה אַזוי אויך מיטן טרינקען. ניט וואַסער, חלילה, נאָר שנאַפּס. פאַרשיידנס און פאַרשיידן טרינקען די מענטשן. אַ רוס, אַ פּאָליאַק, וועט זיך קיין מאָל ניט אָפּזאָגן פון אַ ביסל בראָנפן. אַן איטאַליענער, ווידער, וועט זיך ניט לאָזן אָפּריידן פון אַ גוט פלעשל וויין. דאָס זעלבע פראַנצויזן, מיט אַ צולאָג פון קאָניאַק אויף דעסערט. די אַנגלאָ־זאַקסן האַלטן פון זייער וויסקי.

און ניט אַזוי וואָס מע טרינקט, נאָר ווי מע טרינקט. די סלאַוון טרינקען בחברותא

און שומנע. דאָס טרינקען גייט געפּאָרט מיט אַ גוטן פּרעס. אויסגעטרונקען און פאַרביסן, פאַרביסן און געטרונקען. און אַזוי ביזן אויסליידיקן דעם גאַנצן זאַפּאַס בראָנפן, דעמאָלט שיקט מען נאָך נאָך איין פלעשל צום פאַרענדיקן טרינקען. דערביי, ווען מען איז שוין אַ היפּש ביסל אָנגעשניאַשקעט, קושט מען זיך, אויך מענער מיט מענער, אויף ברודערשאַפט, און אַז מע טרינקט זיך שוין גאָר גוט אָן, לאָזט מען זיך אַרויס אין גאַס, מע זינגט, און אַ מאָל, ווען ס'איז שוין גאָר גוט אויפן האַרצן, צעלאָזט מען אויך די הענט. מיט איין וואָרט: מע טרינקט אויף פריילעך.

ניט אַזוי די אַנגלאָזאַקסן, די אירלענדער און אַנדערע מינים ענגלענדער. זיי האָבן אויך ליב אַ טרונק צו טאָן. און זיי דאַרפן ווייט ניט זוכן, כדי נאָכצוקומען זייער באַגער. אויף יעדע צען טריט האָט איר אַ "פּאָב", ווי דאָס הייסט ביי זיי. איר דערקענט שוין די דאָזיקע אינסטיטוציעס פון דער ווייטנס. פון דרויסן מאַניען זיי אייך מיט זייערע ביר־רעקלאַמעס, נאָר אינעווייניק טרינקט מען וויסקי, מיט און אָן סאָדע־וואַסער, סקאָטש אָדער דזשין. אַרום איז צוגעטונקלט. די מענטשן זיצן אויף הויכע דריי־בענקלעך אַרום טאָמבאָנק און דער באַרמען גיסט זיי אָן. איין כוס, אַ צווייטן, אַלץ מיט אַ טאָלק. מע טרינקט מיט זיך און צו זיך. אַ מאָל אַ פּאָר ווערטער מיטן באַרמען. פאַרבייסן פאַרבייסט מען בכלל ניט. אַזוי זיצט מען זיך אָפּ די צייט נאָך דער אַרבעט ביז מע גייט שלאָפן, כדי מאָרגן ווידער זיך לאָזן צו דער אַרבעט. עפּעס צו אומעטיק איז דאָס גאַנצע טרינקען, מע שלאָגט זיך אָפּילו ניט נאָכן טרינקען. גאָר ניט.

כ'דערמאָן זיך: דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָך דער מלחמה, אין מיין געבוירן־שטאָט. אויף אַ ווינקל פון אַ גאַס שטעלט מיך אָפּ אַן אומבאַקאַנטער: קאָלעגע (כ'זע אים צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דעם "קאָלעגע" מיינעם), קום אַריין, איך בעט דיך, בלויז אויף איין מינוטקעלע. כ'קאָן ניט אַליין און אויסטרינקען מוז איך. און מיר זענען אַריין און אויסגעטרונקען איינער פאַרן אַנדערנס געזונט. דערנאָך האָט ער מיר געדריקט די האַנט און איך זיינע, און מיר האָבן זיך צעזעגנט. אַז אַ מענטש קאָן ניט אַליין, מוז האָבן קאָמפּאַניע צום אויסטרינקען, איז דאָך ניט שייך.

בדרך כלל דערמאָנען מיר די אַמעריקאַנער די רוסן, כאָטש זיי זענען אַזוי ווייט איינער פון דעם אַנדערן אין זייער באַנעם און מענטאַליטעט, ווי ס'איז ווייט דער הימל פון אונדזער זינדיקער ערד. אָן אָפּענער באַנעם, ניטאָ קיין איבערגעשפּיצטקייט, טאָלעראַנץ צו די וואָסריידן אַ שלעכטן ענגליש, גאַסטפריינטלעכקייט, אַרויסהעלפן, ווייזן ווו צו גיין, צו ווענדן זיך ווענדן. דאָס מיינט ניט אַז אַלע זענען אַזעלכע. אָ, ניין! די אַנגלאָזאַקסישע "אַריסטאָקראַטיע" (דער סימן מובהק געלט, אַ סך געלט, ניט וויכטיק אפילו אויף וועלכן אופן געמאַכט) וויל ניט צולאָזן צו זיך קיין פרעמדע, אַפילו מיט געלט. זיי וווינען אין באַזונדערע געגנטן, באַהיט און באַשירעמט קעגן אַריינדרינגער, קעגן אַ בייז אויג. זיי האָבן זייערע אייגענע קלובן, ווו זיי וועלן ניט אַריינעמען קיין מענטשן ניט פון זייער גראַד און אָפּשטאַם. נאָר ניט וועגן זיי ריידן מיר. מיר ריידן וועגן אַמעריקאַנער פון אַ גאַנץ יאָר. אין דער געזעלשאַפט פון יונגע אַמעריקאַנער קאָנט איר טרעפן יאַפּאַנעזער און כינעזער, שוועדן און טערקן, און וועמען ניט? דאָס באַציט זיך קודם כל צו די אינטעלעקטואַלן, קינסטלער, זוכער פון עפּעס מערער אין לעבן ווי מאַטעריעלע דער־

גרייכונגען. די זין און די טעכטער ווילן אין אַ סך פֿאַלן ניט איבערנעמען די ביזנעסן פֿון זייערע עלטערן, אויסגעבויטע במשך פֿון אַ סך יאָרן און שווערער האָרעוואַניע. זיי ווילן גערנער די קאַריערע פֿון הויך־קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיאָנאַלן. די דאָזיקע יונגע מענטשן געפֿינען גיך אַ בשותּפֿישע שפּראַך צווישן זיך, ניט ווי זייערע עלטערן, וואָס זענען באַלאָדן מיט פֿאַראורטיילן מיטגעבראַכטע פֿון דער אַלטער היים. צוזאַמען מיט דעם פֿאַרלאָזט מען די אַלטע היימישע קיך, מע פֿאַסמאַקעוועט זיך מיט די כינעזישע פּאַטראַוועס, און ועל כולם מיט די אַמעריקאַנער סטייקן (אַ פֿײַנע פֿאַרציע פֿלייש וואָס פֿאַרדעקט דעם טעלער פֿון ברעג צו ברעג), אָדער אַ "הייסן הונט", ווי סע הייסן די וואַרעמע וואָרשטלעך מיט זויערע קרויט אָדער "קעטשאַפּ" (אַ צופּראַוועכץ פֿון פּאָמידאָרן), מען פֿאַרבייסט מיטן עפּל־קוכן און מע פֿאַרטרינקט מיט אַ קאָקאַ־קאָלאַ. קינדער האָבן גערנער אַ "האַמבורגער" (ביי מיין מאַמען האָט עס געהייסן אַ קאָטלעט), אָדער גאָר די איטאַליעניש אָפּשטאַמיקע פּיצע. יע; די אַמעריקאַנער נאַציע איז נאָך אַלץ אין סטאַדיע פֿון ווערן, און ווער ווייסט וואָס פֿאַראַ פּנים זי וועט אָננעמען. צו פֿיל געווירצן קאָכן זיך אינעם אַמעריקאַנער טעפּל, און קיינער קאָן ניט פֿאָרויסזאָגן וואָס פֿאַראַ מאכל ס'וועט פֿון דעם זיך אויסקאָכן.

6. הינט, קעץ און צער־בעלי־חיימניקעס

ווען איר קומט אָן צום ערשטן מאָל אין אַ אַמעריקאַנער שטאָט, ווערט איר פֿאַרכאַפּט פֿון די מאָדערנע בויונגען, פֿון די פֿאַרשיידענע מינים וואָלקנקראַצערס. היות שטח אין דער גרויסער שטאָט איז מיט גאָלד צוגלייך, בויט מען ניט אַזוי אין דער ברייט ווי אין דער הייך. און מע דאַרף מודה זיין: ס'פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. עפּעס פֿאַסצינירנדיקס איז פֿאַראַן אין די דאָזיקע געביידען פֿון מעטאַל און גלאָז. דער אַמעריקאַנער בוי־זשעני האָט אין די דאָזיקע ריזיקע בויונגען, אין די מעכטיקע הענג־בריקן איבער די אַמעריקאַנער וואַסערן, אין די מאָדערנע אינדוסטריעלע גיגאַנטן, געפֿונען זיין פֿולן קינסטלערישן אויסדרוק.

וואָס־זשע דען? די אַלע בנינים זענען באַשטימט בדרך כלל פֿאַר ביוראָען, פֿאַר אָפֿיסעס פֿון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס, בענק וכדומה אינסטיטוציעס. דערפֿאַר ווי בידנע, ווי גראָ, עס זעען אויס די הייזער צום וווינען פֿאַרן אַמעריקאַנער פֿון אַ גאַנץ יאָר. די וווין־הייזער פֿאַר די אָרעמערע שיכטן, אָדער פֿאַרן אַזוי גערופֿענעם מיטלקלאַס, און צו אים געהערט דער רוב מנין ורוב בנין פֿון פֿאָלק, זענען אָן אַ פּנים, ענלעך ווי איין זעלנער צום צווייטן, ערדיש גראָ, אָן איין ליכטיקערן פֿלעק, מיט אייזערנע לייטערס אָנשטאָט באַלקאָנען. די אייזערנע לייטערס זענען טאַקע נייטיק אין פֿאַל פֿון אַ שריפֿה. זיי שפּעטן אָבער פֿון די אַזוי אויך אומהיימלעכע הייזער, וווּ די מענטשן פֿאַרברענגען זייער גאַנצע צייט מחוץ זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע באַשעפֿטיקונגען.

די לענדלאָרדס (הויז־באַלעבאַטים) האָבן געבויט ניט זאָרגנדיק זיך וועגן עסטעטישן אויסזען פֿון זייערע הייזער, געבויט אַזוי עס זאָל אויסמאַכן וואָס ביליקער, מיט דער אויסרעכענונג, אַז זיי אַליין וועלן אין זיי ניט וווינען. האָבן טאַקע די הייזער אַזאַ פּנים. שווער פּשוט צו אונטערשיידן איין הויז פֿון צווייטן.

זעט איר, אינעווייניק זענען די ווינונגען אויסגעריכט מיט גאַז־קיכן, "פרידזשידערן" (קיל־שענק), און אין די "בייסמענטס" (קעלערן) וועט איר אָפט, אָבער ניט אַלע מאָל, געפינען עלעקטרישע מאַשינען צום וואַשן און טריקענען וועש — אַ גוואַלדיק באַקוועמע זאַך פאַר די שכנים. אין די אַלטע הייזער זענען אַזעלכע וואַש־אויטאָמאַטן ניט פאַראַנען, דאַרפן שוין די שכנים אָנקומען צו די ספּעציעלע געוועלבער מיט איינגעשטעלטע צענדליקער וואַש־און־טריקן מאַשינען. איר דאַרפט נאָר אַרייַנוואַרפן וואָס סע קומט דעם אויטאָמאַט און דאָס איבעריקע טוט ער אַליין: זייפט און וואַשט און שווענקט, דריקט אויס דאָס וואַסער און טריקנט. די דאָזיקע וואַש־אינסטיטוציעס זענען זייער אָנגענומען אין אַמעריקע און העלפן ביז גאָר אַרויס די שטוב־באַלעבאָסטעס.

בכלל איז די באַדינונג אויסגעצייכנט אַוועקגעשטעלט. איר זייט ערגעץ ווו אַוועק אין אָוונט צו פריינד, אין קינאָ, אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ חתונה אָדער בר־מצווה. מאָלע ווו אַ מענטש קאָן אַרויסגיין אין אָוונט? איר׳ט פאַרגעסן וואָס איינקויפן פאַר דער שטוב, צום עסן. איז ניט געדאגהט. פאַראַנען אויף דעם דעליקאַטעסן־ געוועלבער. זיי לייזן דער עיקר דעמאָלט ווען אַלע איבעריקע שפּייז־געוועלבער זענען פאַרמאַכט: זונטיק, אין די יום־טובים און אין די געוויינטלעכע טעג — אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. טאַקע אַ ביסל טייערער, נאָר פון הונגער וועט איר שוין ניט שטאַרבן. וואָס דען האָט איר געוואָלט? אי מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און אי ניט צאָלן פאַר דעם? ניט אין אַמעריקע. דערביי, זאָל עס זיין אַ צופאַל? זייער אַ סך פון די באַלעבאַטים פון די דאָזיקע דעליקאַטעסן־ געוועלבער זענען דייטשן, כאָטש ס׳פעלן אויך ניט קיין איטאַליענער און יידן, וואָס האַנדלען אַפילו "גלאַט כשר".

אין אַמעריקע קאָנט איר גיין אָנגעטאָן ווי איר ווילט. קיינעם אַרט עס ניט, קיינעם גייט עס ניט אָן. כאָטש אויפן קאָפּ גיי, נאָר אויף דיין אייגענעם.

אין די הייסע, פייכטע זומערטעג זיצט מען פאַר די הייזער, אויפן טראָטואַר. מע טראָגט אַרויס צונויפלייג־שטולן און מע זעצט זיך אויס כאַפּן אַ ביסל "פרישע" לופט, דערביי אַ שמועס מיט שכנים. ניט אַלע קאָנען זיך דערלויבן איינפירן ביי זיך אין ווינונג עלעקטרישע לופט־קילערס, ראַטעוועט מען זיך אויף אַזאַ אופן. קליינוואַרג עפנט אויף די פייערלעשער־קראַנען און לאָזן זיי אין גאַנג, אַלץ צוליב דעם זעלבן צוועק: אָפּקילן זיך אַ ביסל.

די לעצטע יאָרן האָט זיך אַ סך געביטן צום ערגערן. די מורא פאַר אָנפאַלן, רויב און פאַרגוואַלדיקונג, האַלטן אָפּ די מענטשן פון אַרויסגיין אין אָוונט אין גאַס. זיצט מען און מע שטיקט זיך אין די אייגענע ד׳ אמות, אין די אָנגעהיצטע הייזער.

"ווו ווינט איר? איז נאָך אייער געגנט אַ גוטע"? הערט איר פרעגן. דאָס מיינט: פאַלט מען ניט אָן ביי אייך אויף די מענטשן? דערוויַיל — ניט. וואָס וועט זיין מאָרגן, ווייסט מען ניט.

אַ גרויס לאַנד, מיט נאָך גרעסערע און שווערערע פּראָבלעמען.

די שטאָט ווערט כסדר׳ צעריסן אויף שטיקער דורכן אומהיימלעכן געוווי פון די אויטאָ־סירענעס. אויב ניט אַ שריפה, איז אַן אויטאָ פון דער גיכער הילף, פון דער פּאָליציי. ניטאָ אַ מינוט עס זאָל וואָס ניט געשען אין דער גרויסער שטאָט. און די גאַסן זענען

אַזוי פֿאַרפֿאַפֿט מיט אויטאָס, אַז נאָר אויף אַזאַ אופֿן קאָנען זיך די פֿייערלעשער אָדער די פּאָליציי אַדורכרייסן. נאָר מע זאָל ניט געפּרוווט ווערן צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן. אויך צו דעם דאָזיקן געוווי געוווינט מען זיך צו מיט דער צייט.

אין אַמעריקע האָט מען זיך גוט געספּראָוועט מיט דער פֿראַגע פֿון צווישן־קאָסמישע פֿליען. אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אויף דער לבֿנה. אָבער באַזייטיקן דעם אַנגעזאַמלטן מיסט פֿון די גאַסן — דאָס האָבן זיך די אַמעריקאַנער ניט אויסגעלערנט. פֿאַר די הייזער ווערן אַרויסגעשטעלט בלעכענע קובלען פֿול מיט אַלערליי אָפּפֿאַל, פּאַפּירענע טאָרבעס מיט שפּייזרעשטן. איידער די אויטאָס פֿון דער שטאָטישער סאַניטאַרער דינסט באַווייזן אָפּצוראַמען דעם אַנגעוואַלגער פֿון מיסט, פֿרייעט עס אויף דער זון און צעטראָגט זיך מיט אַ געשטאַנק איבערן גאַנצן אַרום.

אין די רייכערע גאַסן זעט עס אויס היפּש אַנדערש. ערשטנס האָבן די הייזער גופֿא איינאָרדענונגען צום פֿאַרברענען דעם מיסט. און טאָמער ווערט פֿאָרט וואָס אַרויסגעשטעלט אין דרויסן, ווערט עס גיך פֿון דאָרטן צוגענומען. ווי זאָגט דאָרטן שלום עליכם: די לעצטע פֿאָר הויזן צו פֿאַרזעצן אַבי אַ גבֿיר צו זיין. און טאַקע אַזוי.

מיליאָנען מענטשן אין אַמעריקע האַלטן הינט און קעץ ביי זיך אין די וווינונגען, אָפּט — ביידע צוזאַמען. די הינט דאַרף מען אַרויספֿירן זיך אַדורכצולופֿטערן, פֿאַר־פּאַסקודיען זיי יעדן פֿרייען אָרט. נאָר ניט דאָס איז דאָס ערגסטע. כּדי צו באַשפּייזן אַזאַ אַרמיי פֿון הינט און קעץ ווערן יאָר־יערלעך געקוילעט צענדליקער טויזנטער בהמות. און גייט רעדט מיט די אַמעריקאַנער צער־בעלי־חיימניקעס. עס וועט קיין מאָל צו זיי ניט דערגיין. די רייכע דינגען אַפֿילו יונגע מענטשן זיי זאָלן אַרויספֿירן זייערע ליבלינגען אויף שפּאַציר אין פּאַרק. יאָ, זיי לעבט זיך, די דאָזיקע הינט און קעץ, גאָר ניט אַזוי שלעכט אינעם גאָלדענעם לאַנד.

פֿון אַלע מינים פּאַראַדעס זענען די הינט און די קעץ. פֿון קליין, אַריינצולייגן אין אַ קעשענע פֿון וועסטל, ביז אַ הונט גרויס ווי אַ קאַלב. די פּראָדוקציע פֿון שפּייז־אַרטיקלען פֿאַר די דאָזיקע פֿירפֿיסיקע איז אַ ביליאָנען־ביזנעס. נאָר אַמעריקע קאָן אויסהאַלטן אַזאַ אויסברענגערישקייט. היינט די שפּיטאָלן, די בית־עלמינס פֿאַר די דאָזיקע סימ־פּאַטישע בעלי־חיים! ניט איין מענטש איז זיי מקנא! אַ בעט אין אַן אַמעריקאַנער שפּיטאָל קאָסט שוין היינט צווישן צוויי־און־דרייהונדערט דאָלאַר אַ מעת־לעת! אַ טוריסט וועט קיין מאָל ניט דערזען די אמתע אַמעריקע. ער וועט אָנקוקן די פֿרייהייט־סטאַטוע, דעם העכסטן בנין אין שטאָט, פֿון וואַנען עס שפּרייט זיך אויס פֿאַר זיינע אויגן אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע, און טויזנטער אַנדערע מערקווירדיקייטן. פֿאַראַן וואָס צו זען אין אַמעריקע. אויף דער באַוועריי וועט ער ניט פֿאַרבלאָנדזשען, דער טוריסט. וואָס קאָן ער דאָ, מישטיינס געזאָגט, זען? אַ מענטשן שלאָפֿן מיט אַ האַרטן שלאָף אויפֿן טראָטואַר? פֿאַרטרונקען די צרות צי וואָס? אַן אַלטן אַלקאָהאָליקער? און באמת: ווען ס׳איז האַרט די קישן צוקאָפּנס און ווען ס׳איז ווייך דער טראָטואַר. אַ גרויס לאַנד מיט נאָך גרעסערע קאָנטראַסטן. און וויפֿל מענטשן אַזוי פֿיל וועלטן. אַ שטיקל טרייסט וואָס יעדער מענטש, ווי בידנע ער זאָל ניט זיין, האָט זיך זיין אייגענעם שטערן אין הימל.

עליע ווערבלון

שיין און שאָטן

מען קען דאָך אויך
דעם טויט געפֿינען,
הענגענדיק אין ליכטיקייט פֿון רוים
און צאַפּלען, צאַפּלען אויף אַ שטראַל.
אין דרויסן זון
און אין דער נשמה — שאָטן...
ווער ווייסט
צי וועל איך נאָך דערפֿילן
נאָך אַ מאָל דיין אָטעם...

*

— הער — האָב איך געזאָגט —
כ׳בין כמעט אַן אַלטער מאַן,
אָבער פֿול, גאָר פֿול בין איך
מיט ליד, מיט לעבן און געזאַנג;
די ווענטלעך פֿון מיין ברוסט
זיי האַלטן עס ניט אויס
און רייסן אויף,
דער ניגון זאָל אַרויס.

און מיך — וואָס בלייבט נאָך מער?
צו זינגען פֿאַר אַ פּוסטן סקוועער,
און דאָס איז שווער, גאָר שווער,
ווי ס׳איז שווער אַן איינזאַמע
אַ פֿאַלנדיקע טרער,
וואָס קען אַ מאָל צעשפּאַלטן
אויף צוויי — די קיילעכדיקע ערד.

*

כ׳גיי סתם אין דעם פֿרילינג אַרײַן,
אין בליענדיקן בלוי פֿון הימל,
אין וואַלד פֿון ריחות און בליטן.
כ׳גיי סתם אין דעם פֿרילינג אַרײַן,
געפֿאַנגען אין נעץ פֿון דרימל.

*

אַ פֿרילינגדיק ווינטל,
ווי אַ לופֿטיק הינטל,
איז מיך באַפֿאַלן
מיט אַזאַ ליכטיקן האַוו-האַוו,
און נישט נאָר מיך,
נאָר אויך — יעדן בוים
אין שפּראָץ און אין בלי.
יעדן צווײַג צעוויגט
הין און צוריק
און צעטרייסלט
און אָפּגעשוועקט
אַלע נעכטנס אין וויי,
די האַרבסטן און רעגנס,
אַוועק, אַוועק!
ס׳איז פֿרילינג אַצינד,
זאָל לעבן דער ״איצט״,
די ליכטיקע רגע!

*

דער קרוג פֿון מײַן לעבן איז פֿול,
קיין טראָפּן נישט אַרײַנצוטריפֿן מער,
אפֿשר בלויז אַן עסענץ פֿון ליבע,
אַ הויך פֿון פֿרײַנדשאַפֿט,
וואָס איך האָב ניט געקענט...
דער קרוג פֿון מײַן לעבן איז פֿול,
קיין טראָפּן ניט אַרײַנצוטריפֿן מער!

*

ס׳איז פֿרילינג!
די נעפּלען פֿון דעם ווינטער
זענען שוין אַוועק
און אָפּגעדעקט
די ווייַטע בלויע בערג,
די שוועלן אייביקע צום הימל.
ס׳ווערט גרינער דער ציפּרעס,
און בליונג — בונטע פֿלעמלעך פֿון דעם בוים
רייַסן זיך אַרויס
און ברענען אין דעם רוים.

*

אַזוי פֿיל זאַכן האָבן זיך פֿאַרלאָפֿן
אין משך פֿון די טעג,
געמיינט — דאָס לעבן איז פֿאַרגליווערט שוין געוואָרן
פֿאַרגליווערט און פֿאַרפֿראָרן.
און דאָ — אַנייַע לבנה ט׳אויפֿגעטויכט,
מייַן בליק האָט זיך
אין איר יונגער שייַן געבאָדן
אין דעם וואַלד פֿון מייַנע שאָטנס...
ניט אַלץ איז אין מייַן וועלט פֿאַרלאָרן,
עס מאָלט נאָך אַלץ די מיל פֿון מייַנע יאָרן.

פאַרקריצט אין זכרון...

א. שערלעצקי

וועגן צוויי וואָס זענען פון אונדז אַוועק אין איין יאָר

(אַ טרער אויף די קברים פון יאָסל חריף און קלמן סעגאַל, ז״ל)

יאָסל חריף איז געווען דער ״ותיק״. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ירושלים ווינטער תש״ח, אַ האַלב יאָר אין גאַנצן נאָכן מדינה־אויפקום, איז ער שוין דאָ געווען אַן אַלטער תושב מיט אַ דירה אין איינעם פון די צפונדיקע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט. אונדזער ערשטע קאָנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן אין אַ קאַפע־הויז דווקא אין תל־אביב. דאַכט זיך, אַז דניאל לייבל איז געווען דער, וואָס האָט געשלאָסן דעם ״שידוך״ צווישן אונדז:

— אָט איז אַ ירושלימער! — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף יאָסל חריף, ווען ער האָט געהערט אַז איך, אַ נייַער עולה, האָב זיך שוין באַזעצט אין ירושלים און איך האָב שוין דאָרט אויך אַ שטיקל דירה און אַרבעט.

שוין דעם ערשטן שבת נאָך אָט דער געשלאָסענער פרישער קאָנטשאַפט האָבן מיר זיך באַגעגנט אין ירושלים און צוזאַמען שפּאַצירט איבער דער דעמאָלט נאָרוואָס־באַפרייַטער שטאָט פון מלחמה־באַלאַגערונג, הונגער און דאָרשט. דאָס האָט יאָסל מיך נאַטירלעך געפירט ווייַזן די שטאָט מיט אַלע אירע וווּנדער און ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אין מיר — קאָן איך זאָגן — אייַנגעפלאַנצט ליבשאַפט צו ירושלים מיט אירע היסטאָרישע זכרונות און זעענסווירדיקייטן. איך האָב שפּעטער, אמת, געהאַט אַ סך וועגווייַזער אין ירושלים, אין דער שטאָט אין וועלכער איך לעב שוין פיל לענגער ווי אין וועלכן נישט איז אַנדער אָרט, אַרייַנגערעכנט מיין געבוירן־שטעטל. בעת אָבער אַלע אַנדערע האָבן מיר בעיקר געוויזן היסטאָרישע דענקמעלער, טויטע שטיינער פון אַלטע געבויען, האָט יאָסל מיך בעיקר געלערנט ליב־האָבן דעם ירושלימער מענטש, און באַזונדערס דעם ייד פון מאה שערים און פון די אַנדערע פרומע קוואַרטאַלן מיט אירע יידן, וואָס זיצן דאָ זיבנט דורות.

— איר, אַ לינקער פועלי־ציוניסט, פון וואַנען נעמט זיך צו אייַך אַזאַ וואַרעמקייט צו יידן מיט בערד און קאַפּאָטעס? — האָב איך אַלע מאָל ליב־געהאַט צו קיבעצן יאָסלען. דער אמת איז, אַז ביזן לעצטן טאָג פון זייַן לעבן איז ער אין

סך־הכל געבליבן אַ ייד פון פּוילישן שטעטל, כאָטש געקומען קיין ישראל איז ער שוין אין 1934, אין פּראָצעס פון מרידה קעגן דער אַלטער היים און שטעטל מיט אַלץ וואָס עם האָט כולל געווען...

זיַין צווייטע ליבע איז געווען צום קיבוץ, ליבע צום ישראלדיקן דאָרף, און צו דער נאַטור בכלל. דאָס מסתמא מחמת דעם וואָס געבוירן איז יאָסל חריף אין אַ דאָרף (פּיאָטרקאָוויצע וויעלקע, קעלצער קאַנט) און ערשט שפּעטער איז ער אַנגעקומען קיין סאָסנאָוויעץ, און דערנאָך ווידער אין אַ קליין שטעטל און פון דאָרט ווידער קיין סאָסנאָוויעץ צו זיַינע עלטערן ברודער, וואָס איז געוואָרן זיַין אַפּוטרופּוס נאָכן פּריציַיטיקן טויט פון זיַין פאָטער. זיַין פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז ער געווען טריַי פון ערשטן מאָמענט אָן זינט ער איז געוואָרן אין איר טעטיק בעתן ערשטן וועלטקריג, און זיין מורה־דרך אין יידיש און אין יידישער קולטור איז געווען מאַקס עריק.

שריַיבן איז ביַי יאָסל חריף נישט געווען קיין מלאכה נאָר אַן עבודת הקודש. נישט קיין מקור פון פּרנסה נאָר עפּעס פון דער נשמה און פאַר דער נשמה, אַ שטיק עולם הבא. פּרנסה האָט ער תמיד געשעפּט פון געוויינטלעכער אַרבעט. ווען איך האָב אים באַקענט איז ער געווען אַ שכיר־יום אינעם פינאַנץ־מיניסטעריום, דאַכט זיך. בלויז פון ציַיט צו ציַיט האָט ער דעמאָלט פאַרעפנטלעכט זיַינע מיניאַטורן — "קורצע זאַכן" ווי ער האָט זיי גערופן — אין פאַרשידענע ציַיטונגען נאָך דעם ווי זיַין דעביוט איז געווען אין "ניַיוועלט" אונטער דער רעדאַקציע פון דניאל לייבל.

כאָטש ער איז געווען אַ פאַרנומענער אַרבעטס־מענטש, און דערצו אַ טאַטע פון צוויי יונגע קינדער צו וועלכע ער האָט אויך געמוזט זיַין אַ מאַמע (מחמת דעם פּריציַיטיקן טויט פון זיַין פרוי), האָט ער געהאַט אַ סך ציַיט און זי אַוועקגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פאַר זיצן, שמועסן און פאַרברענגען מיט מענטשן. אויף יעדער שמחה פון יידיש, אויף יעדן ליטעראַרישן אָוונט, אין תל־אביב און שוין אָפּגערעדט אין זיַין ירושלים, האָט איר געמעגט זיַין זיכער אַז יאָסל וועט זיַין. דאָס זעלבע אויך אויף פאַמיליע־שמחות ביַי חברים האָט ער קיין מאָל נישט פאַרפעלט, שמחות און אויך לוויות... דעריבער איז אַזוי ווייטיקלעך וואָס אויף זיַין לויה האָבן אַזוי וויניק חברים באַוויזן צו קומען, וויַיל מיר האָבן פּשוט נישט געוווּסט... יאָסל חריף איז געשטאָרבן אין קיבוץ צרעה, ווו ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן נאָכן אַרויס אויף עמעריטור. דאָס איז דער קיבוץ פון זיַין זון, דעם פירער פון דער קיבוצישער באַוועגונג משה חריף, פון וועלכן דער פאָטער האָט געהאַט אַ סך נחת, אַ קיבוץ וואָס איז געווען די טעמע פון אַ סך פון זיַינע מיניאַטורן וואָס ער האָט די לעצטע ציַיט פאַרעפנטלעכט אין "פאָלק און ציון".

*

קלמן סעגאַל איז געווען אין ירושלים אַ ניַיער עולה. געקומען אַהער איז ער ערשט אין יאָר 1969 — נאָך גרויסע אַנטוישונגען און איבערלעבענישן, פריער

אויף סאָוויעטישער פאַרשיקונג און דערנאָך אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן. דאָרט אין פּוילן איז ער געווען באַקאַנט און פּאָפּולער ווי אַן אַנערקענטער שרײַבער אין פּויליש. ער אַליין האָט זיך אָבער געהאַלטן פאַר אַ יידישן שרײַבער וואָס שרײַבט אין פּויליש. אַ באַווײַז פאַר דעם איז די טעמאַטיק פון זײַנע פּוילישע ראָמאַנען און דערציילונגען וואָס איז על פּי רוב אַ יידישע טעמאַטיק; אַ באַווײַז פאַר דעם איז דער פאַקט וואָס כמעט זינט דעם ערשטן טאָג פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּויליש, האָט ער גלײַכצײַטיק נישט אויפֿגעהערט אויך צו עקספּערימענטירן און דערנאָך אויך געשאַפן אין יידיש. בײַ דער זײַט מיט זײַנע איבער צוויי צענטליק ביכער אין פּויליש וואָס זענען דערשינען אין די פּופּציקער און זעכציקער יאָרן אין וואַרשע און נידערשלעזיע, זענען אויך אַרויס אַ קנאַפּע צענטליק ביכער אין יידיש.

אויב יאָסל חריף איז געווען דער ערשטער מדריך און וועגווײַזער מײַנער אין ירושלים מיט איבער דרײַ צענטליק יאָר צוריק בײַ מײַן אָנקומען אַהער, האָב איך — מעג איך זאָגן — אַזאַ ראָל געשפּילט לגבי קלמן סעגאַל. איך האָב, הייסט עס, — אמת מיט אַ סך ווייניקער טאַלאַנט און איבערגעגעבנקייט — עפּעס פון דעם וואָס איך האָב געלערנט בײַ יאָסלען געפּרוּווט איבערגעבן און מאַכן אַרבן פאַרן נײַעם עולה פון מיט איבער אַ צענטליק יאָר צוריק... די לעצטע זאַך וואָס איז, אַגב, אַרויס פון אונטער קלמן סעגאַלס פּעדער איז געווען זײַן רעפּאָרטאַזש „שיין איז ירושלים" וואָס איז דערשינען אין „פאָלק און ציון" עטלעכע טעג פאַר זײַן פּלוצימדיקן טויט.

קלמן סעגאַל איז געווען אַ ייד פון גאַליציע, אַ גאַליציאַנער שרײַבער. דאָס קומט טאַקע צום אויסדרוק אין זײַן שילדערן דעם אַמאָל פון יידישן שטעטל דאָרט. דאָס יידישע גאַליציע מיט איר גרויסער אָרעמקייט איז אָבער תמיד רײַך געווען מיט גרויסע יידישע טאַלאַנטן און שרײַבער פון וועלכע עס האָט געגאָסן נישט בלויז אונדזער ליטעראַטור. אויך די פּוילישע ליטעראַטור האָט געגאָשט פון אָט דעם בשפע. נישט איין ייד האָט באַרײַכערט די הײַנטצײַטיקע פּוילישע ליטעראַטור מיט זײַן שרײַבן. געגוג, למשל, דאָ צו דערמאָנען דעם אומגעקומענעם ברונאָ שולץ וואָס ווערט איצט אין גאַנץ אייראָפּע אַנטפּלעקט און אַנערקענט ווי דער פּוילישער קאַפקאַ און די הײַנטצײַטיקע קאָריפייען פון דער פּוילישער פּראָזע, אַדאָלף רודניצקי, יוליאַן סטריקאָווסקי, און פיל אַנדערע. קלמן סעגאַל האָט געהערט צום דאָזיקן שבט פון יידיש־פּוילישע שרײַבער, אָבער מיט איין אונטערשייד. בעת אַ סך פון יענע האָבן „צוליב געטאָן" די פאַליאַקן און אויסבאַהאַלטן זייערע ריין־יידישע נעמען כדי נישט צו „שטעכן די אויגן" פון די אַנטיסעמיטן, האָט סעגאַל בשום אופן נישט געוואָלט שיידן זיך מיט זײַן רייגעם יידישן נאָמען פון שבט לוי. פאַרוואָס? — „ווײַל איך בין אַ ייד, כאָטש איך שרײַב אין פּויליש און אַ יידישער שרײַבער דערצו", — ווי סעגאַל האָט דאָס אַליין געגעבן צו דערקלערן בײַ יעדער געלעגנהײַט. דעריבער קאָן זײַן איז אים נישט שווער אָנגעקומען, ממש איבער דער נאַכט, צו זאָגן „אַדיע" פּוילן און דער פּוילישער ליטעראַטור.

אַ פאַקט — נישט פיל יידן־שרײַבער אין פויליש מיט אַזאַ רענאָמע און שם האָבן געהאַט דעם כוח דאָס צו טאָן, ווי ער האָט דאָס געטאָן . . .

ער איז אַוועק פון פוילן און דאָס קיין מאָל נישט באַדויערט, נאָר זיך געקלאַמערט דאָ מיט אַלע כוחות צו שלאָגן וואָרצלען אין דער נײַער ווירקלעכקייט.

קלמן סעגאַל איז געווען אַ ראַסאָוועך, פּראָפעסיאָנעלער פּען־מענטש. צום בעסטן, נאַטירלעך, האָט ער זיך געפילט אין דער פּראָזע אָבער אויך עוסק־געווען אין פּאָעזיע, (זע זײַן העפטל לידער "געזעגענונג"), אָבער אויך האַלב־זשורנאַליסטישע אַרבעט איז ער מסוגל געווען אויסצופירן מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקייט און זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט צו טאָן "שוואַרצע אַרבעט" ווי דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער יידיש־אוידיציע פון "קול ישראל".

טראָץ זײַן טאָג־טעגלעכער פּרנסה־אַרבעט האָט ער אויף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעהערט זײַן ליטעראַרישן שאַפן וואָס איז זינט זײַן עליה בעיקר געווען אין יידיש. צוויי פון זײַנע ביכער זענען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש און געהאַט אַ גוטן אָפּקלאַנג אין דער העברעישער קריטיק און בײַם העברעיש־לייענער. ער אַליין האָט זיך אָבער נישט תמיד געפילט צופרידן און באַפרידיקט. ער האָט זיך עפּעס תמיד געזען ווי אַ בעל־חוב — אַ בעל־חוב פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר דער ליטעראַטור. ער איז כולו פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם וואָס קומט פאָר אין לאַנד ווו אַלץ יוירט, קאָכט און ברויזט, און ער האָט געזוכט פאַר דעם אַ תיקון און אויסדרוק אין זײַן שאַפן. ער איז תמיד פול געווען מיט שאַפערישע פּלענער מיט טעמעס צום שרײַבן, און פון צײַט צו צײַט זיך אויך אָפּגעריסן אויף טעג און וואָכן פון דער טעגלעכער אַרבעט וואָס האָט בײַ אים צוגערויבט די הויפּט־צײַט. אָבער אויך די שווערע אַסטמע־קראַנקייט זײַנע האָט זיך אַרײַנגעמישט און געשטערט אים צו פאַרווירקלעכן די פּלענער.

קלמן סעגאַל האָט זייער פיל גערעדט וועגן טויט, ווי וועגן עפּעס אַן אַקטועלן לויערנדיקן שונא מיט וועלכן ער מוז קעמפן יעדן טאָג, אים אָפּשטופּן, גובר־זײַן, מנצח־זײַן. בײַ אָט דעם גאַנצן פּעסימיזם האָט ער אָבער אויך געהאַט פרייד — שאַפערישע פרייד פון אָנשרייבן און פאַרעפנטלעכן אַ נײַע דערציילונג, אַ נײַע שאַפונג. איך קאָן נישט פאַרגעסן זײַן לעצטע פרייד, ווען אויף מיר איז אויסגעפאַלן אים מבשר־צו־זײַן, אַז דער ליטעראַטור־פאָנד א.נ. פון שמואל הורביץ בײַ דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים האָט אים צוגעטיילט די סובווענץ אַרויסצוגעבן זײַן באַנד דערציילונגען "ווו שמעטערלינגען שוועבן", וועלכן ער האָט געהאַט צוגעשטעלט צום קאָנקורס פון יאָר 1980. די פרייד איז אָבער געווען בלויז אויף אַ ווײַל, וואָרעם באַלד האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער פּעסימיסט ווי ער וואָלט זיך נישט פאַרגינען דעם נחת. אַ וואָלקן פון צער האָט פּלוצים באַדעקט זײַן פּנים און מיט אַ געזעגענונגעם שמייכל זיך אָנגערופן צו מיר:

— אָבער איר, שעדלעצקי, וועט שוין מוזן אַכטונג געבן דאָס בוך זאָל אַרויס אַן גרײַזן, איך וועל דאָך ביז דעמאָלט מסתמא פּגרן . . .

*

ניבא וידע מה ניבא... אַ שאָד — חבל על דאבדין, אויף דעם יונגן פּעסי־מיסטישן 63יעריקן קלמן סעגאַל וואָס איז געווען אין סאַמע מיטן פון זײַן שאַפעריש לעבן, און אַזוי אויך אויפן עלטערן יאָסל הריף מיט זײַן אייביקן אָפּטימיסטישן פריַינטלעכן שמייכל אויף זײַן תמיד יונג פּנים, נישט געקוקט וואָס ער איז שוין ווײַט געהאַט אַריבער די זיבעציקער יאָרן. מיט ביידע איז אַוועק אַ שטיק פון אונדזער אייגן לעבן, און דאַכט זיך אַז אויך עפּעס־וואָס פון ירושלים, ווייניקסטנס אַ סך, אַ סך פון אונדזער קליין יידיש־וועלטל אין ירושלים הבירה...

*

יידישע קולטור-געזעלשאַפט אין ירושלים

אַ געדענק-אָוונט געווידמעט קלמן סעגאַל ז״ל

די קולטור־געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער שרייבער־גרופּע און דער "צוותא ביידיש" האָבן איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן טרויער־אָוונט לזכרון קלמן סעגאַל ז״ל.

מיט אָפּשאַצונגען און זכרונות וועגן פאַרשטאָרבענעם שרייבער זענען אַרויסגעטראָטן **יצחק הרכבי, ד״ר גרשון וויינער, מאיר חרץ און דוד ספאַרד.**

מיכאל בן אברהם האָט פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון ק. סעגאַלס שאַפונגען.

דער אָוונט איז פאָרגעקומען אונטער דעם פאָרזיץ פון יעקב גיומאַן.

רחל בוימוואַל

מיין מאַמעס גאַרטל

.1

מײַן מאַמעס אויסטערלישער גאַרטל
פֿון שוואַרצן יומטובדיקן קלייד
אויף בלאַנקען אונטערשלאַק אויף האַרטן
מיט פֿינקל-גלעזעלער געניית.
די פֿינקל-גלעזעלער — בלויז שוואַרצע —
זיי לויכטן מיר אַרײַן אין האַרצן
מיט זייער טרויעריקער פֿרייד.

זיי פֿלעכטן זיך אין אַ מאָזאַיק
מיט שוואַרצער סודותדיקער שײַן --
און קיל אַזוי, אַזוי ניט שרײַאיק.
נאָר ווען דו קוקסט זיך בעסער אײַן,
איז נעמט דיך אָט דאָס שטילע גליִען
צו זיך מיט מאָדנע כוחות ציִען.
גייסט אין אַ צויבער-וועלט אַרײַן.

פֿון פֿינקל-גלעזעלער אַ שטאָט
מיט שלעסער, טורעמס און פּאַלאַצן —
אַ כּשוף-שטאָט אויף יעדן טראָט
פֿול פֿײַערווערקן און שטורקאַצן.
אין מיטן שטאָט, אין מיטן נאַכט —
דער קעניג אין זײַן שוואַרצער פּראַכט
מיט שוואַרצע שטערן אויף די לאַצן . . .

דער קעניג אויף מײַן מאַמעס גאַרטל —
דאָס שענסטע קרעלכל אין דער מיט,
וואָס לויכט מיט אַזאַ בלוי אַ צאַרטן
און איז באַרינגלט, אָפּגעהיט
פֿון גאַנצע מחנות שוואַרצע דינער,

וואָט שעמערירן און זיך מיניען
אין פֿינקל-שטויביקן צעשיט....

און מאָלע וואָס עס קאָן זיך נאָך
אַ מיידעלע אַ קליינס אַלץ דאַכטן,
אַז אָט איז שוין די צווייטע וואָך
אין ווינטערדיקע דאָרף-פֿאַרנאַכטן —
אויס ליאַלקעס, אַלע שפּילצײַג — אויס —
זי שפּילט זיך מיטן גאַרטל בלויז,
זי הערט ניט אויף אים צו באַטראַכטן.

פֿון אויבן איז ער דיק און פֿעסט,
און ס'איז זײַן בליצעניש פֿאַרוואָלקנט,
ווי שוואַרצע שנייען, שוואַרצע פֿרעסט
אין אים אַרײַנגעטעמט וואָלטן...
און אונטן שוואַרצע פֿרענזן הענגען —
אָט קרייצן זיך, אָט פֿאַלן פֿרײַ,
פֿאַרפֿלעכטן זיך אין צעפּ אין ענגע
מיט בליאַסק פֿון גרוילער-בלויען בלײַ...

איך האַלט צעשפּרייט פֿאַר זיך דעם גאַרטל,
דעם וווּנדערלעכן, דעם געגאַרטן,
וואָס נערט מײַן קינדער-דימיון טרײַ.

.2

נאָר ס'טראָגט ניט מײַן מאַמע דעם גאַרטל
און טראָגט ניט פֿון גאַרטל דאָס קלייד.
אין דאָרף צווישן שנייען פֿאַרשאַרטן
פֿון דעם קאָן ניט זײַן גאָר קיין רייד.

זי טראָגט איצט אַ וואַרעמע טיכל
און וואָליקעס גרויסע אין מאָס.
אַראָפּשרײַבן, זאָגט זי, פֿון ביכל
כ'זאָל לערנען זיך שיין — אות צו אות.

פֿאַרבײַ איז דער עלנטער ווינטער,
פֿיל זומערס און ווינטערס פֿאַרבײַ...

ווּ איז ער, דער גאַרטל אַצינדער? —
מיט ליפּן פאַרדריקטע איך שרײַ.

פֿאַרוואָס האָב איך אים אויף מײַן מאַמען
קיין איינציקן מאָל ניט געזען?
די שוואַרצע פאַרכישופּטע פּלאַמען
אין דעם זענען שולדיק געווען?

מײַן מאַמען געוועין אויפֿן האַרצן
איז ביטער. קיין צער ניט געפּעלט.
איך האָב פֿון איר גאַרטל דעם שוואַרצן
באַשאַפֿן מײַן קינדערשע וועלט.

איך בין דורך דעם בליציקן גאַרטל,
פֿאַרבינדן, מײַן מאַמע, מיט דיר!
אַזוי פֿיל באַדאַרפֿט האָסטו וואַרטן,
ביז אָנשרײַבן וועל איך דעם שיר!

*

יידיש-ידיעות

צום אָנדענק פֿון שלמה מיכאָעלס

צום אָנדענק פון גרויסן יידישן בינע־קינסטלער, דעם דערמאָרדעטן לויטן באַפעל פון סטאַלינען ימח־שמו, איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דעם קולטור־אָפטייל בי דער עירית רמת־גן. מיט אָפּהאַנדלונגען און זכרונות וועגן שלמה מיכאָעלסן זענען אַרויסגעטראָטן דער גאַסט־רעדנער פון פאַריז — רעזשיסער און שרייבער יוסף שיין, דיכטער יוסף קערלער און די טעכטער פון מיכאָעלסן — נינאַ און נאַטאַליע. פאָרזיצער איז געווען פרוי סאָניע שמידער.

אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן

איינגעליבטקייש (פֿון בוך "ביראָבידזשאַן")

1. ממש טויזנט און איין נאַכט!

אין פרק "דער טעמפּער ווינקל" האָב איך גענויער דערציילט, אַז שוין דעמאָלט, ווען די סאָוועטיש-יידישע קולטור-אינסטיטוציעס האָבן זיך געפונען אין פולן בלי און וווקס, זענען מיר שוין געווען איבערפולט מיט טיפן אומרו פאַר זייער מאָרגן. פאַרוואָס? ווייל די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי לגבי דער יידישער קולטור־בויונג איז געווען אַזאַ: מיט איין האַנט האָט זי געבויט, מיט דער צווייטער — צעשטערט. זי האָט געשאַפן אַלץ נייַע און נייַע, צביעותדיקע, אָפט מאָל אומזעבאַרע פאַר אַ ניט דערפאַרן אויג, שטערונגען. נעכטן אויף איין געביט הײַנט אויף אַן אַנדער געביט פון יידישער קולטור-בויונג. בלויז בלינדע און די, וואָס מאַכן זיך בלינד, זענען רויק. (אין אויבן דערמאָנטן פרק "דער טעמפּער ווינקל" האָב איך, אַגב אורחא, אויך דערמאָנט די משונהדיקע ראָל, וואָס מיר — די זעעוודיקע — האָבן דערבײַ געשפּילט — געמאַכט אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל!).

און וואָס אומרויקער מיר זענען געוואָרן וועגן די וויַיטערדיקע פּערספּעקטיוון פון דער יידאַרבעט דאָ, אין די צענטערן פון לאַנד, אַלץ גרעסער איז געוואָרן אונדזער אינטערעס און שטאַרקער די זאָרג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ביראָ־בידזשאַנער פּראָיעקט. אונדז האָט אינטערעסירט יעדע קלייניקייט וואָס איז פאָר־געקומען דאָרטן, אין דעם ווײַטן יידישן ראַיאָן. דער קלענסטער זיג האָט אונדז פאַרשאַפט פרייד, יעדער דורכפאַל — באומרויקט.

יידישע קולטור־טוער פון אוקראַינע — איבערהויפּט די, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן, אַז עמעצער, וואָס איז מסוגל ניכטער צו זען די ווירקלעכקייט, זאָל באַזוכן ביראָבידזשאַן, זײַן דאָרט אין יעדן ווינקעלע, אַליין זיך איבערצײַגן אין זײַנע פּערספּעקטיוון. די פּאַסיקסטע מענטשן זענען געווען ליבערבערג און ברוך הובער־מאַן — מענטשן וואָס פאַרנעמען הויכע אָפיציעלע פּאָסטנס און זענען גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרן *.

* פּראָפעסאָר ליבערבערג איז געווען דער דירעקטאָר פון קיעווער וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט. גענויער וועגן אים האָב איך געשריבן אין 2טן און 3טן באַנד "אויף וועגן און אומוועגן".
ברוך — אַזוי האָט מען גערופן ברוך הובערמאַנען אין די ברייטע יידישע און ניט יידישע קולטורקרײַזן. גראָד אַזוי ווי ליבערבערג, איז ער אויך אַ געוועזענער לינקער

באַדאַרף מען קודם כל האָבן די הסכמה פון צענטראַלן און פון קרײַזישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דער אויטאָריטעט פון בײדע קאַנדידאַטן איז געווען גרויס און זיי האָבן באַקומען נישט בלויז די הסכמה, נאָר אַפילו די אונטערשטיצונג פאַרצו־נעמען די רײַזע. אַזאַ נסיעה איז אין יענע יאָרן געווען ניט פון די לײַכטע זאַכן. ביראָבידזשאַן ליגט אויף אַ מרחק פון 11 טויזנט קילאָמעטער פון קיעוו. קיין ציווילע אַוויאַציע־פאַרבינדונג מיטן ווײַטן מזרח האָט נאָך נישט עקזיסטירט, דאַרף מען פאָרן מיט דער אײַזנבאַן. אַן ערך 22 מעת־לעת געדויערט בלויז די רײַזע אַהין און צוריק, אויב אַפילו איר פאָרט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן עקספּרעס־צוג פּאַריז—וואַרשע—מאָסקווע—וולאַדיוואָסטאָק—פּעקין. און אָפּקאָסטן האָט באַדאַרפט אַזאַ רײַזע אַ מאַיאָנטעק מיט געלט... סוף כל סוף באַקומען מיר מיטלען פון געזערד, פון אינסטיטוט, פון דער אַקאַדעמיע, און פון וועמען ניט? און אין 1932 געלינגט אונטערצונעמען די לאַנג געגאַרטע נסיעה. עס פאָרן קיין ביראָבידזשאַן צוויי מענטשן — ליבערבערג און הובערמאַן.

*

קיין מאָל האָט אין דעם גרויסן אַקט־זאַל פון דער אַלאוקראַאינישער אַקאַדעמיע ניט געהערשט אַזאַ געהויבענע שטימונג, ווי אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וווּ ליבערבערג און הובערמאַן האָבן אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געטאָן אין ביראָבידזשאַן. מיט שפּאַנונג הערן מיר זייער דערציילן וועגן די זיצונגען, וועלכע זיי האָבן דאָרט געהאַט כמעט מיט אַלע אָנפירער פון יידישן ראַיאָן און וועגן זייערע אַרויסטרעטונגען אויף מאַסן־מיטינגען, אויף וועלכע ס'איז געקומען כמעט די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג. שעהען לאַנג געשטאַנען אונטערן פרײַען הימל און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ויכוחים, וועלכע ליבערבערג און ברוך הובערמאַן האָבן געהאַט מיט אייניקע אָנפירער פון דער געגנט.

בײדע שליחים קומען באַצויבערטע פון דעם דאָזיקן רחבתדיקן יידישן ראַיאָן, וואָס האָלט מער ווי 70 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער און איז גרעסער ווי דער שטח פון די 3 אייראָפּעיִשע מדינות — בעלגיע, האָלאַנד און לוקסעמבורג צוזאַמענ־גענומען, מיט זייערע קרוב 18 מיליאָן אײַנוווינער.

מיט התפעלות דערציילן זיי אונדז וועגן זייער באַזוך אין דער בירער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פּראָווסטאַנציע. דאָרט האָבן זיי מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אויף דער פעטער ביראָבידזשאַנער רויערד וואַקסן פאַרשידענע קולטורן,

פּועלי־ציוניסט. ער איז געקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד פון פּוילן אַנהייב צוואַנציקער יאָרן. געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד. עטלעכע יאָר געדינט אין אויסשפּיר־דינסט פון דער רויטער אַרמיי אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. באַזעצט זיך אין ביראָבידזשאַן אַנהייב 1935.
בײדע פרײַנד האָט די נ.ק.וו.ד. דערשאָסן.

אַנהייבנדיק פון אַזעלכע, וואָס בליען נאָר אין הייסן קלימאַט, ביז אַזעלכע, וואָס וואַקסן בלויז אויפן קאַלטן צפון.

הגם מיר ווייסן וועגן דעם פון די באַריכטן, וואָס מיר זאַמלען שוין זינט יאָרן, פאַרשיטן מיר די שליחים מיט פראַגעס: ״און פאַמידאָרן וואַקסן אויף דער פּרוווסטאַנציע? און אַרבוזן האָט מען שוין געפּרווווט קולטיווירן?״ אַפילו די סקעפּטיש געשטימטע צום גאַנצן ענין ״ביראָבידזשאַן״ זיצן און הערן מיט אָפענע מײַלער.

די שליחים קענען זיך ניט אַנלויבן פון די גרויסע וואַסער־רעסורסן, וואָס דער יידישער ראַיאָן פאַרמאָגט. יעדע טריקעניש איז דאָרט אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן. הײַנט די וואַלד־רײַכטימער! זיי באַטרעפן 60 פּראָצענט פון באָדן און פאַרנעמען 9 מיליאָן העקטאַר. ביידע שליחים האָבן פאַרבראַכט עטלעכע מעת־לעת אין דער ווילדער אוראַלטער טײַגע. געווען צו גאַסט בײַ די גאָלדן און אויך בײַ די קאָרעישע און טונגוסישע אַלט־אײַנגעזעסענע יעגער. געווען אין ערטער, וועלכע קיין מענטשלעכער פוס האָט ביז איצט ניט באַטראָטן... דאָרט דרעמלען אוצרות, וואָס וועלן זיך קיין מאָל ניט אויסשעפּן!...

די אוראַלטע צעדערביימער, טענענביימער, קאָרקנביימער, די ריזיקע סאָסנעס און ליפּעס זענען אַ ברכה פאַרן יידישן לאַנד. זיי זיכערן אַ שנעלע און ביליקע בויונג פון אונטערנעמונגען און הײַזער פאַר די איבערוואַנדערער און דערצו נאָך — אַ רײַכן עקספּאָרט פון דעם ווערטפולן געהילץ — אַן עקספּאָרט וואָס קען אַרײַנברענגען מיליאָנען דעוויזן. און דער גרעיג אויף די זעלטנסטע חיות אין דער טײַגע פאַרזיכערט דעם עקספּאָרט פון טײַערסטן פוטערוואַרג, וואָס איז מיט גאָלד צוגלײַך.

די צוהערער באַמיען זיך קיין איין וואָרט ניט צו פאַרלירן פון ליבערבערגס און ברוכס דערציילן, ווי אַזוי זיי זענען ביידע געשווומען מיט אַלט אײַנגעזעסענע פישער אויפן מעכטיקן אַמור. אָט דער טײַך ציט זיך אויף קאָלאָסאַלע שטרעקעס פון יידישן ראַיאָן. דער אַמור — איינער פון די גרעסטע טײַכן אין דער וועלט — וואָרט אומגעדולדיק, אַז מ׳זאָל אָרגאַניזירן אויף אים אַ גרויסן מעכאַניזירטן פישפאַנג פון זײַנע פײַנסטע פיש, וואָס קענען באַשפּײַזן דעם גאַנצן ווײַטן מזרח. דער אַמור וואַרט, אַז יידישע איבערוואַנדערער זאָלן עפענען אויף אים אַ גרויסן שיפפאַרקער און אויסבויען מעכטיקע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס.

דער עולם זיצט ווי אַ פאַרכישופטער... ממש טויזנט און איין נאַכט!...

...און ווען ליבערבערג און ברוך הייבן אָן מאָלן די אוצרות וואָס זענען באַהאַלטן אין די ביראָבידזשאַנער ערד־טיפענישן, זעען מיר אַלע באַשײַמפּערלעך דעם רויך, וואָס שלאָגט פון די קוימענס פון די מעטאַלורגישע זאַוואָדן און די סנאָפּעס פײַערפונקען פון די מאַרטען־אויוונס אין דער מאָרגנדיקער יידישער סאָציאַליסטישער מלוכה.

...און דאָס האָרץ וואַקסט פאַר פרייד — איין קלייניקייט! די לעצטע וויסנ־שאַפטלעכע עקספּעדיציע האָט באַוויזן: אַ האַלבער מיליאַרד טאָן אײַזנאַרץ ליגט

אין בוזעם פון די קליינכינגאַנער בערג־קייטן! עטלעכע מיליאַרד טאָן הויכסאָרטיקע קאַלך־רעזערוון! מאַרמאָר פון דער בעסטער קוואַליטעט און זעלטנסטע מינים (מען פירט אים אַרויס אויף באַפוצן די פּאַלאַצן פריער אין קרעמל און איצט דעם מעטראָ, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן בויען אין מאָסקווע). היינט די גאָלד־רייכטימער! זיי ציען זיך פון טייך סוטאַרא אַזש ביזן אַמור... און די קאָלאָסאַלע זאַפּאַסן פון גראַפּיט און מאַגנעזיט!... דאָס אַלץ דרעמלט דערווייל אין די טיפענישן פון ביראָבידזשאַן און וואַרט אויף אונדזערע יידישע הענט!...

הכלל, דאָרט אויפן ווייטן מזרח ליגט דער גליקלעכער גורל פון סאָוועטישן יידנטום. איצט דאַרפן קומען יידישע האַרעפּאַשנע הענט, יידישער שכל און יידישע אינציאַטיוו, געכפּלט אויף סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם און דאָס סאָוועטישע פיל־מיליאָניקע יידנטום וועט ווערן אַ פאַלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך!!

2. פלעקן אויף דער זון

אָבער אונדזערע שליחים פאַרשווייגן ניט די טונקעלע זייטן פון ביראָבידזשאַן. אויך אויף דער זון זענען פאַראַן פלעקן, דאַך שיינט זי אַזוי העל!...

וואָס זשע פאַר אַ פלעקן זענען פאַראַן אויף אונדזער ביראָבידזשאַנער זון? זומערצייט גיסן וואָכנלאַנג שלאַקסרעגנס און דער גנוס (פּיצינקע גיפטיקע פליגע־לעך) פרעסט די איבערוואַנדערער און די פּי ביז ווונדן אויפן לייב! אָבער דער גנוס ווערט תיכף ומיד פאַרשוווּנדן, ווען ס׳קומען אויף מענטשלעכע ישובים! און דער רעגן? אדרבא, ער ברענגט אַ ברכה פאַר דער גערעטעניש! ווינטער דערגרייכן די קעלטן ביז 40—50 גראַד? אויך דאָס איז אמת, אָבער דערפאַר איז דער פראָסט דאָרט אַ ליבער, כמעט ניטאָ קיין ווינטן, די שטאַרקע מזרח־זון שיינט כמעט אַ גאַנצן ווינטער און מען קען זיך אין די מיטאָג־שעהן ברענען אויף דער זון, ווי זומער אויף אַ פּליאַזשע.

זומפּן באַדעקן אַ גרויסן טייל באָדן? מיר׳ן זיי פאַרוואַנדלען אין אַ מזל־ברכה, אין בליענדיקע פעלדער, גערטנער און שטעט!

ביראָבידזשאַן געפינט זיך אַזוי שרעקלעך ווייט פון אייראָפּע און פון סאָוועטישע צענטערן? דערפאַר אָבער געפינט ער זיך אַקוראַט אויפן וועג פון דעם ריזיקן וועלט־טראַקט — פון דער אייזנבאַן־ליניע, וועלכע פירט פון פּאַריז דורך בערלין און וואַרשע קיין מאָסקווע, און פון מאָסקווע קיין וולאַדיוואָסטאָק, און פון דאָרט אַזש קיין כינע און יאַפּאַן! שוין היינט שטעלט זיך אָפּ דער דאָזיקער אויס־לענדישער וועלט־צוג אויף דער פאַרשלאָפענער טיכאָנקער סטאַנציע, אמת, אויף איין קליינער ווײַלע, אָבער ניט ווייט איז דער טאָג, ווען ביראָבידזשאַן וועט, אַ דאַנק יידישער אַרבעט, ווערן אַ וויכטיקער אייזנבאַן־קנופּ מיט אַן אינטער־נאַציאָנאַלער באַדייטונג.

כלערליי סקעפּטיקער אין אויסלאַנד און דאָ ביי אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד טענהן, אַז ביראָבידזשאַן ליגט האַרט ביי דער גרענעץ פון פייַנטלעכע אַזיאַטישע

מלוכות? אַז די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרט באַדראָט פון זיי און מען רוקט זי אויפן ערשטן פייַער? אָט דאָס דווקא אימפּאָנירט אַ גרויסן טייל ביראָבידזשאַנער חסידים: די ראַטנמאַכט און די פּאַרטיי ווייַזן אַרויס צו אונדז — יידן — אַבסאָלוטן צוטרוי. זיי געטרויען אונדז — די אויסגעפּרוּווטע יידישע פּאַטריאָטן — צו זייַן דער פאָרפּאָסט אויפן ווייַטן מזרח. און מיר וועלן דעם צוטרוי באַרעכטיקן! מיר וועלן זייַן אין די ערשטע רייען בייַם פּאַרטיידיקן אונדזער סאָציאַליסטיש פּאַטערלאַנד פון יעדן אַגרעסאָר. מיר האָבן דאָס שוין באַוויזן בעתן בירגערקריג. איבעריקנס, איז פּאָרן שונא בכלל ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. וואָרום ס'איז ניטאָ אַזאַ קראַפט אויף דער וועלט, וואָס קען בייַשטיין קעגן אונדזער מעכטיקער פּאַרטיידיקערין — דער רומפולער רויטער אַרמיי! אָבער דער בעסטער מיטל צו פּאַרמייַדן יעדע אינטערווענץ פון אונדזערע ווייַטמזרחדיקע שונאים איז געדיכט צו באַזעצן די גרענעץ־געביטן מיט געטרייַע סאָוועטישע בירגער.

און אַזוי אַרום שטייט אונדז — דעם סאָוועטישן יידנטום — פאַר צו לייזן איינצייַטיק צווי וויכטיקע לעבנס־פּראָבלעמען: ווידעראויפלעבן די יידישע נאַציע און פּאַרזיכערן אונדזערע ווייַטמזרחדיקע גרענעצן. אָט די דאָזיקע דאָפּלטע אויפ־גאַבע דאַרפן מיר פּאַרווירקלעכן וואָס גיכער. אַלץ איז געווענדעט פון אונדז גופא. דאָס איז דער חוב פון די סאָוועטישע יידן!

אויף אונדזער ביראָבידזשאַנער זון זענען אָבער פּאַראַן פלעקן, מיט וועלכע מיר קענען ניט שלום מאַכן! און מיר דאַרפן און מיר מוזן פון די דאָזיקע פלעקן די זון אונדזערע אָפּרייניקן!

דאָרט, אין ביראָבידזשאַן, — דערציילןביידע שליחים מיט אויפרעגונג — זאָרגט מען גאָר ווייניק פאַר די געקומענע. ביידע האָבן זיי געזען ווי די איבער־וואַנדערער לעבן אין שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען. זייער דערנערונג איז ביז גאָר אַ שלעכטע. די פּאַכלייַט ווערן ניט אויסגענוצט ווי עס באַדאַרף צו זייַן. דערצו זענען נאָך אָנגעקומען פיל אַלטע און קראַנקע, וואָס פאַלן צו לאַסט... אין דער אָנפירונג פון יידישן ראַיאָן זענען פּאַראַן מענטשן, וואָס באַציִען זיך טרוקן און ביוראָקראַטיש צו די געקומענע. דער קאָמערד און דער געזערד זענען אומבאַ־האָלפן. לויפן די איבערוואַנדערער מאַסנווייַז צוריק. גוט, אויב ס'וועט בלייַבן אַ העלפט אויפן אָרט. עס גייען לאיבוד קאָלאָסאַלע געלטער.

אַזוי טאָר עס ווייַטער ניט אָנגיין! — מאַכן מיר דעם אויספיר, און גרויס איז אונדזער אויפרעגונג און נאָך גרעסער איז אונדזער אומרו.

ליבערבערג און ברוך ווענדן זיך צו דער העכערער פּאַרטייישער אָנפירונג סייַ דאָרט אויפן ווייַטן מזרח, סייַ דאָ אין צענטער, מיט מעמאָראַנדומס, אין וועלכע זיי שרייַבן: מענטשן לעבן דאָרט אין ניט דערלאָזבאַרע באַדינגונגען. דער אָפּקלייב פון איבערוואַנדערער פירט זיך ניט ריכטיק. די אַגיטאַציע פאַר דער איבער־וואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן ווערט געפירט ניט גענוג ערנסט און ניט גענוג אינטענסיוו. דערפאַר איז קליין די צאָל פון די, וואָס פאָרן אַהין און גרויס איז דער פּראָצענט פון די, וואָס לויפן פון דאָרטן צוריק. דער קאָמערד און דער געזערד

דאַרפֿן איצט ווענדן זייער טעטיקייט דער עיקר שבעיקר אויף ביראָבידזשאַן. דאָס טוען זיי, אָבער ניט אין דער גענוגנדיקער מאָס.

די מעמאָראַנדומס האָבן אַרויסגערופֿן אומצופֿרידנקייט ניט בלויז אין די קרײַזן פֿון דער ביראָבידזשאַנער אָנפֿירונג, נאָר אויך בײַ די אָנפֿירער פֿון קאָמערד און געזערד. נאָך לאַנגע דינגעונישן איז משה ליטוואַקאָוו מסכים צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין "עמעס" די צוויי שאַרפֿע אַרטיקלען, געחתמעטע דורך ליבערבערגן און הובערמאַנען. צווישן אַנדערע שרײַבן זיי דאָרט, אַז דאָס מאַסנווײַזע אַנטלויפֿן פֿון די איבערוואַנדערער טאָר מען ניט אַרויפֿוואַרפֿן בלויז אויף די שלאַקסרעגנס, וואָס האָבן געגאָסן דעם גאַנצן זומער 1932. די הויפּט־סיבה פֿון דורכפֿאַל דאַרף מען זוכן טיפֿער: שולדיק אין דעם וואָס 80 פּראָצענט איבערוואַנדערער זענען אַנטלאָפֿן איז די שלעכטע אַרבעט פֿון די אָנפֿירער מיטן ראַיאָן. אַלס באַווײַז ברענגען זיי ציפֿערן וואָס ווײַזן, אַז אַנטלאָפֿן זענען אַ סך מענטשן נאָך איידער די רעגנס (זומער 1932) האָבן זיך אָנגעהויבן און אַז 25 פּראָצענט פֿון די צוריק־געפֿאָרענע זענען געקומען אַהער נאָך אין די פֿריערדיקע יאָרן.

דער רושם פֿון די צוויי אַרטיקלען איז געווען זייער אַ שטאַרקער. אין די יידישע קרײַזן האָט מען אַ לאַנגע צײַט ניט אויפֿגעהערט צו קאָמענטירן זייער אינהאַלט.

3. פֿון ווערטער צו מעשים

א) אונדז וועט מען גלויבן!...

אין יענעם יאָר 1932 האָט זיך אונדז געדוכט, אַז דער גאַנצער פּלאַן צו בויען ביראָבידזשאַן האָט געליטן אַזאַ קלאַפּ, אַז די פּאַרטיי וועט זיך, חלילה, אין גאַנצן אָפּזאָגן פֿון אים...

קענען מיר ניט רוען: ווי לאַנג נאָך וועט די איבערוואַנדערונג גיין מיט אַזעלכע קריכערישע טעמפּן? עס איז נאָך ניט דערגאַנגען די שטים פֿון אַגיטאַטאָר צו די רעכטלאָזע יידן פֿון ווײַט־פֿאַרוואָרפֿענע יידישע שטעטלעך, ווו זיי שמאַכטן אין נויט און זיי דראָט ממש פֿיזישער אומקום. ברענגען צו זיי דאָס אויפֿקלער־וואָרט דאַרפֿן אַלע און אין דער ערשטער ריי מיר — די יידישע וויסנשאַפֿטלער. צו אונדז וועט די אַרעמשאַפֿט האָבן צוטרוי.

איצט שטעלט זיך פֿאַר אַזאַ בילד: ס'ווערט גערופֿן אַ ספּעציעלע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון גאַנצן אינסטיטוט פֿאַר יידישער קולטור — אַרום הונדערט מיטאַרבעטער. אויפֿן טאָג־סדר שטייט איין און איינציקער פּונקט: ביראָבידזשאַן. ליבערבערג האַלט אַ פֿלאַמפֿײַערדיקע רעדע: מיר מוזן שאַפֿן נײַע קאָנטינגענטן יידישע איבערוואַנדערער! ער צינדט אָזוי אָן דעם עולם, אַז פֿון זאַל טראָגן זיך שטימען: "לאָמיר זיך אַלע אָנשליסן צו דער פּראַקטישער אַרבעט!..." "שוין הײַנט!" "פֿאַרשרײַבט מיך!" — דערהערט זיך די שטים פֿון עלטסטן צווישן אונדז נחום שטיף, "שיקט אויך מיך!" — הערט זיך איין קול נאָך דעם אַנדערן. "איך

מאָביליזיר זיך צו שאַפֿן נײַע איבערוואַנדערער!...״ — און אַט שטעלט זיך שוין אויס אַ ריי צום טישל, וווּ מען רעגיסטרירט די פֿרײַוויליקע אַגיטאַטאָרס.

רײַסן מיר איבער די פֿאָרשערישע אַרבעטן אין אינסטיטוט אויף אַ גאַנצן חודש. מיר טיילן זיך איין אין בריגאַדעס צו צוויי מענטשן — איינער אַן עלטערער און דער אַנדערער אַ יונגער וויסנשאַפֿטלער — און עס גיבן זיך אַ לאָז איבער די הונגעריקע האַלב־אָפּגעשטאָרבענע שטעטלעך פֿון אוקראַינע העכער 60 וויסנשאַפֿטלער. מיר פֿאָרן אַגיטירן די יידישע אָרעמקייט זי זאָל זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן. און ווי קלענער און ווײַטער פֿון צענטער עס איז דאָס שטעטעלע, אַלץ חשובער איז דער געלערנטער שליח, וועלכן עס שיקט אַהין דער אינסטיטוט.

אין זכרון שווימט אויף נאָך אַ רירנדיק בילד: די אַגיטאַטאָרן זענען שוין גרייט אָפּצופֿאָרן. דער גאַנצער פּערסאָנאַל, יונג און אַלט, מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס, איז פֿאַרזאַמלט אין אינסטיטוט. ליבערבערג גיט דעם לעצטן אינסטרוקטאַזש. און דאָ האָבן מיר נאָך אַ מאָל די געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן, ווי גרויס עס זענען זײַנע קענטעניש וועגן ביראָבידזשאַן — אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער דאָרט, אין דער טײַגע. מיט זײַן גלויבן און ליבע שטעקט ער אָן די אָפּפֿאָרנדיקע.

*

געווען איז דאָס דער יאָר 1933/1932 מיט זײַנע שרעקלעכע פֿאָלגן פֿון דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, פֿון וועלכער די יידישע שטעטלדיקע דעקלאַסירטע אָרעמשאַפֿט האָט אָפּט מאָל געליטן מער, ווי דאָס אוקראַאינישע דאָרף גופא. איך בין געפֿאָרן זאַלבעצווייט מיט נחום שטיף אין קליינעם יידיש־אוקראַאינישן שטעטעלע אָלעווסק, און כ׳ווייס ניט ווער פֿון אונדז ביידע — איך, די פּאַרטיישע אַקטיוויסטקע, צי ער, דער אומפּאַרטיישער גרויסער געלערנטער, האָט טיפֿער איבערגעלעבט דעם חורבן, וועלכן מיר האָבן דאָרט דערזען. וועגן אָט דער טראַגי־קאָמישער רײַזע אונדזערער וועל איך דערציילן אַן אַנדערש מאָל.

אַ סך פֿון די קאַבינעט־געלערנטע האָבן צום ערשטן מאָל זיך געטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט דער טרויעריקערווירקלעכקייט... צוריקגעקומען דערשיטערטע פֿון דעם מעמד, וועלכן זיי האָבן דאָרט געטראָפֿן. איז איצט קיינער פֿון זיי ניט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט און געהאָלפֿן, געהאָלפֿן מיט וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען.

*

די יידישע אינטעליגענץ, אַפֿילו די, וואָס איז פֿאַרכאַפּט מיט ביראָבידזשאַן, איז אָבער פּסיכאָלאָגיש נאָך ניט גרייט צו פֿאָרן אַהין צו. עס איז ניט גרינג זיך צו שיידן מיט דער גרויסער שטאָט, מיטן גוטן פּאָסטן און דאָס אַלץ פֿאַרבײַטן

אויץ שווערע פּרימיטיווע שטייגער־באַדינגונגען. און דער עיקר — מ׳קען בײַ זיך ניט פּועלן צו לעבן אָפּגעריסן פון יעדן קולטור־צענטער.

דאַרף מען אָפּעלירן צו דער דאָזיקער אינטעליגענץ, טרעפן זיך מיט איר אויג אויף אויג. לאָזן זיך ליבערבערג און הובערמאַן אין וועג אַרײַן.

מאַסנווײַז שטראָמט מען צו די באַריכט־פאַרזאַמלונגען פון די צוויי שליחים. זיי ווערן אײַנגעוואָרדנט אין די גרעסטע שטעט פון אוקראַינע. מען קומט הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון ביראָבידזשאַן. מ׳איז נײַגעריק צו הערן די מיינונג פון אַזעלכע אויטאָריטעטע עדות ווי ליבערבערג און הובערמאַן. ביידע ווענדן זיך מיט אַ הייסן רוף צו דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט, צו די לערער, שרײַבער און וויסנ־שאַפטלער: שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר די שוועריקייטן! פאָרט פרײַוויליק בויען די מאָרגנדיקע יידישע מלוכה! דאָרט וואַרט אויף יעדן אַ ברייט פעלד פון נוצלעכער און אינטערעסאַנטער טעטיקייט. אין ביראָבידזשאַן עפענען זיך פאַר יעדן יידישן אינטעליגענט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר זײַן איניציאַטיוו. ביראָבידזשאַן איז אָרעם אין הויך־קוואַליפיצירטע קולטור־טוער, עס פעלן לערער און אַגראָנאָמען, דער שפּיטאָל איז אָן דאָקטוירים, פאַראַן ישובים אָן אַ קראַנקן־שוועסטער, די צײַטונגען האָבן ניט קיין זשורנאַליסטן, ניטאָ קיין עקאָנאָמיסטן און בוכהאַלטערס...

דער הייסער רוף באַקומט אַן אָפּקלאַנג. אַחוץ דער גרופּע אַביטוריענטן, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור אין אונדזער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, לאָזן זיך פאָרן קיין ביראָבידזשאַן אויך דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פון כאַרקאָוו, אָדעס און קיעוו. אויך אַביטוריענטן פון יידישן אָפּטייל אין צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט — יונגע שרײַבער און לערער — באַזעצן זיך דאָרט.

האָבן מײַנע חברים פרײַוויליק געוואָרפן זייערע אײַנגעזעסענע ערטער און גוטע שטעלעס, גענומען ווײַב און קינד, פאַרפּאַקט דאָס ביסל בעבעכעס און גע־אײַלט... געאײַלט אַהין צו האָבן: ברוך הובערמאַן מיט זײַן פרוי — די דאָקטערין רעגינע ראָזנבלום; אַלעקסאַנדער זאַבלודאָווסקי, חיים שיף מיט זײַן פרוי שפרה — די קוואַליפיצירטע פאַרשול־לערער; דער געלערנטער ביבליאָטעקאַר י. עליאָוויטש מיט זײַן קריסטלעכער פרוי — אַ דאָקטערין; ישראל ראַבינאָוויטש מיט דער פּעדאַגאָגין דוואָרקינאַ; נתן קאַרמאַן, בנימין גאָלדפײַן, דאָס פאַרפּאָלק חיים און רבקה גוסאָווסקי — ער אַן עקאָנאָמיסט, זי אַ ביבליאָטעקאַרין; פון כאַרקאָוו — דער דירעקטאָר פון מעטאַלורגישן יידישן טעכניקום משה לעוויטאַן צוזאַמען מיט אַ גרופּע אינזשעניערן — פּעדאַגאָגן, און אַפילו סטודענטן פון דעם טעכניקום, משה לעוויטאַנס פרוי — אַ דערפאַרענע דאָקטערין; דער ביבליאָלאָג י. קוויטני, די שרײַבערין פון די דאָזיקע שורות א.א. נאָך פריער פון אונדז — הענעך קאַזאַ־קעוויטש מיט זײַן פרוי און זון — עמנואל קאַזאַקעוויטש, אַ ביסל שפּעטער בוזי גאָלדענבערג און אַנדערע*. די איבעריקע האָבן זיך געגרייט אין וועג אַרײַן:

* וועגן זייער אַלעמענס טעטיקייט און גורל אין ביראָבידזשאַן וועל איך דערציילן אין די ווײַטערדיקע פּרקים.

געוואָרט אויף אונדזער ידיעה פון דאָרט. מיר זענען דאָך געפאָרן מיט דער האָפענונג צו שאַפן פאַר זיי כאָטש די מינימאַלסטע באַדינגונגען פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

מיר פרייען זיך: דער לעבעדיקער שטראָם ענערגישע הויך־קוואַליפיצירטע יונגע מענטשן וועט דאָרט אָפּפרישן דאָס פאַרפראָווינציאַנאַליזירטע קולטור־לעבן! זיי וועלן ווערן די אָנפירער מיט דער בילדונג, מיטן טעאַטער, פּרעסע, ביבליאָטעקוועזן, טעכניקומס, ראַדיאָ און צוגעבן דער קולטור־אַרבעט אַ גײַעם גרויס־שטאָטישן סטיל און ברייטן שוווּנג.

אוי וויי, ווי מיר האָבן זיך גענאַרט!... אָ, ווי גיך, ווי בליץ־שנעל ס'איז אויסגערונען געוואָרן די נאַרישע האָפענונג!... טאַקע דאָרט אין ביראָבידזשאַן!... דווקא דאָרט — אין דער "נאַציאָנאַלער" יידישער געגנט זענען ענדגילטיק אָראָפּגעפאַלן די פערדישע שאַרן, וואָס האָבן פאַרשטעלט, אמת, ניט שטענדיק גענוג פעסט, אָבער דאָך אַזוי לאַנג, אַזוי אומענדלעך לאַנג, אונדזערע אויגן!

(המשך קומט)

*

אין ירושלימער קולטור-קרײַז "צוותא ביידיש"

"דאָס יידישע פֿאָלקס-מעשהלע"

דער טעמע איז געווידמעט געווען דער אינטערעסאַנטער און גייסטרייכער רעפעראַט פון פּראָפ. דב נוי (ירושלימער אוניווערסיטעט). דאָס אַריינפיר־וואָרט האָט געהאַלטן אברהם בערניקער. דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון ירושלימער הסתדרות בשותפות מיט דער מועצת פועלי ירושלים (קולטור־אָפּטייל).

מאָטל סאַקציער

מע לייענט די "פּראַוודאַ" אין באַראַק

(פֿון די לאַגער-לידער)

מ'האָט די "פּראַוודאַ" אין באַראַק געבּרענגט.
עפּעס אומגעוויינלעכס האָט געטראָפֿן ?
אפֿשר אויף אַ האָקן שוין דער תּליון הענגט
וואָס ניט ווערן ס'וועט די רישעות אים געשענקט ?
אפֿשר איז ער שוין אויף אייביק איינגעשלאָפֿן ? . . .

אפֿשר האָט די שעה געשלאָגן פֿאָרט
וואָס פֿון איר דאָ חלומט יעדער, יעדער
און געקומען ענדלעך אויפֿן אַכזרס אָרט
איז דער צדיק און באַגנעדער ? . . .

עמעץ לייענט דאָס בלאָט פֿאַר די אַסירים פֿאָר
מיט אַ מאַנצביל-געמבע אַ באַסאָווער
פֿון אַ וואָלגאַ-מענטש און מיר עס דאַכט זיך נאָר
אַז אין מויל עס קײַקלט דער בעל דבר.

ווי אַ טרויב אַיעדעס וואָרט פֿאַרגאָפּט,
דריקט עס צו זײַן גומען צו מיט תּענוג,
ווי אַ טרויב אַ רײַפּע ווענעס זאַפּט
איז דערקווינקנדיק און ווײַניק.

און ווי אַלע וואָס ווי איך מיסתּם
האָפֿן אויף אַ נס אין דעם שאול תּחתּיה,
הער איך צו מיך זשעדנע, אויפֿמערקזאַם
צו דעם טיפֿן באַס פֿון דעם בעל קריאה. . .

פּלוצעם טוט מיך וואָס אין האַרץ אַ שטויס :
פֿון מיכאָעלסן זיך רעדט אין בלאָט — דער נכס
און דאָס חכמה-שײַנדל ניט פֿון ייִדן בלויז —

ווי מיר, ווײ, זײ שרײַבן אחרי מות
אים צו די ערגסטע, ניט געשטויגענע פֿאַרברעכנס...

ווי אַ בייזער גײַסט געמאָלט ער ווערט,
מיט די גליטשיק-אײַטערדיקע פּענעס
אויסגראָבן זײ זענען גרייט אים פֿון דער ערד
ווי די הונגעריק-פֿאַרקאָלטנטע היִענעס...

מיר אַ פֿינקע-שטאָך אין האַרץ איז יעדער וואָרט
וואָס אַרײַנגעלייגט אין האַנט ס'האָט זײ דער שטן; —
צום צווייטן מאָל מיכאָעלסן מען מאָרדט
ווענעס גײַסט פֿאַרטיליקן ס'איז פֿאָרט
אין יענער מינסקער בלינדער מאָרדנאַכט ניט געראָטן...

מע לינטשט מיכאָעלסן
און ניט ווי דאַן, בסוד,
אין מיטן נאַכט ווען צוגעדעקט עס האָט
דער שטילער שנייפֿאַל די שפּורן פֿון דער ראָד
וואָס די מערדער האָט פֿאַרמסרט;
בפֿרהסיה גייט איצט דער לינטשער-קאַראַהאָד
לויט אַ ווונק פֿון דעם סצענאַר-פֿאַרפֿאַסער...

זײַן חכמה וואָס איר כּישוף האָט פֿאַרהיט,
די ליבשאַפֿט וואָס מיט איר דעם גרויסן ייִד
עס שפּינט אַרום דאָס פֿאָלק
דאָס קאָן דער אַכזר ניט פֿאַרטראָגן,
פֿאַרניכטן דאָס האָט ניט געקענט דער שוואַרצער וואָגן
ווען אויף ערד געפֿרוירענער, אין פֿראָסט,
מען האָט אָן אָטעם ליגן אים געלאָזט
צעשניטן און צעבראָקט — ניט צום דערקענען,
גייט ער איבער איצט צום צווייטן מאָל די שפּיל...
איר הערט? איר הערט דעם לעסטערער-קאַדריל?
פֿון ראַדיאָ זיך טראָגט אַ גאַווערדיק געביל
אַז מורא כ'האָב צום הויכרעדער גענענען,
מיט נבזהדיק פֿאַרקויפֿטע פּענען
ווי מיט פֿלאָקנס אײַזערנע אין אים מען האַקט
ווי אין טויטן לײַב נאָך לאַנגער יאַגד
אַרײַנגעפּאַקטן אין די יעגער-נעצן

און כ׳פּיל אויף זיך די קלעפּ,
די סם המוות-העצע...

אָ, גאָט, פֿאַר וועלכן נײַעם גרוילן-אַקט
איז דער לינטש-קאַדריל אַן אינטערמעצאָ ?...
זיי דרעשען די פֿאַרשוועכער זײַנע טויטע ביינער,
פֿאַרוואַרפֿן אים מיט שקרים ווי מיט שטיינער,
זיי ברעכן, סלינען אויס אויף אים די גאַל...

פֿאַר וואָס-זשע אַז די לופֿט אין אָט דעם פֿאַל,
אַנשטאָט מיטגעפֿיל צו מיר — מיט שינאה
געוואָרן אָנגעגליט וואָס ווייסט ניט פֿון גענאָד ?
פֿאַר וואָס-זשע חלפֿס אין די אויגן און אַ מינע
כ׳זע פֿון שאָדנפֿרייד און שפּאָט
בײַ די לײַדנברידער מײַנע ווען די בייזע קוועלער
פּונקט ווי מיך באַרויבט פֿון שײַן דער העלער,
און ווי מיך אויך זיי פֿאַרשלעפּט אין עיפּוש-קעלער
און צו דער זעלבער צוגעשמידט טאָרטורן-ראָד ?
פֿאַר וואָס פֿאַרטויבט פֿון אַכזרס צאָרן
ווי אָקסן צו דער שחיטה מיט פּענטעס אויף די פּיס,
זענען זיי אַקעגן מיר געוואָרן
דעם קוועלערס בעלי ברית ?...

אַ פֿינצטערער געדאַנק אין שאַרבן-שאַכטל
נאָגט זיי ווי אַן אַלטער מיחוש, כ׳ווייס,
ווי אַ הונגעריקע מויז אין אָסיענדיקן נאַכט-טאָל
גראַבלט זיי אַ משוגעת-פֿאַרלאַנג אַ בייזס
אַקעגן מיר
פֿאַר זייער גאָט דעם אומגעבראַכטן,
און כאָטש זיי מיך דאָ כלומרשט אַכטן
פֿאַר מיין ווערדע, ווי זיי זאָגן, פֿון אַ ייִד,
ווייס איך אַז אַ האַס סמבטיון זידט
אין האַרץ בײַ זיי, איך ווייס וואָס זיי זיך טראַכטן
און איז דערווײַל פֿאַרהוילן און פֿאַרדעקט,
זיי אָבער פֿלאַפֿלען דאָס אַרויס אין די בײַנאַכטן
פֿון אַסירים-שלאָף און מיך עס שרעקט, עס שרעקט...

דעם ברודער-הורג האָט אין זיי דאָך אויפֿגעוועקט

דאָס בלאַט, אויפֿן פֿאַסאַד מיט לענינס צורה,
ווי מע וועקט אין הונט וואָס דרימלט אין קאָנורע
אויף דעם וואָלף און ער זיך רײַסט פֿון קייט
מיט שטשירענדיקע ציינער צום פֿאַרצוקן גרייט...
קען נאָך עפּעס ערגער זײַן, נאָך טריבער?
און דערפֿאַר, כאָטש קיין ביצעפּסן פֿון אַ גבור
פֿאַרמאָג איך ניט, נאָר צוליב קוראַזש
איך זאָל מײַן לעבן קענען באַשיצן און מײַן כבוד,
אַ מעסער פֿונעם בעסטן שטאָל געקאָוועט
טראָג די טעג איך ווי אַן אמתער אַפּאַש
פֿאַרבאָרגן אין מײַן בוזעם-טאַש.

*

"דער פֿאָרהאַנג איז צום לעצטן מאָל געפֿאַלן..."

אונטער אַזאַ נאָמען איז געעפֿנט געוואָר'ן אַן אויסשטעלונג אין "בית התפוצות" (תל־אביב), לזכרון דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. דאָקומענטן, אַפֿישן און בעיקר אַ רייכע זאַמלונג פון פאַרגרעסערטע פאָטאָ־בילדער — באַזונדערע סצענעס פון פאַרשידענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, שילדערן און צייגן די געשיכטע פון באַרימטן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו, וועלכן ס'האָבן געשטאַלטיקט אַזעלכע קינסטלער ווי אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, שלמה מיכאָעלס, בנימין זוסקין, לייב פּולווער, מאַרק שאַגאַל און פיל אַנדערע.

בעת דער דערעפענונג האָבן גערעדט פּראָפ. י. הראל, די טאָכטער פון זוסקינען — אַלאַ פּערלמאַן און די טאָכטער פון שלמה מיכאָעלס — גינאַ. דער הבימה־אַקטיאָר ישראל בעקער האָט געלייענט דאָס ליד "מיכאָעלס — אַ נר תמידביים אָרון" פון פּרץ מאַרקיש.

סאַמי פעדער

דער נס

געשען איז עס אין אָנהויב פון פרילינג 1943 אין "יודען־צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער" (צ.אַ.ל.) אינעם שטעטל בונצלאַו (נידערשלעזיע). דעמאָלט האָבן מיר געאַרבעט אין דער האָלץ־פאַבריק פון דײַטשן מאַגנאַט הובערט לאַנד, וועלכער האָט פאַבריצירט פאַרשידענע האָלץ־אויסאַרבעטונגען פאַר דער דײַטשער קריגס־אינדוסטריע. מען האָט געבראַכט פון דײַטשע און פוילישע וועלדערביימער און דאָ אין דער פאַבריק זיי צעזעגט אויף ברעטער און פון די ברעטער האָט מען אויסגעאַרבעט אַלע טיילן פאַר באַראַקן, האָלץ־טרעגערס פאַר פאַבריקס־האַלעס, וועלכע מען האָט געקאָנט צענעמען און ווידער אויפשטעלן אויף אַ צווייטן פּלאַץ; פאַלשע עראָפּלאַנען (אַטראַפּן) אָפּצונאַרן דעם שונא; פאַרשידענע שענק, טישן און בענקלעך פאַר מיליטערישע קאַזאַרמעס און אַפילו ווײַן־קאַסטענעס — אַלץ, וואָס די דײַטשע קריגס־אינדוסטריע האָט דעמאָלט באַדאַרפן האָבן פון האָלץ.

דער לאַגער אין בונצלאַו איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער בלאַער הילפס־פּאָליצײַ, און די פאַבריק אונטער דער עס־אַ.

עס איז אונדז געלונגען אין לאַגער, דורך דער צײַט, דורכצופירן אייניקע ליטעראַרישע־ און אויך לידער־אָוונטן און אַפילו טעאַטער־פאַרשטעלונג; האָבן אַ גרופּע חברים באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ געשריבענעם ליטעראַרישן־און־אַקטועלן זשורנאַל.

מיר האָבן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ אָרגאַניזירט בלײַפעדערס, פּאַפּיר און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט: געשריבן אַקטועלע לאַגער־אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען — פאַרשיידנס. די מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל זענען געווען: חיים וואַלנערמאַן, שפּיגעל, קלמן צוויגל, ליפשיץ, מײַן ווייניקייט און אַנדערע, וועלכע איך געדענק לײַדער נישט זייערע נעמען. מיר האָבן דעם זשורנאַל אויפגעשריבן און דערנאָך אין די פרײַע אָוונטן, אָדער זונטיקס, אין די באַראַקן פאַרגעלייענט פאַר די חברים.

אַחוץ פאַרשיידענע אַרטיקלען, האָב איך דעמאָלט געשריבן אַ בוך "בערל סטאָליאַר", ווו איך האָב געשילדערט דעם ליידנסוועג פון אַ ייד, אַ סטאָליאַר, פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן, וועלכן מען האָט פאַרשיקט אין לאַגער און אַלס סטאָליאַר, איז ער אָנגעקומען אין הובערט לאַנדס האָלץ־פאַבריק, ווו ער גייט אַדורך פאַרשיידענע ביטערע צרות און פּײַן. ער בענקט, בענקט צו זײַן אָרעמער שטוב, צו זײַן ווײַב און קינדער. שטענדיק דערמאָנענדיק זיי און קרעכצנדיק

פון בענקשאַפט, טענהט ער צו אונדז און צו גאָט: — רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט דאָס מיר?... מיט וואָס האָב איך געזינדיקט?... איך האָב שטענדיק שווער געהאָרעוועט אויפן שטיקל ברויט, מפרנס צו זײַן ווײַב און קינדער. קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. יידן, זאָגט מיר, פאַרוואָס, פאַרוואָס?!... אוי, רבונו של עולם, ווו נעמט מען אַ באָמבע, אַ באָמבע!!!... אַ כאָליערע זאָל עס נעמען!!!...

(עס איז אינטערעסאַנט, אויב איך האָב אין לאַגער און אַפילו נאָך דער באַפרײַונג צו אַ חבר, אָדער צו אַ חברטע, געזאָגט: — באַשרײַב אַלץ, וואָס מיט דיר איז געשען אין די היטלער־יאָרן, האָט ער, אָדער זי, אַ גרויסן טייל באַשריבן אין גראַמען. אַזוי אויך בערל סטאָליאַר. ווען איך האָב צו אים געטענהט: בערל מען דאַרף פאַרשרײַבן די צרות, וואָס מען גייט אַדורך אין די לאַגערן, האָט ער אויסגעדריקט זײַן צער און צאָרן אויך אין... אַ ליד. לײַדער אויפן "טויטן־מאַרש" פאַרן אָנקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער "דאַרא", האָב איך געמוזט אַלע מײַנע כתבים פאַרניכטן (בלויז דאָס ליד איז מיר פאַרבליבן אין זיכרון).

אָט איז דאָס ליד "פון בערל סטאָליאַר":

פרײַהײַט

איך בענק נאָך דיר,
מיט מײַן גאַנצן האַרץ און נשמה בענק איך נאָך דיר,
נאָך דיר, פרײַהײַט, מיט אַלע דײַנע לײדן און פרײדן,
ליבע און האַס —
איך מאַך קיין שפּאַס, קיין שפּאַס
ווײַל ס'טוט ווי אַזוי, אַזוי —
דאָך פרעג איך מאַנכ'מאָל,
איך גיב אַ קלער און גיב אַ שפּײַ —
הייסט עס — איז עס טאַקע דערפאַר,
וואָס אויפן גרויסן וועלט־יריד
זאָגט מען, אַז אין אַלעמען שולדיק איז דער ייד.
יאָ, דאָס זאָגן זיי, לאַכסטו נישט אויך,
טפו, גיב איך נאָך אַ שפּײַ
און קלאַפּ זיך מיט דער פויסט אין ברוסט אַרײַן
איך, בערל סטאָליאַר דער ייד.
וואָס שטענדיק געלעבט האָב מיט ווײַב און קינד אין נויט,
קיין מאָל געהאַט צוזעט קיין ברויט,
אַזוי געהאָרעוועט אַ לעבן אַ גאַנץ,
בין שולדיק אין דאַזיקן שדים־טאַנץ,
פון צאָלן שחיטה־געלט

דער דאַזיקער וועלט
וואָס רופט זיך מלחמה־יריד
אַלץ נאָר ווײַל איך בין אַ ייד.
כאַ־כאַ־כאַ, לאַך איך שטאַרקער אַרויס,
און שפּײַ צום דריטן מאָל אויס,
טפוי זאָלט איר ווערן,
איר היטלעריסטישע דיפּלאָמאַטן, איר "הערן",
מיט אײַערע געזעצן און געבאָטן,
וואָס צווינגען מיך צו לעבן הינטער דראָטן,
זיך מאַטערן אין עלנט און נויט,
דעם האַמער גיט מיר,
איך וויל אַרבעט, פרײַהײַט און ברויט.

צום שלוס, בערל סטאַליאַר אַנטלויפט פון לאַגער, ער וויל צו די יידישע פּאַרטיזאַנער. ער ווערט געכאַפּט און צום טויט פאַרפּײַניקט.

*

דאָס גאַנצע מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן אָנגעשריבן, האָבן מיר באַהאַלטן אויפן "בוידעם" פון באַראַק, ד.ה. מיר האָבן אויפגעריסן פון באַלטן אייניקע ברעטער און צווישן באַלטן און דאַך, האָבן מיר דאָרטן אַרײַנגעלייגט אונדזערע אַלע כתבים, אונדזערע היטערס זאָלן זיי נישט געפינען — און ווי וואָלט געווען צו אונדז, ווען זיי וואָלטן טאַקע די דאַזיקע כתבים אונדזערע געפינען.

*

די ערשטע צוויי אָנפאַנגס־יאָרן פון דער מלחמה, ווען מען האָט אונדז פאַר־שיקט אין די "יודען־צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן" (צ.אַ.ל.), האָט מען נאָך געקאָנט פון דער היים באַקומען פּעקלעך מיט עסנוואַרג און אַפילו קליידער. דעמאָלט זענען מיר נאָך געגאַנגען אין אונדזערע אייגענע ציוויל־קליידער אָנגעטאָן. אַ געוויסע צײַט האָט מען אויפגענייט אויף די קליידער אַ געלן מגן־דוד מיטן דײַטשן וואָרט "יודע". שפּעטער האָט מען געמוזט אויסשנײַדן אין יעדן בגד אַ מגן־דוד און אונטערנייען מיט אַ ווײַס טוך, וואָס מען האָט אָפּגעשניטן פון אַ ווײַס העמד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט מען געזוכט פאַרשיידענע וועגן, אַז מען זאָל אין די גוטע קליידער נישט אויסשנײַדן דעם מגן־דוד, ווײַל ווען אַ בגד איז נישט געווען אויסגעשניטן אַ מגן־דוד, האָט מען עס געקאָנט פאַרקויפן צו אַ פּאָלאַק, טשעך אָדער אַנדערן פאַר אַ ברויט, אָדער אַנדער עסנוואַרג — איז וואָס האָבן מיר געטאָן? ... מיר האָבן אַזוי קינסטלעך אַרויפגענייט דעם ווײַסן מגן־דוד, וואָס ס'האָט אויסגעזען ווי אויסגעשניטן.

אויך איך האָב אַזוי געטאָן מיט מײַנע בגדים, וואָס איך האָב געטראָגן, ווען

איך האָב נישט געאַרבעט. — און, אַז מען האָט פון דער היים באַקומען אַ פּאָר הויזן אָדער אַנדער בגד און עס איז נישט געווען אויסגעשניטן, האָט מען טאַקע דעם בגד פאַרקויפט און אַזוי האָט מען זיך געהאָלפן.

איין מאָל אין אַ זונטיק, זעקס אַ זייגער אין דער פרי, ווען מיר זענען אַרויס צום מאָרגן־אַפּעל, זאָגט מען אונדז, אַז היינט, ד.ה. אין אַ שעה אַרום, וועט זיין אַ קאָנטראָל אין שטובן, און אַזוי פיל, וויפל "העפטלינגע" עס זענען פאַראַנען אין דער שטוב, אַזוי פיל פעקלעך, אָדער וואַליזקעס פון אַ באַשטימטער גרויס מעגן זיך דאָרט געפינען — אַלע אַנדערע זאַכן מוזן אָפּגעגעבן ווערן אין אַלגעמיינעם מחסן. — עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַקן און איבערפּאַקן און יעדער האָט געזוכט אַ באַהעלטעניש — אַ פּאָר הויזן, אַ שאַל, אָדער אַ סוועטער צו באַהאַלטן, בכדי שפּעטער צו קאָנען עס פאַרקויפן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ.

פונקט זיבן אַ זייגער הערן מיר פייפן, וואָס זאָגט אָן דאָס אַרויסגיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ צום אַפּעל. אַלע לויפן אַרויס און די בלאָע פּאָליציי און עס־אַ גייען פון שטוב צו שטוב און מען קאָנטראָלירט.

דער קאָמאַנדאַנט פון לאַגער האַלט אַ "רעדע", ער זאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן, וואָס אַלע האָבן אויסגעפירט זיין באַפעל, ווי עס דאַרף צו זיין, און ער גיט אונדז אַ לויב דערפאַר, אָבער אין אַ שטוב פון דרייסיק מאַן, דאַכט זיך — זאָגט ער — איז געגנוג אויף דריי מאַן איין פּעקל — און ער גיט אונדז צייט אַ שעה אויף איבערפּאַקן און דער רעשט — זאָגט ער — וועט גיין אין אַלגעמיינעם מחסן.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס אין די שטובן האָט זיך געטאָן — מען האָט געפּאַקט און איבערגעפּאַקט און ווידער איבערגעפּאַקט און געזוכט באַהעלטענישן אויף צו באַהאַלטן — קוים צוזאַמענגעשטעלט צען פּעקלעך.

אַכט אַזייגער ס'פייפט צום אַפּעל — אַלע לויפן אַרויס. עס קומען ווידער אונדזערע שומרים וואָס גייען פון באַראַק צו באַראַק און פון שטוב צו שטוב און מען קאָנטראָלירט . . .

דער קאָמאַנדאַנט האַלט ווידער אַ "רעדע", אַז ער איז זייער, זאָגאַר זייער צופרידן — "עס גייט יאָ פּאַבלהאַפט" — זאָגט ער — נאָר ער האָט זיך איבער־לייגט, אַז עס איז פיל פּראַקטישער און שענער, אין גאַנצן אָן פּעקלעך, מען קאָן זיי אַלע אָפּגעבן אין אַלגעמיינעם מחסן און אויב עמעצער וועט באַדאַרפן אַ בגד, ווייל זיינער איז שוין צעריסן, וועט ער באַקומען פון מחסן. — ער האָט אַרויס־גערופן אייניקע חברה פון אונדזער ריי און זיי באַפוילן אַלע פּעקלעך אַריינצוטראָגן אין מחסן. נאָך דעם האָט דער קאָמאַנדאַנט געגעבן דעם באַפעל: "וועגגעטרעטען! — אַלעס אוף דען באַראַקען!" — מיר זענען צוריק אין אונדזערע באַראַקן.

פון אָנהויב איז עס זייער טרויעריק געווען. . . פאַרט געווען אייגענע זאַכן, וואָס האָט דערמאָנט די היים. . . — אַ מאָל איז עס געווען אַ מתנה פון דער מאַמען, טאַטן, שוועסטער, ברודער, אָדער פריינט. אַחוץ דעם, פאַר אַן איבעריקע פּאָר הויזן, אָדער אַנדער בגד, האָט מען זיך געקאָנט פאַרשאַפן אַ ביסל עסנוואַרג, כאָטש

אויף אַ קורצע צײַט צו שטילן דעם הונגער. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט מען זיך צוגעוווינט צו די נײַע צרות — מען האָט זיך געטרייסט, ווען מען האָט געהאַט אַ בגד ערגעץ ווו באַהאַלטן, כדי שפּעטער עס צו פֿאַרקויפֿן. מיר און מײַנע חברים־מיטאַרבעטער פֿון "זשורנאַל" איז געלונגען צו באַהאַלטן אייניקע בגדים אין אונדזער באַהעלטעניש צווישן באַלטן און דאַך. איך האָב דאָרט באַהאַלטן מײַן בעסטן אַנצוג.

איין מאָל בײַ נאַכט איך גיי באַהאַלטן אייניקע פֿון מײַנע נאָר וואָס אָנגע־שריבענע בלעטלעך, איך נעם אַוועק דאָס ברעטל און שטעק אַרײַן דעם קאָפּ צו זען אַוו איך זאָל זיי אַוועקלייגן, און אויך אַ קוק טאָן צו מײַן אַנצוג. — עס איז מיר פֿינצטער געוואָרן פֿאַר מײַנע אויגן — דער בוידעם איז פֿול מיט פֿאַרשיידענע מלבושים און שיך, נאָר מײַן אַנצוג איז נישטאָ, — פֿאַרשוווּנדן. הויך מאַכן אַ געוואַלט, האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב שטילערהייט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ די חברים, אָבער קיינער האָט פֿון גאָרנישט נישט געוווּסט. איך האָב געהאַט שטאַרק עגמת־נפֿש — מײַן בעסטער אַנצוג נאָך פֿון דער בערלינער צײַט, פֿון דער אַנדערער זײַט, האָב איך זיך געפֿרייט, ווײַל עגמת־נפֿש פֿון אַזעלכע זאַכן, וועל איך מער נישט האָבן — דעם אַנצוג, וואָס איך גיי אָנגעטאָן, וועט מען מיר נישט צונעמען און מער האָב איך נישט — "ווויל איז מיר, איך בין אַ יתום...".

אין דער האָלץ־פֿאַבריק האָבן געאַרבעט אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער: געפֿאַנגענע פֿראַנצויזן, אוקראַינער, פּאָלאַקן, טשעכן און אַנדערע. אין דער האָלע, ווו מען האָט געשניטן פֿון ביימער ברעטער, האָבן געאַרבעט יידן, פֿראַנצויזן און אויך אייניקע טשעכן. דאָרט איז געווען אַ זעג, וואָס איז געוואָרן געטריבן פֿון אַ ריזן־מאָטאָר, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ לעדערנעם פּאַס, 15 מעטער די לענג און איין מעטער די ברייט.

אין אַ שיינעם טאָג אין דער פֿרי, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער פֿאַבריק, האָבן מיר געזען, אַז עס רודערט זיך דאָרט — פּאָליצײַ און קרימינאַל־פּאָליצײַ, עס־עס און עס־אַ מיט הינט און "געשטאַפּאָ". מען לויפֿט אַהין און אַהער. מען מעסט און פֿאָטאָגראַפֿירט. אַלע קאָלאָנעס שטייען אויסגעשטעלט: טשעכן, פּאָלאַקן, אוקראַינער, און די פֿראַנצויזישע געפֿאַנגענע סאָלדאַטן. אַ יעדע קאָלאָנע שטייט באַזונדער. אויך מיר בלײַבן שטיין. וואָס איז געשען?... און אָט זעען מיר, ווי מען רופֿט אַרויס אַ צאָל פֿראַנצויזן, יידן און טשעכן, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ זעגן די קלעצער — איבער נאַכט איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער לעדערנער פּאַס פֿון דער מאַשין און מאָטאָר — דאָס איז אַ גרויסער סאַבאָטאַזש־אַקט — זאָגט דער הויפּט פֿון דער "געשטאַפּאָ" (געהיימע שטאַאַטס־פּאָליצײַ), ווײַל די גאַנצע פֿאַבריק ווערט געצוווּנגען נישט צו אַרבעטן. אַ צווייטער לעדערנער פּאַס איז דערווײַל נישטאָ. ביז מען וועט אויספֿאַרטיקן אַ ערזאַץ־פּאַס, מוז אַ צײַט געדויערן, און ער וועגדט זיך צו אַלע: — ווער עס ווייסט, אַוו דער פּאַס איז און וועט צו וויסן טאָן אין ביוראָ, וועט באַקומען אַ פּרעמיע, און אויב דאָס איז אַ פֿרײַער אַרבעטער, וועט ער באַקומען פֿיר וואָכן אורלויב און וועט קאָנען

אַהיים פאָרן. די שולדיקע וועלן לײַכט באַשטראָפט ווערן, אויב נישט, און מען וועט כאַפּן די שולדיקע, וועלן זיי אויפגעהאַנגען ווערן פאַר סאַבאָטאַזש. און די אַלע, וואָס אַרבעטן אין דער זעג־האַלע וועלן שווער באַשטראָפט ווערן.

מיר זענען אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. די הינט האָבן אונדז באַשמעקט און מען האָט געגומען גיפּס־אָפּגוסן פון אונדזערע שיך־זוילן און אַ יעדערן באַזונדער אויסגעפאָרשט: ווו מען האָט נעכטן געאַרבעט און וואָס מען האָט געטאָן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט נישט געפונען —קיין שום שפּור.

אָט הער איך ווי איין עס־עס־אָפיציר זאָגט צום צווייטן: "דאָס איזט די אַרבייט פאָן דען פראַנצאָזען, יודען אונד טשעכן". — די טשעכן זענען געווען פרײַע אַרבעטער.

דעם טאָג האָבן מיר נישט געאַרבעט, כדי נישט צו פאַרווישן די שפּורן. מיר זענען צוריק אַרײַן אין אונדזער לאַגער מיט מחשבות: — ווער ווייסט וואָס עס וועט מיט אונדז איצט געשען ?... טויט־מידע פון גאַנצן טאָג שטיין, האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. בײַ נאַכט האָט די פאַבריק אָנגעהויבן ברענען. מען האָט אונדז געוועקט, און אונטער אַ גרויסע שמירה אַרויסגעפירט אויפן פּלאַץ פון דער פאַבריק, ווו עס זענען געווען אויפגעשטאַפּלט טויזנטער ברעטער, בכדי זיי אַוועק טראָגן ווייטער פון פײַער און זיי אַזוי אַרום אָפּראַטעווען. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר אונטער יאָגעניש פון עס־אַ און עס־עס מיט זייערע הינט און קלעפּ פון שטעקענעס אויף אונדזערע פּלייצעס שווער און ביטער געהאָרעוועט — ווייל דאָס טראָגן די ברעטער האָט געמוזט זײַן לויפנדיק און טאָמער איז איינער אויס מידקייט אַ ביסל צוריק געבליבן, זענען די אָנ־געררייצטע הינט אויף אים אַרויפגעשפּרונגען, אָדער ער האָט באַקומען אַ זעץ מיט אַ שטעקן איבער דער פּלייצע.

נאָך אַ גאַנצע נאַכט העצעניש בײַ דער שווערער אַרבעט און ווייטאָגן פון די קלעפּ. זענען מיר פאַרטאָגס אַרײַן אין אונדזער לאַגער און אַוועקגעפאַלן טויט־מידע, קוים זענען מיר אָפּגעשלאָפן אייניקע שעה, האָט מען אונדז ווידער געוועקט צום אַפּעל. מיר זענען אַרויס צום אַפּעל מיט דער פראַגע: — וואָס איז ווידער געשען ?...

אַ פראַנצויז איז בײַ נאַכט אַנטלאָפן, האָט מען אים געכאַפּט און ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ציווילן אָנצוג, ווו מען האָט באַמערקט די אָפּצייכענונג פון געוועזענעם אויסגעגייטן מגן־דוד, אָבער נישט אויסגעשניטן.

דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט האָט געפרעגט: "צו וועם געהערט דער אָנצוג, וואָס דער פראַנצויז גייט אָנגעטאָן ?... דער זאָל פרײַוויליק זיך מעלדן". — איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיר אַדורכמאַרשירט לעבן פראַנצויז. איך גיב אַ קוק: מײַן אָנצוג פון בוידעם. אינעם ווײַס־גרויען שטאָף פון דער לינקער טאַש, האָב איך געהאַט אַרײַנגעצייכנט מײַן נאָמען — מען וואָלט מיך סײַ־ווי־סײַ געפינען. איך טרעט אַרויס און זאָג: — איך מעלד, אַז דער אָנצוג איז מײַנער. — און ווי אַזוי קומט דײַן אָנצוג צום פראַנצויזישן געפאַנגענעם ?... — פרעגט דער קאָמאַנדאַנט.

איך ענטפער אים: — איך האָב מײַן אָנצוג אָפּגעגעבן אין מחסן, װײַטער װײס איך נישט.

דער קאָמאַנדאַנט זאָגט צום פראַנצויז: — װײַז, װער עס האָט דיר געגעבן אָדער פאַרקויפט דעם אָנצוג. — דער פראַנצויז האָט דורכמאַרשירט אַלע אונדזערע רייען און אַ יעדן געקוקט אין פּנים אַרײַן און קיינעם נישט "דערקאַנט". וואָס מיט דעם פראַנצויז איז געוואָרן, ווייס איך נישט, נאָר איך האָב באַקומען אַ שטראָף פון 20 שמיץ פאַר נישט אויסשנײַדן דעם "יודע", ווי זיי האָבן גערופן דעם "מגן־דוד".

נאָך דרײַ טעג זענען מיר געגאַנגען צו דער אַרבעט. דער נײַער פּאַס איז געווען געוועבט פון פּאַפּירענע שטריק. דעם לעדערנעם פּאַס האָט מען קיין מאָל מער נישט געפונען, בלויז מיר אין לאַגער האָבן אין געהיים, פון צײַט צו צײַט, פּאַר אַ פּאַרציע ברויט געקויפט אַ שטיק זוילן־לעדער, כדי צו פאַרריכטן אונדזערע צעריסענע שיך, וואָס איז זיכער געווען פונעם 15־מעטערדיקן פּאַס.

איין מאָל, ווען מיר זענען געווען בײַ דער אַרבעט, איז געקומען אין לאַגער אַרײַן אַ דײַטשער דאַך־דעקער צו פאַרריכטן די דעכער פון אונדזערע באַראַקן, וועלכע זענען אויף פאַרשיידענע ערטער געווען לעכערדיק און עס האָט אַרײַנגערעגנט. דער דאַך־דעקער האָט אויפגעריסן פון אונדזער באַראַק אַ שטיק דאַך, כדי צו לייגן נײַע שינדלען, און דערזען אַ גאַנצן לאַגער פון מלבושים, שיך און... לעדער. ער איז אַוועק צו דער "געשטאַפּאָ" און געמאָלדן, וואָס ער האָט דאָרטן געזען.

פון בערלין איז ספּעציעל געקומען צו פליען דער שטורמבאַנפירער מאַיאָר לינדנער, ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע יודען־צוואַנגס־לאַגערן.

מיר האָבן זיך געפונען אויף אונדזערע אַרבעטס־פּלעצער. עס איז אַרויס אַ באַפעל: "אַלע יודען זאָפאָרט אָפּמאַרשירן צוריק אינעם לאַגער". — מיר לויפן שנעל און שטעלן זיך אויס אין רייען. מען ציילט אונדז און מיר מאַרשירן צוריק אין לאַגער אַרײַן. און ווידער שטעלן מיר זיך אויס און מען ציילט אונדז — עס שטימט. מיר שטייען און שטייען — אַ שעה, צוויי — נישט וויסנדיק, וואָס עס איז געשעען. אָט קומט אָן לינדנער מיט זײַנע באַגלייטער און אַ דאַך־דעקער, אַ דײַטש, מיט אַ לייטער. דער דאַך־דעקער לענט זיין לייטער אָן אין אונדזער באַראַק, קריכט לאַנגזאַם אַרויף און הייבט אָן רײַסן די שינדלען פון דאַך — מיר שטייען און קוקן און האָבן דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געריסן שטיקער פלייש פון אונדזער לייב.

אוי, אַ בראָך, — רײַסט זיך בײַ מיר אַרויס און דאָס האַרץ קלאַפּט — אַלע מײַנע כתבים און אויך פון "זשורנאַל" ליגן אויבן... און קליידער, שיך און... לעדער. — הײַנט וועט זײַן יענער חורבן.

לינדנער איז נערוועז, ער קלאַפּט אָן אויפהער מיט זײַן בײַטשל אין זײַנע הויכע לאַקירטע שטיוול. דער קאָמאַנדאַנט אונדזערער איז נאָך מער נערוועז — טאָמער געפינט מען עפּעס, וואָס איז שטראָפבאַר, איז ער אויס קאָמאַנדאַנט. מען

שיקט אים גלייַך אויפֿן פראָנט. עס הערשט אַ גוואַלדיקע שפּאַנונג און אַן אויסער־געוויינלעכע שטילקייט. דער יודען־עלטעסטער שטייט און בייַסט נערוועז די ליפּן זייַנע. די פּנימער פֿון אונדזערע מענטשן זענען טויט־בלאַסע — מען אָטעמט קוים. און דער דייַטש, אויבן אויפֿן דאַך, רייַסט איין שינדל נאָך דעם צווייטן. עס ווערט אַ גרויסער לאָך. דער דייַטש דרייט זיך אויס און וויל עפּעס זאָגן צו לינדנערן, לינדנער באַמערקט דאָס און גייט נענטער צו צום לייטער. מען הערט דעם דייַטש אויפֿן דאַך זאָגן: ״הער שטורמבאַנפירער...״ אין דעם מאָמענט קומט אָן צו לויפֿן אַ פרייליין פֿון דעם ביוראָ, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, הויך שרייַענדיק: הער שטורמבאַנפירער!... הער שטורמבאַנפירער!!! דער רייַכספירער הימלער איזט אַם טעלעפאָן און וויל זי שפּרעכען״. — לינדנער איז געוואָרן רויט און מיט זייַנע מענטשן אין אַ לויפֿנדיקן שריט אַוועק, און נישט מער צוריקגעקומען, ווייַל ער איז באַלד אָפּגעפֿלויגן קיין בערלין.

דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט איז אַרויף אויפֿן לייטער און אַרייַנגעקוקט אין לאָך פֿון דאַך און אויסגעשריגן: ״הער גאָט, דאָנערוועטער נאָך איין מאָל!!!...״ ער איז אַראָפּ פֿון לייטער, דעם דאַך־דעקער אַוועקגעשיקט און געהייסן אונדז אַלע זאַכן אַראָפּנעמען פֿון בוידעם און אַרייַנלייגן אין מחסן. בייַם אַראָפּנעמען די זאַכן, איז אונדז געלונגען צו באַהאַלטן אונדזערע כתבים. דערנאָך זענען אַלע באַשטראָפֿט געוואָרן מיט שווערע צוגאָב־אַרבעט, אָבער דער קאָמאַנדאַנט איז געווען צופֿרידן פֿונעם גרויסן ״נס״, וואָס הייַנריך הימלער האָט גערופֿן לינדנערן קיין בערלין, און מיר אוודאי און אוודאי... און ביז אָפּמאַרשירן אונדזערן אויפֿן ״טויטן־מאַרש״, האָט מען נאָך אַלץ געקענט קויפֿן פֿאַר אַ פּאָרציע ברויט אַ שטיק לעדער פֿון 15־מעטערדיקן פּאַס צו פֿאַרריכטן די זוילן פֿון אונדזערע שיך.

משה שטיינגאַרט / ניו-יאָרק

קלאַנג און אָפּקלאַנג

אַ נישט דערענטפֿערטער בריוו

איך האָב דיך אויף מײַנע אַקסלען אַרויפֿגעטאָן,
דײַנע הענטלעך העכער מײַן קאָפּ איבערגעהויבן.
איך בין אַ יונג פֿאַרצווײַגטער בוים געשטאַנען
און געשטרעקט זיך דער אייגענער הייך אַריבער.
דײַנע קורצע פֿינגער האָבן אומעטום דערלאַנגט.
גאָלע פֿרייד האָב איך פֿאַר מײַנע אויגן דערזען.

ווען כ׳האָב דיך צום ערשטן מאָל אַראָפּגעשטעלט,
דיר לערנען דעם אָנהייב טריט אַליין צו שטעלן
האָט דער דיל נאָך געוויגלט דײַנע ווייכע שפּרײַז.
כ׳בין מיט אָפֿענע אויגן אויף וואַך געשטאַנען,
געפּילעוועט דײַן איטלעכן נייג און ריר, זאָלסט
חלילה צו נאָענט מיטן דיל זיך נישט דערזען.

מיט יעדן שפּאַן איז דער דיל גלײַכער געוואָרן.
דײַן טראָט האָט קוים דראָבנעם לויף דערגרייכט
האָסטו וואָס גיכער זיך געאײַלט אַ גרויסע זײַן.
איך — מיטן זכרון פֿון קינד נישט באַוויליקט
האָב אין דײַנע צעעפֿנטע אויגן זיך פֿאַרקלערט
און דעם טאַטן אין אָנבליק פֿון קינד דערזען.

בליק אין בליק האָבן זיך ווילִיק אויסגעמישט.
פֿאַרביטן האָט זיך מאָס פֿון ווערן און געוואָרן.
נישט צום דערקענען ס׳געוואָרענע אינעם ווערן
האָט דער חלום די וואָר קאַפּויער איבערגעקערט,
ביסט פֿון קינד — טאַכטער פֿאַר מיר געשטאַנען ·
כ׳האָב דעם בלויז צישן מיר און דיר דערזען.

דער אָטעם איז מיר אין מויל שטעקן געבליבן.
מײַן לערער בליק האָט שטום געקוקט אויף דיר

און באַוויזן צו דערזען פֿון דײַן רעכטן אויג
אַ דראָבנע קרעל אויפֿן רעכטן קין זיך שטעלן.
כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט צי זי איז דײַנע געווען,
צי איך האָב זיך אין דײַן אויג אַזוי דערזען.

אָפּקלאַנג

אויג אויף אויג האָבן מיר באַנאַנד
אויף איין לשון גערעדט.
מיר האָבן גערעדט ס׳לשון פֿון בליקן,
יעדער בליק האָט זײַן אָנבליק געזען.

דײַן קלאַנג האָט מײַן אָפּקלאַנג דערהערט
און דאָס וואָרט האָט אָנגעהויבן ווערן.
ווען דאָס וואָרט האָט זײַן טאָן דערקענט
איז לשון געקומען און געוואָרן.

מיר האָבן באַזונדערן ניגון געהאַט
אָט דער געוויינטלעך פֿון אונדזערע טעג
אים מיט אַן אַנדער שפּראַך פֿאַרמישט —
מײַן קלאַנג אָט דײַן אָפּקלאַנג אָנגעווירן.

כ׳האָב געהאַט אַזוי פֿיל דיר צו דערזאָגן
איז מײַן וואָרט פֿון דײַן מויל אַרוסגעפֿאַלן.
איך ווייס נישט צי דו האָסט ווען דערשפּירט
ווי כ׳האָב געגאַרט דיך מיט וואָרט דערהאַלטן.

איך האָב מײַן קול דעם טעלעפֿאָן פֿאַרטרויט
האָט דאָס טרײַבל מיר גערעדט אַנטקעגן:
דער נומער איז אַ פֿאַרגרײַזטער,
איך קאָן דיך נישט.

האָב איך דיר אַ בריוו אָנגעשריבן,
איטלעך וואָרט באַזונדער אויסגעצירקלט,
איך קוק אויף צוריק געקומענעם קאָנווערט —
קאָן איך דיך טאַקע מער נישט גרייכן?

וועגן דיכטער משה שטיינגאַרט זע אויף זייט 139.

יעקוב גוטפריינד

יידישער ווידערשטאַנד אין בעלגיע

אין דער אַטמאָספער, פון טעראָר, טראַגישע אילוזיעס און צערודערונג, איז רײַף געוואָרן די יידישע אַנטי־נאַצישע באַוועגונג אין בעלגיע.

דער וועג פון יידן צו ווידערשטאַנד איז נישט געווען קיין גלײַכער, אָפּהענגיק פונעם לאַנד, פון שטאָט צו שטעטל.

ווײַל אויך די פאַרניכטונגס־טאַקטיק פון דער היטלעריסטישער מאַכט, זייערע ראַפינירטע מעטאָדן פון אַרײַנאַרן, אָפּנאַרן, אָפּטעמפּן די וואַכזאַמקייט פון די יידן, עס זאָל נישט דערגיין צו קיין ווידערשטאַנד — זענען נישט געווען קיין גלײַכע.

אַנדערש אין מערב־אייראָפּע און אַנדערש אין מזרח אייראָפּע.

אין די ערשטע מאָנאַטן פון יאָר 1942 אין בעלגיע איז דער ישוב נאָך אַלץ "לעגאַל".

יידן וווינען נאָך אין זייערע לעגאַלע וווינונגען, אָבער די אומזיכערקייט וואַקסט. דאָך, דאָס אַרויסרײַסן די יידן פון זייערע טראַגישע אילוזיעס קומט אָן נישט לײַכט. ווי לאַנג עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן א.ג. "נאָרמאַלע" דיסקרימינאַציעס האָט מען געקענט אָפּקומען מיט אַן "אַבי נישט ערגער". אָבער עס קומט דאָס ערגסטע, ערגער קען שוין נישט זײַן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע פּאַזע פון דער היטלעריסטישער "סטראַטעגיע", די ליקווידאַציע פון ישוב.

די "ענדלעזונג". די דעפּאָרטאַציע.

די ערשטע אויף דעפּאָרטאַציע איז געגאַנגען די יוגנט.

אין די יידישע שטיבן אַ בהלה, אַ פּאַניק, נידערגעשלאָגנקייט, האַרצרײַסנדע סצענעס: יאָ זיך צושטעלן — נישט זיך צושטעלן. אפשר אַזוי אַרום אָפּראַטעווען די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער?... די יידישע אַנטי־נאַצי באַוועגונג רופט די יידן זיך נישט צו צושטעלן צו דעפּאָרטאַציע. נישט גלויבן דעם "יודנראַט", נישט גלויבן אין זײַן אויפרוף, מעג ער זײַן אונטערגעשריבן פונעם הויפּט ראַבינער פון בעלגיע, אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אַרבעטס־לאַגערן.

לײַדער האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וועלכע האָבן זיך נישט צוגעהערט צום רוף פון די אַנטי־נאַצי־קעמפער. די טראַגישע אילוזיעס האָבן פאַרפירט, פאַרפירט ביז... אוישוויץ. עס האָט זיך געפאָדערט נישט איין באַוואָפנטער אַרויסטריט פון די יידישע פאַרטיזאַנער, דירעקט קעגן דעם "יודענראַט", אַז די יידן זאָלן אויפ־געטרייסלט ווערן, אַרויסגעפירט ווערן פון דער דאָזיקע אַזוי טראַגישער אילוזיע.

1942, אַ הייסער יולי־טאָג אין בריסל.

אין אַ בית־קאַפע אין איינע פון די זײַטיקע בריסעלער געסלעך זיצן 3 יידן בײַ אַן אָפּגעזונדערט טישל. דרײַ יידן אין די דרײַסיקער, פאַרטראַכט, געשפּאַנט. איינער פרעגט דעם צווייטן: דו ווייסט גאָרנישט?... נאָך וואָס האָט "ער" אונדז דאָ אַרויסגערופן?... און אָט קומט "ער" אָן, דער קאָמענדאַנט. ער זעצט זיך גלײַך צו. די שפּאַנונג וואַקסט, באַלד דערהערן זיך שטילע, דעצידירטע ווערטער:

חברה, מיר האָבן דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז אין איינע פון די לאָקאַלן פון "יודענ־ראַט", אויף בולוואַר דע מידי, אַנטקעגן דעם הויז פון דער קאַטאָלישער יוגנט, וואָס איז געווען באַזעצט דורך דער דײַטשער וועהרמאַכט ווערט צוגעגרייט אַ קאַרטאָטעקע מיט אַדרעסן פון אַלע יידן אין בעלגיע, מ'דאַרף שוין צוטרעטן צו אַן איבערפאַל אויפן הויז און פאַרברענען די רשימות פון די יידן.

די געשפּאַנטקייט לאָזט אָפּ. די פּנימער שײַנען אויף...

קען דען זײַן אַ וויכטיקערע אַקציע...

אַ קורצער און פּראַקטישער מיינונגס־אויסטויש: די צאָל פּאַרטיזאַנער, יעדנס אויפגאַבע און, פאַר אַלעמען, ווי אַזוי זיך אַרײַנצוקריגן, גישט ציענדיק די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער גאַס, און ווי אינעווייניק באַהערשן שנעל די לאַגע.

צוויי טעג שפּעטער אין אַ נאָכמיטאָג קלינגען אָן אין טויער פון דער דערמאָנטער געבײַדע צוויי פּאַרטיזאַנער נישט מיט קיין יידישן אויסזען און באַפעלן אין דײַטש דעם לײַטער פון דער ביוראָ צונויפנעמען אַלע באַאַמטע אין איין צימער. ווען אַלע זענען פאַרזאַמלט אויף איין אָרט ווערט זיי דערקלערט וועמען זיי האָבן פאַר זיך און דעם ציל פון דעם וויזיט...

אין צווישנצייט גליטשן זיך אַרײַן נאָך צוויי מיט פלעשער בענזין און טרעטן באַלד צו צו דער מלאָכה. זיי נעמען צונויף די קאַרטאָטעקע מיט אַלע איבעריקע פּאַפּירן אויף איין אָרט און אין אייניקע סעקונדעס שטייט אַלץ אין פלאַמען.

איינציקווייז נעמט די חברה זיך אַרויסשאַרן בײַ דער דעקונג פון צוויי פּאַרטי־זאַנער, וועלכע האַלטן וואָך בײַם הויז.

דער דאָזיקער איבערפאַל איז געווען אַ וויכטיקע און ערנסטע וואָרענונג פאַרן "יודענראַט" און פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איבערצורײַסן מיט די אַזוי טראַגישע אילוזיעס.

פיל יוגנטלעכע פון צווישן אָנגאַזשירטן אַפּאַראַט האָבן זיך גענומען דערווײַטערן. אין די רייען פון "יודענראַט" איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל פּאַניק. אָבער... לײַדער. אין מאַלינער זאַמל־לאַגער האָבן זיך שוין געפונען די ערשטע עטלעכע טויזנט יידן צום טראַנספּאָרט.

דאָך, ווען נישט דער אַנטי־נאַצישער כוח. דער פּאַרטיזאַנער־קאַמף, די טעטיקייט פונעם קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די יידן און, גאָר באַזונדער, וואָס איז ווערט אונטערצושטרײַכן: די הילף פון דער ווײַט גרעסטער טייל פון דער בעלגישער באַפעלקערונג, וואָלט אין בעלגיע קיין 50 פּראָצענט פון דעם יידישן ישוב זיך

נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון די היטלעריסטישע תליינים. בעלגיע איז אפשר דאָס איינציקע לאַנד ווו אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, מיט דער הילף פון אַ שטאַרק פאַרקאַנספּירירטן און קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען צענדליקער איבערגעגעבענע מיט מסירות נפש אַקטיוויסטן, ספּעציעל פרויען — איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן און אָפּצוראַטעווען העכער דריַי טויזנט יידישע קינדער.

יעקוב גוטפֿריַינד

געבוירן אין 1909טן יאָר אין וואַרשע. טראַדיציאָנאַלע יידישע דערציונג און זעלבסט־בילדונג. געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער. פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט ווערט ער אַרעסטירט דורך דער פּוילישער סאַנאַציע־רעגירונג. זיצט אין פאַרשידענע טורמעס (1927—1932). פון יאָר 1938 וווינט ער אין בעלגיע אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט.

אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע — אָרגאַניזירט ער און פירט אָן מיט אַ יידישער פאַרטיזאַנען־איינהייט. נאָך דער מלחמה — רעדאַקטאָר פון אַ לינקער צייטונג אין בעלגיע א.נ. ״לעבן און שול״. פאָרזיצער פון דער ירושלימער אָפּטיילונג פון פאַרבאַנד — יידישע פאַרטיזאַנער — און אַנטי־נאַצי־קעמפער. סעקרעטאַר פון קולטור־קלוב ״צוותא ביידיש״.

נחמן ראַפּפּ

אויפן אַכטן שטאָק

(פֿון די שפּיטאָל-לידער)

די טויבן
אויפֿן פּאַראַפּעט פֿון פֿענצטער
זענען עלנט.
דורך דער ברייטער שויב
טרינקען זיי דעם שטאָל
פֿון פֿאַרלאָשענע אויגן
אָנשטאָט פֿריידיקע קערנער.
ווי דער וואָס אויפֿן קאַלטן בעט
אָן חלומות
שרעקט זיי די שרעק
פֿון בערג קעגנאיבער.
דער טאָג וועט אַוועק
און זיי וועלן אַוועק אין דעם וועג
וואָס וועט טראָגן געוויין
אין געזעגנטע שטיבער.
דער אָדלער אין פֿלי

*

דער אָדלער אין פֿלי
איבער בערג
לעשט מיט די פֿליגל
דעם פֿײַער פֿון ווײ.
באַלד וועט נידערן אַ וואָלקן
און אָנטאָן די בערג אַ קרוין
פֿון נאַכט.
אויפֿציטערן וועט אַן איינציק ליכט
אַ קראַנק אויג אין גלי.
דערנאָך וועלן ליכטער זיך צעשטעלן

צווישן ביימער
יאָרצײַטן נאָכן טאָג.
די בערג װעלן שװײַגן
צו די, וואָס וועלן פֿאַרשוויגן
אויפֿן אַכטן שטאָק.

*

אַ כישוף-שפּיל
שפּילט דער ווינט אויף בערג
פֿון יענער זײַט פֿענצטער.
אויפֿן אַכטן שטאָק.
ער וויגט די ביימער
אָן אַ קול
שאָטנס אין מיטן העלן טאָג.
שטום געלעכטער פֿון ווינט
לאַכט צום בעט
פֿון האָפֿענונג קראַנקער.
אַלץ חלומדיק און
קלאַנגלאָז.
דער פֿייגל-פֿלי
און שטום געלעכטער פֿון ווינט.
בײַם פֿענצטער פֿאַרמאַכטן
וויקלען שאָטנס זיך פֿאַרנאַכטיק
פֿאַרוואַנדלען קראַנקן זקן
אין אַ קינד.

*

די יונגע שוועסטער האָט צוויי הענט
מיט טרייסט.
און ליפּן רויקע וואָס קענען
שווײַגן.
זי קילט דעם הייסן שטערן
פֿון האָפֿענונג וואָס לעשט זיך
אונטער טרייסט פֿון אירע הענט
אַנטקעגן שווײַגן
פֿון איר מויל.

האָפֿענונג וואָס לעשט זיך
זעט נישט אירע אויגן
דורך אַ שפּליטער פֿון אַ טרער
וואָס שטייט אין ווינקל אויג
אין גליוער
איז נישט צום זען
די אויגן פֿון דער יונגער שוועסטער
וואָס באַהאַלטן אויס
דעם פֿיבער.

משה שטיינגאַרט

געבוירן אין יאָר 1912 אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי (פּוילן, לובלינער געגנט). צוויי יאָר געלערנט אין דער סאָקאָלאָווער ישיבה. איבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין יאָר 1927. געלערנט אין פּאַבליק־סקול, אין אָוונט האַי־סקול און אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. דעביוטירט אין דער זאַמלונג "צוזאַמען" (1933). זיך באַטייליקט אין די "ליטעראַרישע בלעטער", "פֿרייַע אַרבעטער־שטימע", "יידישע וועלט" (פֿילאַדעלפֿיע), "צוקונפֿט", "המשך־אַנטאָלאָגיע" און אַנדערע צייַטשריפֿטן. אין בוכפֿאָרם: "אַליין" (1950, פֿאַרלאַג "טינט און פֿעדער", טאָראָנטאָ, קאַנאַדע), "אין דרויסן פֿון דער וועלט" (פֿאַרלאַג ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק 1978).

מאיר שליט

וועגן שמעון אַנ-סקי

אַ קאַפּיטל זכרונות געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַן פֿריינדין חוה אַרטנבערג-לעשצינסקי

ווען די ענטוזיאַסטישע אידעאַליסטן צמח, טשעמערינסקי און זייערע חברים זענען צוגעטראָטן צום גרינדן דעם ערשטן העברעישן טעאַטער אין דער וועלט דווקא אין דער רויטער מאָסקווע, האָבן זיי זיך געווענדעט צום נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן ביאַליק מיט אַ ביטע: — ילמדנו רבינו, זאָגט אונדז, גרויסער דיכטער, פֿון וואָס זאָלן מיר אָנהייבן — פֿון וועלכן ליטעראַרישן ווערק זאָלן מיר שאַפֿן די ערשטע גרויסע נאַציאָנאַלע פֿאָרשטעלונג אין אונדזער העברעישן טעאַטער?

האָט זיי ביאַליק געענטפֿערט: — אין דער העברעישער ליטעראַטור איז נאָך, צום באַדויערן, אַזאַ ווערק נישטאָ; אין דער יידישער — יאָ: דאָס איז ״דער דיבוק״ פֿון ש. אַנ־סקי. איך זעץ איבער דאָס ווערק אין העברעיש און דאָס זאָל זײַן דער גרונטשטיין פֿון אונדזער העברעישן נאַציאָנאַלן טעאַטער לנצח-נצחים!

ויהי כן. און אַזוי איז דאָס געווען. און ביאַליק האָט צוגעגעבן:

— דער העברעישער טעאַטער דאַרף זײַן דער עיקר אַ טעאַטער פֿון נבואישן פּאַטאָס, פֿון פּאַטאָס פֿון הייליקייט, פּאַטאָס פֿון קדושה.

און אַזאַ איז געווען די דראַמע ״הדיבוק״ פֿון ש. אַנ-סקי, וועלכע איז פֿון כתב־יד איבערגעזעצט געוואָרן דורך ביאַליקן אין העברעיש און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ערשטער זאַמלונג ״התקופה״ פֿון באַרימטן ״שטיבל״־פֿאַרלאַג.

ווער־זשע איז געווען שמעון אַנ־סקי?

איך האָב געהאַט די זכיה זיך פֿערזענלעך באַקאַנען מיט שמעון אַנ־סקי (סימאָן אַקימאָוויטש ראַפּאָפּאָרט), דעם באַוווּסטן רוסיש־יידישן שרײַבער, געוועזענעם רוסישן רעוואָלוציאָנער־״נאַראָדניק״ און גרויסן יידישן פֿאָלקלאָריסט נאָך ווען איך בין געווען אין עלטער פֿון 12 יאָר. ער איז דעמאָלט געקומען אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן פֿון פּעטערבורג קיין בערדיטשעוו און אין נאָענטסטן שטעטל פּאָגרעבישץ. זײַן ציל איז געווען אויספֿאָרשן דעם אוראַלטן בית־הכנסת אין דעם דאָזיקן שטעטל, אַ בית הכנסת געבויט בלויז פֿון האָלץ מיט אַ צווייגאָרנדיקן דאָך. דאָרט איז אויך געווען אַן אוניקאַלע מנורה, וועלכע ס׳האָט אויסגעשניצט פֿון איין שטיק ציין, פּינקטלעך לויט דער פֿאָרם פֿון דער מנורה אין משכן על פּי תורת משה, אַן אומבאַוווּסטער פֿאָלקס־קינסטלער מיטן נאָמען ברוך. וויסנשאַפֿטלער

האַלטן, אַז די פּאַגרעבישצער מנורה איז געווען די איינציקע אין דער וועלט. אין בית הכנסת האָט זיך אָפּגעהיט אויך אַ פּנקס מיט פאַרצייכענונגען פון 1612טן יאָר אָן, אין וועלכן עס ווערט דערציילט ווי אַזוי באַגדאַן כמיעלניצקיס באַנדעס האָבן אין יאָר 1648 (שנת ת״ח) אויסגעקוילעט אין שטעטל כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

ש. אַנ־סקי האָט אין אַ קורצער צײַט אַרום באַשריבן די דאָזיקע פאָלקלאָרישע אוצרות מיט הויכער וויסנשאַפטלעכער קאָמפּעטענטקייט אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע און אין אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס.

בײַ אונדזער שטוב איז געשטאַנען אַ הויכער מענטש פון מיטעלן עלטער מיט בלויע גוטע אויגן. דער סטאַראָסטע פון שטעטל, ר׳ אַלטער, האָט מיר געזאָגט:

— גיי מיט דעם פעטער צום שמש ר׳ איציק, נעם בײַ אים דעם שליסל פון דער קאַלטער שול, זײַ דאָרט וויפל מען דאַרף און טראָג דערנאָך אָפּ דעם שליסל ר׳ איציקן.

דער פעטער האָט מיך וואַרעם אַ גלעט געטאָן דאָס פּנים און געזאָגט: גייען מיר. ווען מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען אין ריזיקן בית־המדרש און אַנ־סקי האָט דערזען זײַנע אוצרות, איז ער צעטומלט געוואָרן, געבליבן שטיין שטום אויף דער שוועל און פון זײַנע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט ער אָנגעהויבן לייענען און פאַרשן זייער גענוי די באַצירונגען אויף די ווענט און אויף דער הויכער סטעליע, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די מזלות פון די חודשים. 12 חודשים — 12 בילדער. באַזונדערס ערנסט האָט ער אויסגעפאָרשט די אוניקאַלע מנורה.

אַזוי האָט דער גרויסער פאָלקלאָריסט געאַרבעט אומדערמידלעך דרײַ טעג. ער האָט אָן אויפהער געצייכנט, געשריבן, פאָטאָגראַפירט.

נאָך דער דייטשישער אָקופּאַציע איז פון דעם דאָזיקן בית המדרש נישט געבליבן קיין שום זכר... ווען די נאַציסטן האָבן אין האַרבסט פון 1941 פאַרנומען דאָס שטעטל פּאַגרעבישץ, האָט דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן ס.ס., אַ וויסנשאַפט־דאָקטער, באַפוילן פאַרוואַנדלען די שול אין אַ פערדשטאַל. דער אַלטער שמש ר׳ איציק, וואָס איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג מיט אַ ספר־תורה אין די הענט, וועלנדיק דערמיט באַשיצן דעם בית־המדרש, איז צעטראָטן געוואָרן דורך די פערד, וועלכע זענען לויטן באַפעל פון דעם זעלבן וויסנשאַפט־דאָקטער אַרײַנגעטריבן געוואָרן אין שול גאַלאָפּירנדיק, און ווען די דײַטשן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָבן זיי דעם בית־המדרש פאַרברענט. אויף דעם פּלאַץ זענען נאָך דער מלחמה אויסגעבויט געוואָרן פיל נײַע הײַזער, און ווען מיר האָבן געוואָלט אין זומער 1972 פאַר אונדזער אָפּפאָרן פון רוסלאַנד געפינען לכל הפחות דאָס אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען דער בית־המדרש, איז דאָס געווען אוממעגלעך. מיר האָבן אַפילו ניט געפונען דעם שטיין, בײַ וועלכן אַנ־סקי האָט פיל שעה׳ען געשריבן און געצייכנט; דער שטיין, אויף וועלכן דער אויסגעהאַקטער אויפשריפט האָט דער־

ציילט, אַז אין שנת ת״ח האָבן כמיעלניצקיס באַנדעס אויף דעם אָרט געשאָכטן אַ חתן מיט אַ כלה, ווען זיי זענען געקומען שטעלן אַ חופה לעבן די ווענט פון דער שול.

אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר דעם שטיין גערופן — אַן־סקיס שטיין...

— — —

...מײַ פון 1917. רוסלאַנד האָט נאָך געפײַערט דעם זיג פון דער דעמאָקראַטישער פּעוורואַל־רעוואָלוציע. קיינער האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט אין אָקטאָבער. באַזונדערס פייערלעך איז געווען בײַ אונדז אויף דער יידישער גאַס. אין קיעוו איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלאוקראַינישע ציוניסטישע קאָנפערענץ. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. די זיצונג האָט געפירט, איצט שוין אויך אַ לעגענדאַרישער, אליעזר קאַפּלאַן, דער אָנפירער פון ״צעירי־ציון״ אין אוקראַינע, און דערנאָך — דער ערשטער (און אפשר אויך דער בעסטער) פינאַנס־מיניסטער פון מדינת ישראל. שטענדיק אַ רויקער און באַטראַכטער, האָט ער דאָס מאָל פלוצים איבערגעריסן די זיצונג און אויפגערעגט געמאָלדן:

— חברים, איך האָב דעם כבוד אײַך צו מעלדן, אַז צו אונדזער קאָנפערענץ איז געקומען צו גאַסט איינער פון די גרעסטע תלמידי־חכמים פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער דור — שמעון אַן־סקי. שלום לו!

דער גאַנצער זאַל האָט שטייענדיק באַגריסט אַן־סקין מיט רעשיקע אָוואַציעס. און פאַר מיר איז דער גאַסט געווען באַזונדערס טײַער, ווי דער ״פעטער״, מיט וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה פריער מיט 9 יאָר פאַרברענגען צוזאַמען עטלעכע טעג אין איינעם פון די עלטסטע בתי־כנסת אין רוסלאַנד.

אין זיין באַגריסונג צו דער ערשטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין דעמאָקראַ־טישן רוסלאַנד האָט דער געוועזענער רוסישער ״נאַראָדניק״, דער מחבר פון דער ״שבועה״ — די מאַרסיליעזע פון די יידישע אַרבעטער אין יענער צײַט, דער מחבר פון דער היסטאָרישער פיעסע ״הדיבוק״, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פון העברעישן טעאַטער ״הבימה״, דער אויסערגעוויינלעכער פאָלקלאָריסט שמעון אַן־סקי געזאָגט, מיט גרויס אויפרעגונג און מיט טרערן אין די אויגן:

— מײַנע טײַערע פרײַנד און חברים! איך בין גליקלעך צו בענטשן ״שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״, ווען די רוסישע ציוניסטן, די קעמפער פאַרן רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אויף דער ערד פון זייערע אָבות, קענען זיך באַגעגענען און באַהאַנדלען זייערע ווײַטערדיקע פּלענער. איך באַגריס אײַך פון טיפן האַרצן און ווינטש אײַך פיל הצלחה אין אייער היסטאָרישן געראַנגל. איך בין מיט אײַך! איך און די חברים פון מײַן דור — בויגן פאַר אײַך דעם קאָפּ! תחי הציונות!

די יוגנט האָט אַרומגערינגלט אַן־סקין פון אַלע זײַטן. מען האָט אים פאַר־וואָרפן מיט פראַגעס וועגן זײַן רײַכן עבר און ווײַטערדיקע פלענער. ער האָט פאָטערלעך און מיט ליבע געענטפערט אויף אַלע פראַגעס.

צום סוף בין איך אויך צוגעגאַנגען צו אים, ער האָט מיר תיכף דערקענט און מיר האָבן לאַנג גערעדט וועגן אונדזער בית־מדרש און זיינע רייכטימער.

— ווען ער זאָל געוווּן וויסן וואָס פאַר אַ סוף עס וועט זיין פון דעם הייליקן אוצר ?

— — —

— ווען ער זאָל געוווּן וויסן, וואָס עס וועט טרעפן מיטן אַלטן שמש ר׳ איציק זכרונות לברכה, ווען ער דער שמש, וועט זיך פּרוּוון צו פאַרטיידיקן זיין אַלטן בית־המדרש מיט דער ספר־תורה אין האַנט ?...

אָבער דאָס איז געשען פיל שפּעטער אין די צייטן פון דער היטלער־אַנשי־קעניש...

ירושלים, 9 אָקטאָבער 1980.

*

יידישע קולטור-געזעלשאַפט אין ירושלים

פוילן אָן יידן...

אַזוי האָט באַצייכנט זיינע איינדרוקן פון אַ באַזוך אין פוילן דער פריינד יצחק הרכבי. ליכט־בילדער וועגן היינטצייטיקן פוילן האָט באַוויזן און קאָמענטירט פּרופ׳ ד. ווידעצקי. דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין היכל שלמה.

*

אַ פּאָר שורות וועגן אהרן מערכער ז״ל

(צו זײַן ערשטער יאָרצייט)

שוין פאַראיבער אַ יאָר זינט דער זייער טאַלענטירטער קינסטלער אהרן מערכער האָט אונדז פאַרלאָזט. שוין אַ יאָר צייט.

אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אַ סך פריער ווי ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן זיינע אַ אויסשטעלונג אין צוותא־קלוב, תל אביב, דעם 2טן אויגוסט 1973.

דער דיכטער אבא קאָוונער האָט דעמאָלט גערעדט מיט פיל באַגייסטערונג וועגן קינסטלער און וועגן זיינע בילדער.

אַ גרופּע פריינד זענען מיר דעמאָלט אומגעגאַנגען פון צימער צו צימער, באַקוקט און באַטראַכט די אויסגעשטעלטע און אויסגעהאַנגענע אייל־בילדער, אַקוואַרעלן, צייכענונגען און עס האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ זייער אָריגינעלער קינסטלער אין אָט די אַלע ביז גאָר פיינע און סובטעלע צייכענונגען און מאַלערייען צו שלום עליכמס ״טביה דער מילכיקער״, ״מנחם־מענדל״ און ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״, און נאָך מער אין די פּאָרטרעטן פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער און קינסטלער, טראַגישע פּאָרטרעטן. עס האָט זיך געדאַכט אַז עס טריפן פון זיי טראָפּנס בלוט.

מערכער איז מיט דער צייט געוואָרן מיינער אַ שכן אין קיראון און איך בין געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין זיין אַטעליע.

מיט דער צייט האָב איך געקענט און פאַרגעדענקט דאָס מינדסטע שטריכעלע פון יעדער בילד זיינעם. — — — — — —

מיר קומען אָפט אַריין צו זיין אלמנה, צו דער זייער איידעלער פרוי רחל שמעלצינגער און צוזאַמען קוקן מיר אויף די בילדער, די אויפגעהאַנגענע אויף די ווענט און... שווייגן.

זאָלן אָט די עטלעכע שורות מיינע זיין אַ קרענצל קוויטן אויף זיין קבר צו זיין ערשטן יאָרצייט.

שמשון ליוועראַנט

*

מ. חסיד / מאָנטרעאַל

אליהוס פייערדיקער וואָגן

די גויים האָבן אַלץ פֿון מיר אַרויסגעטראָגן,
עס גייט זיי נאָך מײַן פּוסטע שטוב.
נאָר וואַנקע קערט זיך אום פֿאַמעלער מיטן וואָגן —
ער מוז נאָך מיטשלעפּן דעם גרוב.

דער אַלטיטשקער קאַשטאַנען-בוים
וואַרפֿט דאַרע ריטלעך
שקציש-בייז אַראָפּ מיר אויפֿן קאָפּ.
אַ וועלט מיט הונגער קוקט צו מיר אַרויס
פֿון דעם פֿאַרסאַזשעטן משפּחה-טאָפּ.

דאָס אויג פֿון אייבערשטן
הענגט אין דער לופֿטן
פּחדים רויט,
עס קען זיך מער ניט צומאַכן
פֿון גאָלע שטוינען
בײַם סאַמע טויער פֿון דעם
טויט.

אפֿשר בין איך גאָר אַצינד מחויב
זיך זעצן מיט אַ שערבל קראַצן
די בײַסנדיקע ווונד
אַזוי ווי איוב.
דער שטן וועט מיך בײַקומען גאָר לײַכט
דאָס מאָל —
בײַ וואָס זיך האַלטן ?

פֿון טרייסטנדיקע פֿרײַנד ניטאָ קיין שפּור,
געבליבן ערגעץ שטעקן אין אַ לאַנד אַ קאַלטן.
וואָס וואַרטסטו, נאַכט,

גיב מיר אַן אות, אַ רמז,
נעמט אָט אַזוי איצט טאָגן ?
צי האָבן גויים גאָר פֿאַרשלעפּט
פֿון פּוטערפֿאַס
אויך אליהוס פֿײַערדיקן וואָגן ?

איבערבעטן

עס לעקט מיך מוטערלעך די צונג פֿון טאָג,
מ׳דאַרף אַזוי, ווײַזט אויס, מיך איבערבעטן.
מ׳רוקט מיר צו אַ שיסעלע פֿול זון :
— נעם, פֿאַרזוך נאָר פֿונעם גרייטן.

איך האַלט מיך אָפּ, ווײַל כ׳זע
מיט שרעק,
עס פֿאָלגט מיר נאָך אַ מאָנענדיקע,
אויסגעשטרעקטע האַנט :
— גאָט, וואָס זאָל איך דיר נאָך געבן ?
עס בלוטיקט אויס מײַן פֿאָלק איצט
אויף דײַן וואָג —
און פֿינצטער איז מײַן גלייבן.

שפּעט, מסוכן שפּעט
איז דיין-אמת
מיט דיר זיך סתּם אַרומצוקריגן
חושך, הפֿקרדיק און אָן אַ זין
איך טו אויף דײַן משקולת
מיט דיר ליגן.

עס נעמט מיך אײַן און לעקט מיך צאַרט
די מוטערלעכע צונג פֿון טאָג,
(מ׳דאַרף אַזוי, זעט אויס, מיך איבערבעטן)
— וואָס רײַסטו זיך, מײַן זון, אַוועק
פֿון גאָט ?
האָסט דען אַ צווייטן ?

ווען דיכטער מ׳ חסיד אויף זייט 185.

פון "יידישן סאַמיזדאַט".

אַ ביסל אינפאָרמאַציע

22טער באַנד פון יידישן סאַמיזדאַט

דער צענטער פאַר פאַרשונג און דאָקומענטאַציע פון מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום ביים העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט פאַרעפנטלעכט דעם 22טן באַנד פון "יידישן סאַמיזדאַט" (אַליין־אויסגאַבע). דער "יידישער סאַמיזדאַט", ווי אַנדערע פּובליקאַציעס פון דער סעריע "יידן און דאָס יידישע פאָלק", באַמיט זיך "אויפצושטעלן דאָס פולע לעבנס־בילד פון יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד: פון איין זייט, ווי אַט דאָס לעבן איז פאַרגעשטעלט אין דער אָפיציעלער סאָוועטישער פּרעסע, וועלכע שפּיגלט אָפּ די פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער מאַכט אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע און צו מדינת ישראל, פון דער אַנדערער זייט, ווי די יידן זעלבסט באַנעמען דעם תוכן פון יידנטום, די געשיכטע פון אייגענעם פאָלק און זיין קולטור, ווי זיי דריקן אויס די אייגענע באַציונג צו מדינת ישראל". (פון רעדאַקציע־אַריינפיר).

דער 22טער באַנד עפנט זיך מיט דער פאַרשונג פון רות אָקוניעווא וועגן אַנטיסעמיטיזם און מיט איר ווענדונג צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ל. אי. ברעזשניעוו. די פאַרשערין פירט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן די אַרויסזאָגונגען פון די רוסיש־צאַרישע שוואַרצמאַהניקעס, די אידעאָלאָגן פון דייטשישן נאַציזם און די סאָוועטישע מחברים פון אַנטי־ציוניסטישע ביכער. דער אַנטיסעמיטישער אינהאַלט פון אַט די פאַרשידענע אַרויסזאָגונגען פאַלט זיך פולשטענדיק צונויף, הגם די סאָוועטישע "ספּעציאַליסטן" מאַכן ערטערווייז דעם כלומרשטן אָנשטעל אַז זיי האָבן אין זינען נאָר דעם ציוניזם . . .

אין באַנד קומען אויך אַריין צוויי זאַמלונגען א.נ. "אונדזער עברית" אונטער דער רעדאַקציע פון די מאָסקווער עליה־אַקטיוויסטן פּאַוועל אַבראַמאָוויטש און דיאַנאַ זיסערמאַן די דאָזיקע זאַמלונגען זענען געווידמעט פראַגן פון שפּראַך־געשיכטע, אַקטועלע פּראָבלעמען פון דערלערנען עברית א.ד.ג.

דער באַנד ווערט געשלאָסן מיטן צוואַנציקסטן זשורנאַל "יידן אין פסטר" (רעדאַקציע פון וויקטאָר בראַילאָווסקי און יורי געלפאַנד) וואָס אַנטהאַלט מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע און רעליגיע פון "יידישן פאָלק, פּראָזע־ווערק (שמעון יהודה — "חיים יאַנקעלעוויטש", מאַראַט וועקסלער — "סטאַלין — צו מיר!"; אַפאָריזמען פון מ. טוראָווסקי, עסייען, אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען (מיכאל ליפּעצקי — "קאַרל מאַרקס

און יידן״; ס. לוקין — ״ווידער וועגן ציוניזם״; דניאל פיש — ״אַ ביסל סטאַטיסטיק״ און אַנד.). ס׳קומען אויך אַרײַן בריוו און דאָקומענטן. כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז צווישן די הונדערטער מחברים פֿון אַנטיציוניסטישער (אַנטיסעמיטישער) ליטעראַטור, וועלכע פֿיש ברענגט אין זיין ״אַ ביסל סטאַטיסטיק״ וואַרפֿן זיך דורך אַ גאַנצע רייע ״היימישע״ משומדים. יידישע קאָלאַבאָראַנטן פֿעלן נישט — אָנהייבנדיקן מיט אהרן ווערגעליסעס ״בריוו פֿון אייראָפּע״, וואָס האָט זוכה געווען צו איבערזעצונגען אין אַ מאַסן־טיראַזש נישט נאָר אין רוסיש — אויך אין ענגליש, פֿראַנצויזיש און שפּאַניש און ענדיקנדיק מיט משה בעלענקיס עם־האַרצישע פֿאָרשונגען וועגן תלמוד און ״יהודיזם״...

ווי אין די פֿריערדיקע נומערן פֿון אַלמאַנאַך ברענגען מיר אויך איצט אייניקע ״סאַמיזדאַט״־פּובליקאַציעס איבערזעצט פֿון רוסיש.

אַן קאָמענטאַרן

1. וו. ביעגון וועגן ביאַליקן...

״...פֿאַרענדיקט די ישיבה, איז ביאַליק אַריבערגעפֿאָרן קיין אָדעס, ווו באַווירקט דורך אחד העם, איז ער צוגעשטאַנען צום ציוניזם. אין אָדעס איז ער געווען לערער פֿון העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור, געהאַנדלט מיט וואַלד און אין צווישנצײַט זיך פֿאַרנומען מיט פּאָעזיע.

...דער פּאָעט, אויסגעכאָוועט אין גײַסט פֿון דער גמרא און באַווירקט פֿון דער ציוניסטישער אמונה, רופֿט צו דעמאָראַליזירן פֿעלקער, שעדיקן זיי, פֿאַרניכטן אַל דאָס ליכטיקס און רייִנס צווישן זיי, אויסנוצנדיק צוליב דעם די באַליביקסטע מיטלען.

...צו הײַנטיקער צייט פּראָפּאַגאַנדירן ברייט די ציוניסטן זײַנע רישעות־דיקע ווערק. זיי האָבן אים דערהויבן צום ראַנג פֿון אַ קלאַסיקער.

...אונדז, דערצויגענע אויף די דערהויבענע און הערלעכע פּרינציפּן פֿון סאָציאַליסטישן הומאַניזם, איז שווער אַפֿילו זיך פֿאַרצושטעלן אַזאַ מין חושכדיקן אָבסקוראַנטיזם און נידערטרעכטיקייט.

אַזאַ מין וועלט־אַנשויונג קען מען מיט רעכט באַצייכענען אַלס פֿאַשיסטישע.״ (זייט 52—54)

״...די הויכע און הומאַנע פּרינציפּן פֿון דער סאָוועטישער קולטור זענען אין ווידערשפּרוך צו אַל דאָס תנ״כישע, שאָוויניסטישע, מענטשנפֿײַנטלעכע אין דער יצירה פֿון אַזעלכע, למשל, ליטעראַטאָרן־ציוניסטן, ווי חיים נחמן ביאַליק.״

וו. ביעגון, ״די אינוואַזיע אָן געווער״, 1979. מאָסקווע.

2. און מאַקסים גאָרקי...

וועגן ח.-נ. ביאַליק

ס'איז שווער צו ריידן וועגן אַ גרויסן פּאָעט. ס'איז כמעט נישט מעגלעך איבער־געבן מיט גענוגנדיקער קלאָרקייט דאָס אַלץ, וואָס זײַנע לידער רופן אַרויס אין דער נשמה דײַנער. פאַר דעם וויכער פון געפילן, וועלכן זיי דערוועקן, איז דאָס וואָרט, בדרך כלל, הילפלאָז. פאַר מיר איז ביאַליק — אַ גרויסער דיכטער, אַ זעלטן שלימותדיקע פאַרקערפּערונג פון זײַן פאָלקסגײַסט. פאַר מיר איז ער פּונקט ווי ישעיהו, מײַן מיינסטנס באַליבטער נביא און פּונקט ווי איוב — אַ זיך ראַנגלענדיקער מיט גאָט.

ווי אַלע רוסן קען איך שלעכט די ליטעראַטור בײַ יידן, נאָר אויף וויפל איך קען זי, דוכט זיך מיר, אַז דאָס פאָלק ישראל האָט נאָך נישט פאַרמאָגט, נאָך נישט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פּאָעט פון אַזאַ מעכטיקייט און שיינקייט.

אין דער רוסישער שפּראַך פאַרלירן ביאַליקס לידער, וואַרשיינלעך, אַ העלפט פון זייער קראַפט, געשטאַלטלעכקייט, אָבער אויך דאָס וואָס אונדז צײַגן די איבער־זעצונגען, דערלויבט אונדז שפּירן די שיינקייט פון ביאַליקס צאַרנדיקער דיכטונג.

דו תליין, דאָ האָסטו\
מײַן האַלדז — קום און שעכט!\
קעפּ ווי אַ הונט מיך — דו האָסט דאָך אַ האַק און אַן אָרעם!\
אַ גאַלגאַן פאַר מיר איז די וועלט שוין פון יאָרן,\
און מיר זענען ווייניק — איז רעכט!\
הייב די האַק, זעץ אין קאָפּ און זאָל שפּריצן דאָס בלוט,\
בלוט פון יונג און פון אַלט אויף דײַן העמד —\
און זאָל קיין מאָל ניט אָפּגעווישט ווערן.\
(יידיש — י. י. שוואַרץ)

אַזוי קען ריידן בלויז אַ מענטש פון אויסשליסלעכער גײַסטיקער גבורה, אַ מענטש פון הייליקן צער און צאָרן, און — דערוועקן זאָל אַט דער צאָרן די ווירדע פון פאָלק דורך דעם פלאַמיקן דיכטער־האַרץ.

דאָך, ווי אַלע באַדײַטנדיקסטע פּאָעטן, איז ביאַליק אַלמעגנטשלעך, און ווען דו לייענסט אייניקע פון זײַנע לידער, איז ביז צו יאוש לײַדסטו שוין ניט פאַרן ייד, נאָר פאַר דײַן אייגן פאָלק און פאַר זיך אַליין.

אין דעם טאָג אין דעם גרויסן פון גרויזאַמען דין\
צווישן אײַך ניט געבוירן וועט ווערן דער זון\
פון מעשים פון גרויסע דער ליכטיקער מאַן,\
וועמענס פײַער אין ברוסט ווי אַ בליץ וואָלט אַרײַן,

ווערעמענס אויגן ווי שטערן, וואָס לײַכטן אין וועג,
ווער סע אָטעמט מיט האַס אין גערעכטן געשלעג,
דער ריטער פון אמת, פון יושר, פון רעכט
וואָס דאָס קנעכטישע גורל אין שלאַכטפעלד ער ברעכט.
אַ מאַן, ווערעמענס צער ס'וואָלט ניט ווערן געשטילט
און מיט רחמים צו אײַך ווי דער ים זײַן פאַרפילט.
מיט ליבשאַפט וואָס שטורעמט אַריבער דעם ים
צווישן דאָרשטיקע שריפות אין בלוטיקן פלאַם
און זײַן קול וואָלט געדונערט פון חושך און בראַנד:
"הייבט זיך אויף!" —
נאָר ניט קומען צו אײַך וועט דער מאַן...

(יידיש — י. ק.)

און ווײַטער:

עס גייט אונטער דאָס פאָלק,
זײַן געמיט איז פאַרשקלאַפט.
ס'האָט זײַן אַרבעט קיין ווערט, און זײַן אויפטו — קיין האַפט.
יאָרן טויזנטער גלות פון ווײ און פון לייד
האָבן אויסגעצערט אים און זײַן האַרץ אָפּגעטויט.
קען דער איינער, געוווינט צו דער שטראָפנדער האַנט
נאָך דערשפּירן די לייד פון נשמה און שאַנד?

(יידיש — י. י. שוואַרץ)

אָט די ווערטער פון גרויסער פאַרצווייפלונג פאַלן ווי צעגליטע קוילן נישט נאָר אויפן האַרץ פון דעם ייד, נישט נאָר...

אַלס איינע פון די שטאַרקסטע פּאָעמען ביאַליקס שטעלט זיך מיר פאָר זײַן "שחיטה־שטאָט", וואָס שטראָפט אָנרחמנותדיק דעם הענקער און מיט רעכט דעם קרבן, וואָס איז אין הכנעה פאַרן הענקער. דורך ביאַליקס האַרץ זענען אַדורך אַלע פּײַניקונגען פון זײַן פאָלק און דאָס האַרץ זײַנס איז טיף און קלינגיק ווי אַ גרויסער גלאָק. זײַן צער און צאָרן דריקט ער אויס מיט שטראָפנדיקע רייד פון אַ נביא, נאָר אים איז אויך נישט פרעמד דאָס פּראָסטע, דאָס האַרציקע, דאָס מענטשלעכע: ווען ער קען אַנטפּלעקט ער זיך אַלס ווונדערלעכער ליריקער. ער איז בכלל אַ ברייטהאַרציקער, אַן עכטער מענטש, ווערעמען ס'איז קיין זאַך ניט פרעמד אויף דער וועלט. ער האָט ליב זײַן פאָלק ביז צו פאַרצווייפלונג, ער רעדט צו דעם מיטן לשון פון אַ נקמה־נעמער, באַליידיקט עס, שרײַט אויף דעם...

אָבער דאָס איז דער צאָרן פון אַ ליבנדיקן, דער גרויסער צאָרן פון אַ פאָלקס־האַרץ, ווײַל דער פּאָעט איז דאָס האַרץ פון זײַן פאָלק. דורך דעם שטורעם פון

צאַרן, פון פּײַן און בענקשאַפט שלאָגט זיך דורך, ווי אַ העלער שטראַל, די ליבע פון דיכטער צום לעבן, צו דער ערד און זײַן שטאַרקער אמונה אין די גײַסטיקע קרעפטן פון יידנטום.

מיר, — באַזיגער פון גורל,
דער שבט דער לעצטער פון קנעכטשאַפט
דער ערשטער — פאַר פריידיקער פרײַהײַט.

די דאַזיקע אמונה ביאַליקס רופט בײַ מיר נישט אַרויס קיין צווייפל: דאָס פאָלק ישראל איז אַ פאָלק פון שטאַרקן גײַסט, — אָט האָט עס געגעבן דער וועלט נאָך איין גרויסן פאָעט...

מ. גאָרקי

(פון יידיש־רוסישן זשורנאַל ״יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ נומ. 14—15. 1916)

דער יידישער סאַמיזדאַט וועגן ראָמאַן

פֿון אַ. ריבאַקאָוו "שווערער זאַמד"

דער ראָמאַן "שווערער זאַמד" איז פאַרענפֿנטלעכט געוואָרן אין דריי נומערן פון זשורנאַל "אָקטיאַבער" פאַרן יאָר 1978. דאָס ווערק האָט דערפֿאָלג. ס'איז אָנגעשריבן לעבעדיק אין אַן אונטערקויפֿנדיקער פאַרטרוילעכקייט פון אַ מאָדערנעם דערציילער. ס'ווערט דאָרט געשילדערט אַ שטאָט אין טשערניגאָווער גובערניע, וואָס איז ווייניק־וואָס ענלעך צו שלום־עליכמס שטעטלעך. דאָ לעבן, בעיקר, יידישע האַנט־ווערקער — שוסטער, מילנער, קצבים — זיכערע אין זיך, אין זייער מאָרגנדיקן טאָג, — מענטשן שטאָלצע. זיי זענען מעסיק אסימילירט. לעבן איבערגעמישט מיט אוקראַינער, ווייַסרוסן, דייַטשן, פּאָליאַקן, די אַלע מענטשן ווירקן ווי ס'איז איינער אויפֿן אַנדערן, טיילן זיך מיט עפּעס גוטס, אויך מיט שלעכטס, ווייסן די נויטן איינער פון אַנדערן, פאַרשטייען טיף איינער דעם צווייטן; כ'קלער אָבער פון דעסט וועגן — נישט אויף אַזוי פיל, אז יידן זאָלן אַליין, לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, זיך אָוועקשטעלן בויען אַ קלויסטער צוליב דער סאָלידאַריטעט מיט די פּראָוואָסלאַוונע, וועלכע האָבן, נעבעך, נישט ווו זיך צו מאָדליען.

קלאָר, אַז ריבאַקאָוון ווילט זיך זייער אַרויסשטעלן זייַנע יידן גאַנץ ענלעך צו די פּראָוואָסלאַוונע. ער מאָלט זיי עפּעס ווי אַזעלכע זאַדירעס (וואָס זאָגן זיך ניט אָפּ צו פאַרטשעפּען "וועמען מען דאַרף"), האַרבע, נאָר מיט אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט.

"ווי וועלן מיר זיך צערעכענען, ניטשיפאָר — און דער זיידעשי דערלאַנגט אים אַזוי, אַז ניקיפאָר פליט פאַלנדיק אויף דער ערד און פון מויל און נאָז רינט בייַ אים בלוט..." — נישטאָ וואָס צו זאָגן — אַ גאַנץ אָנגענעם בילד פאַר אַ יידן! אמת, ריבאַקאָווס העלדן דערלאַנגען נישט נאָר אין די מאָרדעס, גנבענען מיידלעך, רייַטן אויס ווילדע פערד... זיי קלערן ניט נאָר וועגן "אויסטרינקען און פאַרבייַסן", זיי פאַרליבן זיך, זיי זינגען, בויען שולן און אַפילו צערקוועס. נאָר וועגן דעם איז שוין געזאָגט געוואָרן.

אין ראָמאַן זענען פאַראַן ניט ווייניק זייטלעך, וואָס פאַרגעדענקען זיך. גוט איז דאָס געשטאַלט פון חיים יאַהודין — דעם אונטער־אָפיציר אין רעזערוו. די שילדערונג, ווו ער פרישט אָפּ דעם פּראָפעסאָר פון דער שווייץ מיטן "טרויגאַי" אַדעקאַלאָן איז פּשוט מייַסטעריש. ס'פאַרגעדענקט זיך אויך דער פאַריקמאַכער בערנאַרד. אָט דער קלוב אין דער שערערייַ זעט אויס אַבסאָלוט וואַרהאַפטיק. בכלל — כל זמן ריבאַקאָוו באַשרייַבט די געשעענישן ביז דער רעוואָלוציע, באַקומט

זיך אַלץ געוואַגט, מיט שווונג און אַפילו אמתדיק. דו גלויבסט אים. אויך די באַשרײַבונגען פון די ערשטע נאָך־רעוואָלוציע־יאָרן באַקומען זיך אין דער מאָס אומאָפּהענגיק, די ראָלן־פונאַנדערטיילונג צווישן די משפחה־מיטגלידער איוואַנאָוו־סקי־ראַכלענקאָ זעען אויס אין די נײַע אומשטענדן, וואָלט איך זאָגן, איבער־צײַגעוודיק, כאָטש עטוואָס צו ליטעראַריש געבויט. באַזונדערס קינסטלעך זעט אויס דער פּעטער מישאַ, וואָס האָט באַפרייט דרײַ מענטשן, פּאַרמישפּטע צום שיסן, און באַצאָלט פאַר דעם מיט זײַן אייגן לעבן. אָן אײַנדרוק, אַז וועגן דעם האָסטו שוין ערגעץ געלייענט, און נישט איין מאָל. אויך די פאַרזאַמלונג, ווו ליעוו שטעמפּלט אַליעסן, זעט אויס קענטלעך.

זאָגן דאַרף מען, אַז אונטערשיידן ווו ס'איז אין ראָמאַן אמת און ווו ס'איז געמלאָכהעט אָדער אַפילו איבערגעמלאָכהעט, איז גאָר ניט אַזוי שווער. דער מחבר, ווי ס'דוכט זיך, פּרוּווט זיך אַפילו נישט אויסבאַהאַלטן מיט דעם, גלײַך ווי ער וואָלט זאָגן: "נו יאָ, דערפאַר איז אָן אַנדער אָרט — לויטער אמת..."

און אַזוי גאַנץ אינטריגירנדיק (אַ מאָל בעסער און מאָל ערגער) באַוועגט זיך די דערציילונג ביז צו דעם אָרט, ווו ס'הייבט זיך אָן די טייל, וועלכע מע קען באַדינגלעך אָנרופן "געטאָ". און ווידער דערקלערט אונדז פּאַרלויפיק דער מחבר אַליין — ער איז דאָרט נישט געווען. אַלץ וואָס אים איז באַוווסט — איז דורך מענטשן, פון זייערע רייד. "בײַ מיר האָט זיך געשאַפן, פאַרשטייט זיך, נישט קיין פול, גאָר יעדנפאַלס וואָרהאַפטיק בילד פון דעם, וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט מײַנע אייגענע..." דאָס איז אַזוי, גאָר ערגער איז עפּעס אַנדערש, ווען ער זאָגט: "וואָס קען מען דערגאַנצן צו דער געשיכטע פון געטאָ, וואָס איז שוין באַשריבן געוואָרן אין הונדערטער ביכער! אומעטום איז געווען אַלץ איינס: מע האָט געמוטשעט די מענטשן, געפּײַניקט זיי און דערנאָך פאַרניכטעט. וואָס קען מען צו דעם צוגעבן?"

מיט דעם, זעט איר, טאָר מען בשום אופן נישט מסכים זײַן. צוגעבן דאַרף מען. באַשריבן געוואָרן איז שפּאָט ווייניק, באַזונדערס אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור — פאַרברעכעריש ווייניק *.

און דאָך איז דער דאַנקבאַרער יידישער לייענער גרייט צו וויינען, לייענענדיק אַפילו די פּנימלאָזע געטאָ־סעצענס בײַ ריבאַקאָוון! באַזונדערס בײַ דעם אָרט, ווו ס'ווערט באַשריבן דינעס אומקום. דאָך לויגט זיך נישט אַזוי מיסברויכן מיט דער שאַרפקייט פון דער טעמע. נו, און טאַקע, צוליב וואָס האָט רחל באַדאַרפט זיך צעשווימען, צעגייען זיך אין דער לופט? (!) צי דען איז ניט פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע פאַנטאַסטישע סיטואַציעס זענען דערלאָזבאַר אין דער ליטעראַטור בלויז אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיי זענען נויטווענדיק ביז צום ראַנד. און דאָ — די מינדסטע ניט פּינקטלעכקייט, אַ פּיצעלע פאַלשקייט — און אַלץ גייט צו גרונד.

* ס'גייט פאַרשטייט זיך אַ רייד וועגן דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד (איבערזעצער).

ס'איז נישט באַגלייבלעך און קיין שום דערקלערונגען ("פאַנטאַזיע? מיסטיק? — מעגלעך...") העלפֿן נישט — דו גלויבסט נישט און פּטור.

דאָס, וואָס עס גיט זיך איַין מאַרקעסן אין זײַן ראָמאַן "הונדערט יאָר איינ־זאַמקייט", באַקומט זיך ניט אין ריבאַקאָווס "שווערער זאַמד". ס'באַקומט זיך אַפילו ערגער פון די "אַרײַנוואַרפעניש" וועגן רוסן און יידן. יענע באַטראַכטונגען קען מען כאָטש פּראָסט אויסטײַטשן מיט קאָניונקטור. זיי פּרעטענדירן אַפילו נישט אויפן אמת. נו, זאָגט אַליין: "אין קיין שום גאָט האָב איך ניט געגלויבט און גלויב נישט" (געפונען מיט וואָס זיך צו באַרימען!) "אַ רוס, אַ ייד, אַ ווײַסרוס — פאַר מיר איז נישט פֿאַראַן קיין אונטערשייד. די סאָוועטישע מאַכט האָט מיך דערצויגן אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט. מײַן פרוי גאַלינאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז אַ רוסישע. מיר האָבן שוין אָפּגעלעבט מיט איר דרײַסיק יאָר, און ביַי אונדז זענען דרײַ זין פֿאַראַן, אויסגעצייכנטע יאַטן, און כאָטש זיי זענען פאַרשריבן אַלס יידן, נאָר זיי קענען ניט קיין יידיש לשון, נאָר רוסיש, געבוירן אין רוסלאַנד, חתונה געהאַט פאַר רוסישע און מײַנע אייניקלעך, הייסט עס, זענען רוסן (?) און בײַ אַלע אונדז איז איין היימלאַנד — רוסלאַנד".

דאָ קלינגט יעדעס וואָרט ווי אַ רעטעניש און ס'ווילט זיך טאַקע פרעגן בײַ ריבאַקאָוון, וואָס באַטײַט בכלל בײַ אים דער באַגריף "ייד"? דאָס, וואָס איז פאַרשריבן אין פּאַספּאָרט? איז וואָס זשע, דער אויטאָר ווייסט גאַרנישט, אַז יידן נעמט מען נישט אָן אויף אַרבעט, לאָזט מען נישט צו זיך לערנען אין געוויסע הויכשולן. און אויב ער ווייסט יאָ, און געוויס ווייסט ער, טאָ וואָס זשע האָקט ער אַ טשײַניק?

און ווי האָט זיך דאָס פון דעסט וועגן אַזוי אויסגעדרייט, אַז די אייניקלעך זענען אַרויסגעקומען רוסישע? זיי האָבן דאָך אויך געמעגט פאַרבלײַבן יידן, וואָס פאַר אַ חילוק? — דאָס היימלאַנד איז דאָך בײַ אַלעמען איינס — רוסלאַנד, און דערצויגן זענען זיי דאָך אַלע ווי אינטערנאַציאָנאַליסטן. יאָ, צײַטנווײַז איז דאָס פּאַרט אַ גאַנץ אומפאַרשעמט ווערק!

שווער, נישט מעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אַז אַזוינס וואָלטן געקענט אָנשרייבן טשינגיז אײַטמאַטאָוו, ראַסול גאַמזאַטאָוו, פיזיל איסקאַנדער*. דאָרט גילטן נישט אַזעלכע ספּעקולאַטיווע דריידלעך — אין קירגיזיע ווינען קירגיזן, דאַגעסטאַן האָט זיך אירע נאַציאָנאַלע שטריכן, בײַ די אַבכאַזער — זייער אייגן פּנים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויך איסקאַנדער שרײַבט אויף רוסיש.

וואָס זשע האָט פּאַרט געטראָפן? פאַר וואָס איז ריבאַקאָווס בוך שיער ניט קיין "בעסטסעלער"? און ס'דערמאָנט זיך דאָס יאָר 1952 און אפשר דאָס 51טע. מיט איין וואָרט — די זעלביקע יאָרן. איינס נאָכן אַנדערן זענען שוין אויפגעדעקט געוואָרן "יידישע אָרגאַניזאַציעס". מיכאָעלסן האָט מען דערמאָרדעט. ס'הילכט דער

* דריי באַוווּסטע סאָוועטישע שרײַבערס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן — אַ קירגיז, אַ דאַגעסטאַנער, אַן אַבכאַזער.

"ענין פון די דאָקטוירים", וואָס פאַר אַ צײַטונג דו בעמסט ניט איז דאָרט פאַראַן דער שעדעוועד — אַ פעליעטאָן וועגן ייִדן... ס'פּויזען קלאַנגען, אַז מען האָט שוין פאַרגרייט ספּעצלאַגערן פאַר אונדז. אַרום און אַרום — געשפּרעכן: ייִדן זענען מערדער, ייִדן האָבן קיין מאָל ניט מלחמה געהאַלטן, ייִדן האָבן זיך אויס־באַהאַלטן, ייִדן — שיער וואָס זיי מאָרדן נישט קיין קריסטלעכע זויגקינדער. און פּלוצים — אַ, סאַראַ נס, אָ, סאַראַ פרייד! — ערענבורגן האָט מען באַלוינט מיט דער פּרעמיע! "איר האָט געהערט? ערענבורגן האָט מען געגעבן די סטאַלין־פּרעמיע? נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בײַ אים איז אײנער פון די העלדן — אַסיף — אַ ייִד!" און ייִדן האָבן זיך צעטענצלט פון גרויס נחת.

ס'קען זיך מאַכן, אַז אויך איצט געשעט עס אַזוי?

ל. לעוויטין

פון איבערזעצער:

ס'איז אַודאי נישט קיין ווונדער, וואָס גלײַך פון זשורנאַל "אָקטיאַבער", (אַן אויסגאַבע וואָס טראָגט אַ בולט שוואַרצמאהדיקן כאַראַקטער), איז "שווערער זאַמד" איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "סאָוועטיש היימלאַנד". צו אונדזער צער זענען שוין אַוועק אין דער אײביקייט די וווּנדערלעכע ייִדישע פּראָזאַיקער ווענדראָוו, איציק קיפּניס; ס'איז פרי דאָרט אַוועק פון דער וועלט דער טאַלאַנט־פולער נתן זאַבאַרע, די איבעריקע, — צו לענגערע יאָרן זיי, — יוסף ראַבין, שירה גאָרשמאַן, ירמיהו דרוקער און אַנד. איז דערלויבט צײַטנווײַז אַרויסצוטרעטן מיט נאָסטאַלגיע־דערציילונגען, אָבער זיי אײַלן זיך עפּעס נישט מיט קיין הײַנט־צײַטיקע ראָמאַנען...

נישטאָ, נישטאָ מיט וואָס צו פאַרווײַסן דעם גוישן באָרשטש פון "סאָוועטיש היימלאַנד", ס'וועט שוין שווערער אַרויסשטעלן דאָס כשרע חזיר־פיסל.

איז דען אַ חידוש, וואָס דער אַנטי־ייִדישער זשורנאַל מיט ייִדישע אותיות האָט אונטערגעכאַפּט ריבאַקאָוון? און ס'האָט זיך, ווײַזט אויס, געלוינט, ווײַל אויך בײַ אונדז, אויף דער פרײַער וועלט, האָבן אײניקע ייִדישע צײַטונגען אויפגעכאַפּט ווי עפּעס אַ יקר המציאותל ריבאַקאָווס "שווערער זאַמד" און מיט גרינגשאַפט עס צעלייגט אויף טעלערלעך...

אַך, אַך, און ייִדן האָבן זיך צעטענצלט פון גרויס נחת! ס'איז, מיין איך, דעריבער כדאי, אַז אונדזער ייִדיש־לייענער זאָל אויך וויסן די מיינונג, וועלכע ס'ברענגט מוטיק אַרויס אײנער פון די באַטייליקטע אין ייִדישן "סאַמיזדאַט".

ל. פּ.

*

אַרעסטירט ד״ר בראַילאָווסקי — רעדאַקטאָר פֿון ״יידישן סאַמיזדאַט״

(מיטטיילונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט לטובת די יידן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד)

דער קיבערנעטיקער ד״ר וויקטאָר בראַילאָווסקי, זײַן פרוי אירינאַ — דאָקטאָר אין מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, ביידע געבוירענע אין 1935 און זייער זון לעאָניד — געבוירן אין 1961 ווי אויך אירינעס מוטער, האָבן אין אָקטאָבער 1972 אײַנגעגעבן פּאַפּירן עולה צו זײַן קיין ישראל און זיי האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג. אויך האָט מען זיי, וויקטאָרן און אירינען אַרויסגעיאָגט פון זייערע אַרבעטספּלעצער.

די קינדעריאָרן פון זייער טאָכטער דאַליאַ, געבוירן אין 1974, זענען ביז הײַנט פאַרבײַ אין אַן אַטמאָספער פון הויז־זוכונגען און קאָנפיסקאַציעס נישט נאָר פון דאָקומענטן, בילדער, בריוו נאָר אַפילו פון אירע שפּילעכלעך.

ווען אין 1976 האָט מען וויקטאָרן (אָן אירינען) צוגעזאָגט דערלויבן אַרויס־צופאָרן פאָרן פרײַז פון עדות זאָגן קעגן שטשעראַנסקי, האָט ער, פאַרשטענדלעך, זיך אָפּגעזאָגט.

אין 1978, ווען דער פּרעזידענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, ווו אירינע האָט געאַרבעט, האָט דערקלערט, אַז ער איז נישט קעגן איר אַרויספאָר, האָבן זיך ווענן דעם דערוווסט פּראָפ. קראָסקאָל פון פּרינסטאָנער אוניווערסיטעט און פּראָפ. פרימאַן פון נאָרטוועסטן און דאָך האָט די משפּחה ווײַטער באַקומען אָפּזאָגן.

פון 1977 שטייט ד״ר בראַילאָווסקי בראש פון וויסנשאַפטלעכן סעמינאַר, וואָס פלעגט פאַרקומען יעדע וואָך אין זײַן הויז אין מאָסקווע. דער דאָזיקער סעמינאַר, וואָס איז טעטיק פון 1972, האָט זוכה געווען צו אַ הויכער אָפּשאַצונג מצד דער מערבדיקער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט.

דעם 13טן נאָוועמבער 1980 ווערט בראַיאָלווסקי פאַרהאַלטן און אײַנגעזעצט אין דער טרויעריק־באַרימטער בוטירקי. ער ווערט באַשולדיקט אין באַשמוצן די סאָוועטנמאַכט אין רעדאַגירן די צײַטשריפט ״יידן אין ראַטנפאַרבאַנד״, וואָס איז געווען געדרוקט אויף אַ שרײַבמאַשינקע פון 1972טן יאָר אָן. די 20 נומערן, וועלכע זענען דערשינען, פאַרנעמען זיך מיט יידישער קולטור, יידישער געשיכטע און יידישן דת. אַלץ טעמעס ניט קיין פּאָליטישע.

פון 24סטן נאָוועמבער 1980, 11 טעג נאָך בראַילאָווסקיס אַרעסט, האָבן די סאָוועטן צום ערשטן מאָל זינט אַכט יאָר פאַרבאָטן די אײַנגייער אין בראַילאָווסקיס הויז דורכצופירן דאָרט די אָרדנטלעכע סעמינאָרן.

דער אַרעסט פון בראַילאָווסקין איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר די עליה־אַקטיוויסטן אין ראַטנפאַרבאַנד און האָט אויפגערודערט די מערב־וועלט.

שרײַבער און ווערק

חיים גראַדע

ירושלים

(פֿראַגמענט)

מיט יונג און אַלט, מיט אַשכּנזים און מיט פֿרענקען
בין איך אַרויף אויף דײַנע בערג, אינאײנעם בענקען
צו יענער גורל-וואַנט מיט גראָז אין אירע שפּאַלטן,
די וואַנט פֿאַר איטלעכן זײַן פּנים צו באַהאַלטן.
און ניט מיט ביטערניש; מיט פֿרייד אין אונדזער בענקשאַפֿט
האָט אונדזער בליק געזוכט אויף יענער זײַט, אין ענגשאַפֿט
פֿון קלויסטערס און מעטשעטן — אונדזער אויסגעווײנטע,
אין טרערן אַ פֿאַרשלײערטע און אַ באַהנטע.
און פֿון דעם ציון-באַרג, די אָפּגעהיטע פֿעסטונג,
וואָס שטייט בײַם גרענעץ גרייט אויף גרויזאַמער פֿאַרמעסטונג,
האָב איך געהערט דעם שפּיל פֿון בית-המקדש-סטרונעס
אין תּחום פֿון אַלט-שטאָט און ניט ייִדישע אמונות.

ירושלים, גאָר דײַן שיינקייט צו דערקענען,
באַדאַרף איך נעענטער צו זיך אַליין געוועגנען.
צוריקקומען צו דיר, איז נאָך אַ לאַנגן גלות
אַרויסגיין אויפֿן מילכוועג צווישן די מזלות.
צוריקקומען צו דיר, איז גיין דורך אַלע לענדער
און טרעפֿן איטלעכן בײַ זײַן בית-המדרש-שטענדער,
און ניט, חלילה, מיט אַ שמעלץ-טאָפּ דיך פֿאַרגלײַכן,
און אויך ניט מיטן ים, וואָס שלינגט אַרײַן די טײַכן.
צוריקקומען צו דיר, איז בלײַבן שטיין פֿאַרוואונדערט
און קוקן ווי דײַן איטלעכער ביימל לויכט באַזונדער,
און ווי עס לאָזן זיך אַראָפּ די האָריזאָנטן
צום ים המלח אין אַ שבתדיקן אָנטאָן.

נחמן ראַפּאַפּ

צו די הויכן פון אַ נאַציאָנאַלן משורר

ווען חיים גראַדע איז דערשינען אין דער יידישער ליטעראַטור, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָבן בלויז ביבליאָגראַפן געקענט אָפּמערקן, אַז עס איז דערשינען אַ נייַער יונגער דיכטער. ווייל באַלד ביי זיין דערשיינען מיטן לידערבוך "יאָ" האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ רייַפן דיכטער, און דאָס פון אַ גרויסן איינדרוקספולן פאָרנעם, אַן וועלכן עס איז שפּור פון אָנהייבערישקייט, וואָס עס כאַראַקטעריזירט אַ יונגן דיכטער ביי זיין אָנהייב. חיים גראַדע איז אַראָפּ, אַזוי צו זאָגן, אויפן באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור ווי איינער פון די נפילים, וואָס מיט זיין גרויס און פאָרנעם באַהערשט ער תיכף זיין פאָרדינטן אויבנאָן, ווי אַ נאַטור־אויסנאַם וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייַכן.

שוין זיין ערשט לידערבוך פאַרבליפּט, נישט נאָר מיט דער דיכטערישער אַבסאָ־לוטער רייַפקייט, נאָר אויך מיט דער באַהאַנדלטער טעמאַטיק און דער ספּעציפישער גראַדישער טראַקטירונג פון דער טעמע. ער, דער יונגער דיכטער חיים גראַדע, ווייס שוין וועגן דער דאַליע וואָס דער יידישער גורל האָט צוגעטיילט און באַשטימט פאַר אַ יידישן דיכטער. אָנשטאָט יוגנט־חלומות און אַבסטראַקטע אומקלאָרע ליבע־בענקשאַפט ווייסט גראַדע צו באַטאָנען גורלדיקע באַשטימונגען פאַרן יידישן דיכטער: "ווי די עפּל פוילן אין די קאַשיקעס אין מאַרק, פוילן מיינע יאָרן אינעם שענק און מיינע ביכער ביים פאַרלעגער". אַזוי זינגט אַ דיכטער, וואָס איז שוין היפּשלעך מיד פון שווערן גאַנג איבער די וועגן און אומוועגן פון דער יידישער ליטעראַטור. און נאָר דאָס שאַרפע אויג פון דיכטער־פילאָזאָף גראַדע קען באַמערקן, שוין ביים סאַמע אָנהייב די גורלדיקע באַשטימטקייט וואָס קייטלט זיך אין דורות.

אָבער שוין דעמאָלט האָט חיים גראַדע ווי פאַר זיך באַשטימט זיין דיכטערישן וועג. די קאַפּיטלען "יחזקאל" אין דערמאָנטן בוך, ווי ער שטייט ביים טייַך כבר, ווערן פאַרוואַנדלט פאַרן דיכטער אין אַ מייל־שטיין אָנצוצייכענען זיין וועג אין דער ליטעראַטור. אַ וועג, וואָס וועט אים שפּעטער דערפירן צו די הויכן פון אַ נאַציאָנאַלן משורר.

צוויי גרויסע ליבעס לעבן און געדייען אין דיכטער חיים גראַדע: די ליבע צו זיין פאָלק, צו זיין סביבה ירושלים דליטא, און די ליבע צום פאַרגייער און מיט־צייטלער זיינעם — דעם משורר פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג חיים נחמן ביאַליק. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז חיים גראַדע גייט דורכויס אין די פוסטריט פון העברעישן משורר. דווקא ביי אים, ביי ביאַליקן, געפינען מיר אַ רייַכע גאַמע פון פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן, בפרט אין זיינע יידיש־שאַפונגען. גראַדע דאַקעגן

איז געווען און פֿאַרבליבן דער שטרענגער בת־קול פֿון זײַן צעשטורעמטער תּקופֿה, דער באַזינגער און באַקלאָגער פֿון יידישן זײַן און יידישן אומקום. אָבער קיין מאָל איז גראַדע נישט געווען קיין מוכיח; קיין שטראָפֿער, ווי ביאַליק האָט דאָס געטאָן אין זײַן עיר ההריגה, ווײַל צו פֿיל איז חיים גראַדע פֿאַרפֿליישט אין די רמ״ח איברים פֿון זײַן אומה, צו פֿיל האָט ער מיט איר מיטגעליטן און מיטגעטרוימט, ער זאָל זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מוכיח בשער, אָנשטאָט זײַן דער באַזינגער פֿון די יידישע שיינקייטן, פֿון וועלכע ער איז געפֿאַנגען ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין נאָוואַרעדאָק — דערציילט גראַדע — האָט מען געשמועסט אַז מען האָט שוין דאָרט געשאָכטן דעם יצר הרע. ווייסט מען דאָך, אַז דעם יצר הרע איז אוממעגלעך צו שעכטן, ווײַל אָן אים — דערציילט אונדז די גמרא, וועט די וועלט קיין קיום נישט האָבן. אָבער צוגלײַך מיט צמח אַטלאַס, באַרעט זיך אויך חיים גראַדע מיט זײַן יצר הרע און דער קאַמף צווישן זייביידן ענדיקט זיך קיין מאָל נישט. ער וועט בענקען צו זײַן געליבט מיידל און וויסן אַז די דאָזיקע בענקעניש איז אַ זינד. ער וועט פֿאַרכישופֿט ווערן פֿון זײַנע שמועסן מיטן חזון איש און תּיכּף נאָך דעם וועט דער קומענדיקער דיכטער פֿאַרכאַפּט ווערן מיט אַלע זײַנע חושים פֿאַר דער שיינקייט פֿון דער וואַלדיקער לאַנדשאַפֿט. אָן אייביקער קאַמף וואָס דער יונגער למדן פֿירט מיט זיך אַליין, מיט זײַן יצר הרע, וואָס ווײַזט זיך לסוף אַרויס ווי דער אינספּיראַטאָר פֿון זײַן אויסערגעוויינלעכער מײַסטערישער שעפֿערישקייט.

איצט שמועסן מיר וועגן חיים גראַדע דעם בן שבעים. אויף זײַן ביכער־פּאָליצע שטייען זײַנע צענדליקער ספֿרים, ראָמאַנען, נאָוועלן, דערציילונגען און לידער. ליטעראַטור־פֿאָרשער וועלן האָבן פֿולע הענט מיט אַרבעט בײַם אָפּשאַצן יעדעס ווערק באַזונדער פֿון אָט דעם גרויסן דיכטער און פּראָזע־מײַסטער. זיי וועלן דאָרט געפֿינען נשמה־פּאַרטיפּאַטקייט פֿון אַ דיכטער מיט אַ גרויס צעשטורעמט האַרץ און נאַציאָנאַלע פֿונדאַמענטאַלקייט, פֿון אַ דיכטער אַ תּלמיד חכם, וואָס בליקט אין ווײַטקייט פֿון דורות און לאָזט נישט אַרויס פֿון אויג זײַן אייגענעם דור, אַ דורכ־געבלוטיקטן אין אַלע שריפֿות. אָבער אין אַלע, אָן אויסנאַם, פֿון זײַנע ווערק וועלן זיי געפֿינען דעם רויטן פֿאָדעם וואָס גייט זיי דורך — דעם גוואַלדיקן שעפֿערישן אומרו פֿון אַ גרויסער קינסטלער־נשמה, וואָס טראָגט אויס אַלע זײַנע ווערק אין געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט זײַן יצר, וואָס שטויסט אים צו יצירה.

השונא הגדול שיש לך בעולמך הוא היצר — זאָגט זיך אין מוסר־ספֿר מסילת ישרים. דער דיכטער חיים גראַדע איז ווי אַ לעבעדיקער פּונקט פֿון אָט דעם מוסר־ספֿר. ער ווייסט אַז מיט אָט דעם יצר דאַרף מען זיך אַ לעבנלאַנג ראַנגלען און מען טאָר אים אפֿשר גאָרניט בײַקומען. ווײַל ער, אָט דער יצר, איז עס דער אינ־ספּיראַטאָר, יענער קיזל־שטיין, פֿון וועלכן חיים גראַדע שלאָגט אַרויס זײַנע פֿײַער־דיקע שורות, סײַ פֿאַר זײַן ליד און סײַ פֿאַר זײַן פּראָזע. חיים גראַדע איז בכן דער אורשפּרונג פֿון דער שעפֿערישקייט אַליין, דער געלײַטערטער ניצוץ פֿון דער געטלעכער יצירה, וועלכע גראַדע באַווײַזט צו צעבלאָזן אין אַ פֿלאַם.

יידישע פּאָעטן, פאַרגייער און מיטצײַטלער פון חיים גראַדע, האָבן אָנגעהויבן זייער דיכטערישן וועג מיט צעכראַסטעטע העמדער און צעווינטיקטע שעוועליורעס. פרילינגן און ליבע־בענקשאַפטן זענען בײַ זיי געווען די ערשטע שטאַפּלען צו זייער שפּעטערדיקער רײַפער שירה. נישט אַזוי חיים גראַדע. אויך ער, גראַדע, האָט זײַן ״ערשטע ליבשאַפט״. אָבער דאָס איז: ״דו האַרבסט איילפאַרביקער, צעפלאַקערט אין מײַן לײַב, וועקסט אויף אין מײַן געמיט דעם ווײ פון קינדער־יאָרן. איך הער אַ שטים וואָס רופט צוריק מיך אין מײַן קינדערצײַט, דאָס רופט מיך עמאַ״. און עמאַ איז דאָס קראַנקע מיידעלע וועמען די מאַמע שרײַבט מאָרגן אויס פון שפּיטאָל און רעדט זי אײַן אַז זי וועט געזונט ווערן אין שטוב. סאַראַ באַנגלעכע עלעגיע אין אָט אַזאַ ליבע! די ציטערדיקע מאַמע פון חיים גראַדע זאָרגט זיך מיט אַ קול פול צער און טרערן: ״ווײ צו מײַנע יאָרן, דו מישסט די בלעטער, מישסט — און ווערסט אַלץ בלייכער, ווי דו וואָלסט דײַן געלעכטער דאָרט פאַרלאָרן. אין ביכער ביסטו ווי אין זאַמד פאַרגראָבן״. (מײַן מאַמעס צוואה). חיים גראַדע פאַרווײַלט זיך נישט מיט לייענען ליטעראַטור, נאָר לערנט אַ בלאַט ליטעראַטור ווי אַ בלאַט גמרא און אַליין איז ער צו דעם דער בעל התוספות. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן דיכטערישן באַוווסטזײַן גרייט ער זיך צו דעם, וואָס ער האָט צו זינגען און צו זאָגן, און אָט דער געבענטשטער זיווג קומט צום פולן אויסדרוק אין די ברייט־פאַרנעמיקע ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס דער דיכטער האָט אײַנ־געשײַערט אין משך פון זײַן באַוווסטזיניק לעבן.

ווען עס וועט אויסקומען אָפּצושאַצן יעדעס ווערק באַזונדער פון חיים גראַדע, וועט מען ערשט קענען דעם ברייטן וועלט־פאַרנעם און דעם יידישן וועלט־אָרומנעם פון חיים גראַדע. איצט, צו זײַנע זיבעציק, לאָזט זיך זאָגן מיט געפּאַדערטן צמצום: דער דיכטער חיים גראַדע וואָס האָט אָראָפּגענידערט אין דער וועלט פון יידיש־יצירה האָט זי באַוויזן אויפצוהייבן צו דער הויכקייט פון די שטערן און מיט דעם אַליין זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטערן אויף די ברייטע הימלען פון פּאָעטישן געזאַנג.

ליבער חיים גראַדע,

מיר זענען זיכער אַז אַ גוט־האַרציקע ברכה, בפרט נאָך פון ירושלים, איז תמיד צו דער צײַט און אויב מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט איז נישט צוליב אונדזער שולד...

איז נעמט צו אונדזערע באַגריסונגען צו אייערע 70 ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר:

די רעדאַקציע און אַלע מחברים פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ באַגריסן מיט ליבשאַפט און פאַרערונג אונדזער גרויסן דיכטער און פּראָזע־מײַסטער חיים גראַדע און ווינטשן אים אַל דאָס גוטס אין לעבן און אין שאַפן.

ירושלימער אַלמאַנאַך

ישורון קשת

בנימין שלעווין

אַ שרייבער פֿון צוויי גלות-ספֿערעס

איך וויל דאָ ריידן וועגן אַ שרייבער פון גאָר אַ הויכער מדרגה, וועלכער איז כמעט ווי נישט באַוווּסט דעם עולם אין ישראל און וועמענס אַלגעמיין־יידישע באַדייטונג איז גרויס אין מיינע אויגן. דאָס איז בנימין שלעווין, וועלכער האָט מיט גרויסן שווונג קינסטלעריש אויסגעהאַמערט דאָס בילד פון צוויי גלות־לענדער אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט — אין וואַרשע און אין פּאַריז.

בנימין שלעווין האָט אין זיין שטילן, ברייט־שטראָמיקן באַלזאַק׳ישן רעאַליזם געמאָלט מיט אַ שאַרף אויג און גרויסער ליבע דאָס בילד פון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט — די יידישע קעמפער אין פוילן און אין ווייסרוסלאַנד. די דאָזיקע יוגנטלעכע באַגלייט שלעווין אויף אַלע זייערע וואָנדער־וועגן, אָנהייבנדיק פון דער פּראָווינץ־שטאָט (בריסק דליטא) ביז וואַרשע, פּאָלגט זיי נאָך אין די יידישע געגנטן פון מוראַנאָווער ראַיאָן; מאָלט זייערע געראַנגלענישן אין קאָכעדיקן קעסל פון עקסטרעמיסטישע שטרעמונגען, פון פלאַמיקער בונטאַרישקייט; אויך די אידייאישע שייכות צום ראַטנפאַרבאַנד, צו ביראָ־בידזשאַן, צום בירגער־קריג אין שפּאַניע. שלעווין באַשרייבט זייערע אינערלעכע רייסענישן צוליב די נעכטיקע שאָטנס פון דער צעשטערטער, פאַרלאָזענער היים, וואָס טונקט זיך אין יידישן דלות — די אַזוי גערופענע קליינבירגער, קעגן וועלכע מען דאַרף קעמפן, און צוליבן טאָג־טעגלעכן קאָשמאַר פון גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס דער פּאָליאַק טראָגט אים אין זיך אויך דעמאָלט, ווען ער איז אַ חבר פונעם יידישן אַרבעטער; און שפּעטער, ווען עס ברענט די ערד אונטער די פיס, לאָזט זיך די דאָזיקע בלאָנדזשענדיקע יוגנט אין פאַרשיידענע לענדער, קומט קיין פּאַריז.

אין פּאַריז האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַן עמיגראַנטן־קאָלאָניע פון פליטים, אַנטלאָפענע נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אַנטוישטע אין זייער שטרעבונג צו פאַרברידערן זיך מיט דער לינקער פּוילישער עמיגראַציע אין פּאַריז, אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם, אַרבעטער, בעלי־מלאכות, שניידערס, קליינע פאַבריקאַנטן, אינטעליגענטן; זיי אַלע טראָגן זיך אַרום מיט זייער רעוואָלוציאָנערן עבר; מענטשן, וואָס זוכן לייכטע פאַרדינסטלעך, גלאַט לופט־מענטשן. די דאָזיקע עמיגראַציע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך געזעלשאַפטלעכע טוער. רעשטלעך פון זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, געלאָזן זיך קיין ביראָ־בידזשאַן, קיין שפּאַניע בעתן בירגער־קריג.

נאָך יאָרן וווינען אין פּאַריז, איז שלעווין אַזוי אַרום געוואָרן דער שרייבער פון דער יידישער עמיגראַציע צווישןביידע וועלט־מלחמות. די נייע יידישע אימיגראַציע אין

פּאַריז האָט זיך אין יענע יאָרן דער עיקר קאָנצענטרירט אין ראַיאָן פון בעלוויל, אויפן "פּלעצל" ("די יידן פון בעלוויל"). אין דאָזיקן בוך האָט שלעווין מיט גרויס ליבע געמאָלן "עמך", לינקע יוגנט, וועלכע איז זיך מקריב אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע, פּונקט ווי אין זיין בוך "דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס" מאָלט ער די יוגנט פון וואַרשע און בריסק.

אויב יחיאל האָפּער האָט געשילדערט אין זיינע ביכער דעם מוראַנאָוו, דעם מיטעלן באַלעבאַטישן שיכט, סוחרים, לומדים, חסידים, וואָס די טעכטער זייערע זענען אַ סך מער פאַרבינדן מיט דער פּוילישער קולטור, מיט דער נישט־יידישער וועלט, ווי מיט יידישקייט און יידישע ווערטן, האָט שלעווין געשילדערט דעם זעלבן ראַיאָן פון מוראַנאָוו, עמך, אַרבעטער, וועלכע באַקעמפן די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע באַלעבאַטישקייט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. זאָגט דאָך אין בוך דאָרט איינער אַ שונא־ישראל: "נישט אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, אָבער אַלע קאָמוניסטן זענען יידן".

שלעווינס ווונדערלעכער זכרון, וועלכער שטיצט זיך דער עיקר אויף שאַרפער אָבּ־סערוואַציע, העלפט זיין רעאַליזם צו דערגרייכן אַזאַ ברייטן דיאַפּאַזאָן און פאַרנעם פון שילדערן די בלאָנדזשעענישן און די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פאָלקס־יוגנט אין מזרח־אייראָפּע אין אָנהייב יאָרהונדערט און אין דעם פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות. טויזנטער געשטאַלטן, געשעענישן, סיטואַציעס אין פאַרשיידענע צייטן, אין פאַרשיידענע מקומות שילדערט שלעווין אַזוי אויספירלעך, מיט אַלע פּרטים — אַלץ איז פאַרהיט אין זיין זכרון, אַלץ איז פריש, לעבעדיק, עכט. עס שאַפט זיך איין גרויסער לייוונט, איין בילד, וואָס איז אַ מין קינסטלערישע כראָניק, זייער אַן איבערצייגנדיקע. ס'איז דאָס בילד וועגן איבערגאַנג־דור, דער אָפּפערוויליקער, עקשנותדיקער און אַנטוישטער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט — גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט צו דער געשיכטע פון וואַרשעווער יידן בכלל.

ביי שלעווינען וואַקסט אויס דאָס רעאַליסטישע בילד דורך זיין אומבאַגרענעצטער ליבע, מיט וועלכער ער מאָלט די ברייטע, עפּישע לייוונטן. ער פאַראייביקט דערמיט דעם אומגעהויער שווערן וועג זייערן, די אָרעמקייט אין וואַרשע און אין בריסק. דער רעוואָ־לוציאָנערער גייסט האָט זיי אַרויפגעבראַכט אויף דער סצענע פון דער געשיכטע. זיי זענען אָבער פאַרראַטן געוואָרן, צו שאַנד און צו שפּאָט, פאַרזונקען זיי אין בלאָטע אויף די וואָנדערוועגן, אין אַש פאַרשפּהטע אילוזיעס. נאָר גרויסע ליבע צו דער דאָזיקער יוגנט גיט שלעווינען דעם כוח אַזוי רעאַליסטיש צו צייכענען יעדע געשטאַלט באַזונדער. אָט זעען מיר דאָס יידישע מיידל, אַ חנוודיקע, ענטוזיאַסטישע, אַ פלאַמיקע, מיטן קליינעם, פאַרשפּיצטן גאָמבעלע, מיטן לעקעלע אויפן שטערן. זי איז געקומען קיין וואַרשע פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל, פון אַן אָרעמער אַרבעטער־היים, און איז אַריינגעפאַלן אין קאָכיקן מוראַנאָווער ראַיאָן, נישט ווייט פון פּאַוויאַק, עק געגנשע גאַס. אַהין האָבן זי פאַרשלעפּט ברוטאַלע פּאָליציילייט. זי איז דער באַגייסטערטער פויגל פון סאָוויעטישן גן־עדן, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר דורך די חברים פון דער יידישער אָרעמקייט. זיי זענען פול מיט התלהבות, כאָטש זיי קלייבן זיך שוואַך פאַנאַנדער אין ערנסטע פראַגן. זי שטייט פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ לעבעדיקע. מיר ווייסן גענוי וואָס פאַראַ בלוזע זי טראָגט, פון וועלכן שטאָף איז דאָס קליידל, וואָס זי טראָגט.

אַ זכרון, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן ענציקלאָפּעדיע

פֿון אַ גאַנצער עפּאָכע

שלעווינס זכרון איז ממש אַ רעזערוואַר פון געשטאַלטן און געשעענישן — אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון אַ גאַנצער תקופה; אַ תקופה, אויסגעווייקט אין בלוט און ליידן, אַנטוישונגען, פאַרניכטונג. ער געדענקט מיט אַלע פרטים די ערטער, די וואַגלענישן פון דער יוגנט נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע, אין פּחד פאַר דער שטראָפנדיקער האַנט פון דער געשיכטע: וורעצלאַוו, בריסק דליטאַ, בערלין, פאַריז. אומעטום איז שלעווין אַ בן־בית, ביי זיך אין דער היים. אים איז באַוווסט דאָס הויז ווו מען טרעפט זיך, ער איז וואַכזאַם פילבאַר צו יעדן באַוועג, צו יעדן ציטער, שטימונג פון אָט די יונגע מענטשן, צו יעדן איינעם פון זיי; ווער ס'האָט געקעמפט, זיך אַנטוישט. דורך אַלע זייערע וואַנדערונגען — וואַרשע, ביראָבידזשאַן, שפּאַניע, פאַריז און צוריק קיין וואַרשע; די הייסע שטרעבונג צו אַ בעסערער וועלט, צו סאָציאַלער גערעכטיקייט.

מיט איר שטאַרקער, הייסער אמונה אונטערשיידט זיך נישט אָט די יוגנט, אייגנטלעך, פון זייערע אבות. דאָס איז דאָך די ירושה פון די נביאים, פון די פאַרגלויבטע אין בר בש״ע און אדמור.

און דאָס אַלץ שילדערט שלעווין אין אַ רייכן, פּליסיקן, זאַפטיקן פאָלקס־יידיש, אַ קינסטלערישן. שלעווין האָט אויסגעהאַמערט אַ רעאַליסטיש בילד פון דער יידישער פאָלקס־יוגנט, די פרייהייט־קעמפער און פאַרן דאָזיקן ווערטפולן ווערק זאָל געלויבט זיין דער נאָמען זיינער אויף דור דורות. עס איז זייער געוווּנטשן, אַז די בעסטע ווערק זיינע זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף עברית, כדי זיי זאָלן פאַראייביקט ווערן, פאַרלענגערן זייער קיום.

אַלע אַנטוויקלונגען פון די איבערלעבונגען דורך דער יוגנט — איר באַגייסטערונג און קרבנות־גרייטקייט, איר ביטערע אַנטוישונג און צעבראָכנקייט — אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדזער איינעם אינעם רייכן, עפּישן בילד, וואָס איז עכט און איבערצייגנדיק. צוערשט זעען מיר דעם מוראַשניק פון די עקסטרעם־לינקע צווישן דער פּראָלעטאַרישער יוגנט אין פּוילן, דער עיקר אין וואַרשע. עס זענען דאָ פאַראַן אַנהענגער פונעם סאָוויעטישן רעזשים, וועלכע גלויבן בלינד אין די רייד פון קאַלינין וועגן גן־עדן, וועלכער וועט געשאַפן ווערן אין ביראָבידזשאַן, און זיי ציען אַהין, ווער ווייסט, אפשר גאָר צוליבן צויבער־געדאַנק, אונטערבאַוווסטזיניק, אַז דאָס וועט זיין די לייזונג פאַרן אויסלעבן זיך אַלס יידן.

נאָכן נצחון פון רוסלאַנד אין דער מלחמה האָבן יידן אין פּוילן פאַרנומען אַנגעזעענע פּאָסטנס אין אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן. צווישן זיי זענען געווען ״חברים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון די תפיסות, קאָמוניסטן פון דער אונטערערד, זעלנער, געקומענע פון די שלאַכטפעלדער, פון דער עמיגראַציע, פון די געטאָס, לאַגערן, פּאַרטיזאַנער פון די ווייסרוסישע וועלדער, פון דער רויטער אַרמיי, פון דער קאָשטשושקאָ־דעוויזיע, וועלכע זענען דערגאַנגען ביז בערלין״. (״חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן״, זייט 349).

אין דער צווייטער העלפט פון די 40ער יאָרן איז די לאַגע פון די יידן אין פּוילן פאַר־ערגערט געוואָרן. דער באַהאַלטענער אַנטיסעמיטיזם האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ

און האָט געעפֿנט זיין מויל, אַפילו צווישן די פּאַליאַקן־קאָמוניסטן אַליין. אויך קאָמוניסטישע פירער האָבן געשריגן: "יידן, קיין פּאַלעסטינע". די יידישע טויער זענען דערווייטערט געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס. זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן זיך על חטא, צוליבן ביז איצט אָפּגעפרעמדט זיין פון דער יידישער ירושה און קולטור, אַזוי ווייט, אַז מען האָט מבטל געמאַכט די יידישע שפּראַך אַלס לימוד אין די יידישע שולן, אויסגעשלאָסן יידישע געשיכטע פון די לימודים, נישט אָנערקענט קיין שום יידישן יום־טוב, נישט פאַרשטאַנען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, ספּעציפישע באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. די פּרעסע האָט אויסגעמיטן צו אינפאָרמירן וועגן לעבן פון יידן אין אויסלאַנד, דער עיקר פון ישראל. חבר אהרן, דער געטרייער קאָמוניסט, זעט טאַקע, אַז די רעוואָלוציע דערנענטערט זיך. איינצייטיק אָבער, ווי אַ מענטש, וואָס דענקט, וויל ער באַנעמען דאָס אַלץ טיפער און אַלזייטיק; וויל ער אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס די יידישע קאָמוניסטן טענהן אַלץ, אַז מען דאַרף ניט פלעגן די יידישע קולטור, אין דער צייט, ווען די פוילישע קאָמוניסטן פאַרנעמען זיך מיט באַפרייען פוילן און אַנטוויקלען די פוילישע קולטור.

די נויטווענדיקייט צו עמיגרירן

"דאָס איז דער מינדערוועטיקייט־קאָמפּלעקס — טענהט אהרן — וועלכן מיר פאַרדעקן מיט כלערליי פראַזן. וואָלטן די גוים נישט פאַרשפּאַרט אונז אין די געטאָס, וואָלט זיך נישט געשאַפן דער גייסטיקער אַפּוואַר־פּאַנצער, מיט וועלכן יידן האָבן זיך אָפּגעגרענעצט. די שנאת חינם פון די גוים האָט אונז דערווייטערט פון זיי, האָט אויפגעוועקט אין אונדז די בונטאַרישקייט, וואָס זידט אין אונדז און שטויסט אונדז צו אַלע עקסטרעמען אויף דער וועלט דורך דער פאַרשלאָסענער אַנשיכטונג אין תחום־המושב איז אויסגעבראָכן, אויפגעגאַנגען די פלאַמיקע ענערגיע, דורות לאַנג דערשטיקט, און האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשיידענע פאָרמען: גאונים, פאַלשע משיחים, אויסלייזער, מקובלים, "צדיקים", פּאָעטן־נביאים, שרייבער, אידעאָלאָגן, פּאַרטיי־פירער. פון דאָרט זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי חיים ווייצמאַן, בער באָראָכאָוו און דער חבר זלמן (וועלכער איז געקומען פון דער פראָלעטאַרישער יוגנט און איז דער סימבאָל פון אַ קעמפערישן קאָמוניסט) — דאָס ברענגט אַרויס שלעווין אינעם ראָמאַן "חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", זייט 99.

אהרן, דער קאָמוניסט, וואָס דענקט, הערט זיך צו צום דופק פון זיין דור. אָט הערט ער זיך צו צום שמועס פון יידן און זאָגט פשוט:

"אויך איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, הענגען מיר אין דער לופט. ווער איז, אייגנטלעך, געוועזן אונדזער פראָלעטאַריאַט? קבצנים, וועלכע האָבן גאַרנישט פאַרמאָגט. אונדזערע עלטערן האָבן מיר פאַרמשפּט אויף אומקום: קליינבירגער, אָן עלעמענט, וועלכער געהערט נישט צו קיין שום קלאַס. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אומצוקומען פון אַלע זייטן. זיי האָבן געזוכט גערעכטיקייט ביי אַ העכערן כוח און מיר האָבן זיי אויסגעלאַכט. אַלע זענען מיר פאַרמשפּט אויף אומקום. ס'איז גוזר געוואָרן אויף אונדז צו פאַרלאָזן דעם טויזנט־יאָריקן ישוב אין פוילן. פוילן אָן יידן! דו גייסט איבער טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם,

קיעלץ, גאַרוואָלין, ריקי. מען זעט נישט קיין ייד. דער סאָציאַליסטישער רעזשים פאַר־ענטפערט נאָך גאָרנישט. נישטאָ קיין צוקונפט פאַרן יידישן לעבן צווישן פעלקער, וועלכע אונטערשיידן זיך אוודאי פון אונדז. זיי פאַרטראָגן אונדז נישט, אפילו פיזיש. נישטאָ קיין חכמות, נישטאָ קיין עצה. מיר מוזן לעבן באַזונדער". (זייט 395).

און ס'איז געבליבן, אַז מען דאַרף עמיגרירן. אַ טייל האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, אַ טייל — אין אַנדערע לענדער. ס'איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון פשרה: סאָלידאַריזירן זיך מיט מדינת ישראל און שטרעבן צו אַ פרידלעכן, בשותפותדיקן לעבן מיט די אַראַבער. אָנערקענען מדינת ישראל אַלס אַ היסטאָרישן פאַקט, וואָס פאָדערט נישט קיין שום אויפקלערונגען. (ז' 403).

און ס'האָט זיך געלאָזט אַ שטראָם עמיגראַנטן. ס'האָבן פאַרלאָזן פוילן יידן, אַנטוישטע, געלאָפן פון פחד, פון אומגעדולד. דער שטראָם איז אַלץ מער געוואַקסן. אַ קליינע צאָל איז פאַרבליבן, געטריי זייערע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען. אין יענע יאָרן זענען זיי אַוועק קיין בירָאָבידזשאַן, אַוועק אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע. אין פּאַריז האָבן זיך פיל פאַרהאַלטן און דאָרט געפונען אַ צייטווייליקן אָנהאַלט, געבילדעט אַ טיפּיש־יידישע עמיגראַנטן־קאָלאָניע, האַלב אינטעליגענטן, אַרבעטער, דער עיקר שניידערס, קאַמאַשנמאַכערס, שטריקערס, וועש־נייטערינס, קליינע פאַבריקאַנטן. דאָרט האָבן זיי זיך באַמיט ממשיך צו זיין זייער סאָציאַליסטישן עבר. אָבער אין צווייטן דור הייבן זיך שוין אָן געמישטע חתונות, מיט פראַנצויזן, די אַסימילאַציע, וואָס רייסט זיך אַריין. די אייניקלעך פאַרשטייען שוין נישט דאָס לשון פון זייערע אבות. פון די דאָזיקע קינדער זענען דערנאָך אַרויס געשעפטס־לייט, פאַראינטערעסירטע בלויז אין מאַכן געלט. אַלע אידייען וועגן אויסבעסערן די וועלט האָבן זיי געלאָזן הינטער זיך.

"אַלע קאַטאַקליזמען, וועלט־איבערקערענישן, רעוואָלוציעס, בונטן, שטרייקן, תפיסות, האָבן די דאָזיקע לייט געבראַכט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאַריזער וועלט־יריד. פרעגט זיך: ווו איז דער מקור פון דער דאָזיקער וויטאַליטעט זייערער? זיי האָבן געזונגען אין כאָרן, פול מיט באַגייסטערונג. אויף די נעבעכדיקע סצענע־ברעטער האָבן זיי אויפגע־פירט בילדער פון זייער אַמאָליק לעבן, פון יענעם דערדריקטן לעבן, פול מיט ביטערער שמחה. מען האָט געלאַכט און געוויינט, צוזעענדיק דאָס אַלץ". (שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס, ז' 75).

ב. שלעווין, וועלכער איז אויך מיטגעקומען אין יענע יאָרן מיטן עמיגראַציע־שטראָם קיין פאַריז, איז געוואָרן דער שרייבער און באַשרייבער פון דאָזיקן גלות. ער און נאָר ער האָט אים געגעבן דעם ליטעראַרישן קיום, דעם תיקון. ער האָט אויסגעהאַמערט דאָס דאָזיקע בילד פאַר דורות, און דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט, אויסשליסלעך זיינער. אַ רייע ראָמאַנען און דערציילונגען האָט שלעווין געווידמעט גלות־פאַריז, ווי "די יידן פון בעלוויל", אַ גרויסן טייל פון "חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", אַ טייל פון דער טרילאָגיע "די ברידער כייקין" און פון ראָמאַן "שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס". אין זיין גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן "ליפּע קאַמאַשנמאַכער" וויקלט שלעווין פאַנאַנדער די כראָניק, כמעט דידאַקטיש, דעם פּאָליטישן קאַמף פון אַ גאַנצן דור, אין בריסק, אין זשענעוו, אין באַזעל, אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין ישוב ארץ ישראל, און פירט דורך פאַר די אויגן פונעם

לייענער אַ גאַלעריע פון פאַרשידענע געשטאַלטן, גוט באַוווסטע אין יענעם פעריאָד; אָנהייבנדיק פון הערצלען, פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, ביז מאַרטאָוון, לענין, טראָצקי, ראָזאַ לוקסעמבורג, א. ד. גאָרדאָן, י. ח. ברענער און פיל אַנדערע. אין אַ שמועס מיט זשיטלאָווסקין, זאָגט דאָרט הערצל, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געמיינט אוגאַנדאַ ערנסט. עס איז בלויז געווען אַ דיפּלאָמאַטישער מאַנעוור, כדי צו דערוויזן ענגלאַנד, אַז קיין אויסוואַל איז נישט פאַראַן. ארץ ישראל מוז זיין דאָס לאַנד פאַר יידן.

ארץ ישראל איז אַ האַרטע נוס צום צעקנאַקן

אין דריטן טייל פון דער טרילאָגיע ״די ברידער כייקין״, אין ״דאָס צוגעזאָגטע לאַנד״, האָט שלעווין געמאָלן שטייגער־בילדער און אויך געשטאַלטן פון מדינת ישראל. כאָטש מיר געפינען אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז געשריבן מיט 25 יאָר צוריק, שטריכן, וועלכע וואונדערן אונדז מיטן אויפכאַפּן זיי, סודותדיק פאַרוועבטע שטריכן, וועלכע זענען נאָך 25 יאָר קיום פון דער מדינה אַנטדעקט געוואָרן מיט אַל דאָס בייז און קרענק־לעכס, וואָס זענען אַ וווּנד אויפן קערפּער פון אונדזער געזעלשאַפט, גראַבקייט, געוואַלט־טאָטן, כאַראַקטעריסטיש אַפילו פאַר די שאַפערן אויף די וועגן. איז נישט געקוקט אויף דער אַנטדעקונג פונעם באַהאַלטענעם פאַר אַ זייטיק אויג, איז פאַראַן אין דער באַשרייבונג אַ געוויסע איבערגעטריבנקייט אינעם אַרויסברענגען דאָס נעגאַטיווע; ווי למשל, ווען דער שרייבער מאָלט דעם פּאָרטרעט פון ״איינעם, אַן אָנגעזעענעם הסתדרות־מנהיג, בן־צבי, אַ פּאַרשוין מיט שאַרפע קינבאַקן, מיט אַ זאַט, אָנגעפּרעסן פּנים, מיט קליינע אייגעלעך אונטער אַ נידעריקן שטערן. ער פאַרמאָגט אַ לוקסוס־ווילע אויפן הר הכרמל. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, ווי מיר וואָלטן נישט געפינען זיך אין אַן אַזיאַטישער, קליינער, אָפּ־געשטאַנענער, האַלב־קאָלאָניאַלער מדינה אויפן מיטעלן מזרח, נאָר, לאָמיר זאָגן, אין איינעם פון די לוקסוס־האָטעלן אויפן ים־ברעג אין פלאָרידע, אָדער אין קאַליפאָרניע. אויפן טיש שטייען משקאות און בן־צבי לויבט די ישראלדיקע פּראָדוקציע, דווקא אויפן געביט פון טייערע וויינען, ווען אין לאַנד איז נאָך די צנע.

איז ישראל טאַקע אַ האַרטע נוס צום צעקנאַקן, און אַ סך שרייבער זענען נכשל געוואָרן ביים באַשרייבן דאָס לאַנד פון דרויסן, אַנשטאָט אַריינדרינגען אין תוך און אויפכאַפּן דאָס וועזנטלעכסטע פון אינעווייניק. דאָס געפיל פון נישט דערשאַצט ווערן און דער צוגאַנג מצד אַ יידישיסט, באַלאַסטעט מיטן רעוואָלוציאָנערן עבר, קעגן די ווערטן פון ציוניזם און עברית, וועלכע האָט אַרויסגעשטויסן די יידישע שפּראַך אין ישראל. הגם שלעווין האָט זיך שוין לאַנג באַפרייט דערפון; שלעווין, דער דענקער, וועלכער פאַרשטייט שוין לאַנג, אַז אויך ער איז מיטשולדיק, וואָס די הנאה פון די וואַסערן פון לעבנס־ברונעם, אויסגעגראָבן אין לאַנד, וועט נישט זיין קיין פולע פאַר אים. און נאָך איין ראיה: אין דער לעצטער זאַמלונג פון זיינע ווערק, ״אונטער די שטערן פון נגב״, דערשינען אין 1974, פירט דער מחבר אַרויס אַ יידישן שרייבער, אַן עלטערער שרייבער, פון ניו־יאָרק. ער איז שטאַרק פאַרביטערט צוליב דעם, וואָס ער איז דעגראַדירט אַלס יידישער שרייבער. ער לאָזט זיך אין די תפוצות, צו באַגעגענען זיך מיט בני־ישראל. פון פּאַריז קומט ער

קיין ישראל. די ווערטער, וועלכע שלעווין לייגט אַריין אין מויל פון דעם געעלטערטן שרייבער, זענען האַרבע, ביטערע, דאָ, אין ישראל, דריקט ער טאַקע די האַנט פונעם פּרעזידענט (שזר), דעם טייערן ייד, דעם בן־תורה, וועלכער שרייבט אַליין לידער אין יידיש (זייט 79). ס'קומט אָבער בולט צום אויסדרוק, אַז יידיש איז אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך עברית. דעם געעלטערטן שרייבערס אַ בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית און פאַרקויפט געוואָרן זענען בלויז . . . פיר עקזעמפּלאַרן. און ער זאָגט: "כ'בין געקומען קיין ישראל, כדי איינצולאַדן די פיר לייענער מיינע אין עברית, קוקן זיי אין די אויגן און פרעגן ביי זיי: 'דאָס איז דער שכר פאַר מיין מי, פאַר מיין פּראַצע?'". און עס הערן זיך דערנאָך גרויזאַמע ווערטער פון זיין מויל: "זיי וואַרטן נאָר, אַז אונזער דור זאָל אויסשטאַרבן. זיי וואַרטן געדולדיק, קלוג, הומאַניטאַר, ברייטהאַרציק. כ'בין זיי אַפילו חושד, אַז ערגעץ־ווו, פירן זיי בסוד־סודות אַ סטאַטיסטיק, אַ געגויעם חשבון, לויטן עלטער, לויט די יאָרן. זיי האָבן אָבער אַ טעות. אונטער די אַש'ן פונעם פאָלק טליעט נאָך אַ פונק, ער וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן". יידיש איז דאָס גאַנצע לעבן פון רפאל דעמעס, איז ווי זאָל נישט זיין קיין שותף צו דעם דאָזיקן געפיל אַזאַ יידישער שרייבער, ווי שלעווין איז?

און כאָטש, ווי כ'האָב פריער באַטאָנט, אַז היינט האָט זיך אַ סך געענדערט אין דער דאָזיקער פראַגע, עברית זעט נישט מער קיין געפאַר אין איר ייִנגערער שוועסטער, יידיש, וועלכע האָט באַרייכערט דעם נאַציאָנאַלן אוצר מיט אירע אומשאַצבאַרע קולטור־ווערטן פון אומגעקומענע דורות אין גלות.

גאָר אַ גרויס רעאַליסטיש בילד וועגן אַנטווישונג און אומקום־פּראָצעס פונעם דור עמיגראַנטן, רעוואָלוציאָנערן, די רעשטלעך יורשים פון די פרייהייט־קעמפער פון מוראַנאָוו און דער סביבה אין וואַרשע, אינטעליגענטן, קינסטלער און סתם באַהעמע־לייט, וועלכע באַגלייטן זיי אין גלות־פּאַריז; אַן איבערצייגנדיק בילד מיט דער עכטקייט, מעלאַנכאָלישע שטימונגען, האָט שלעווין אויסגעוועבט אין זיין אינטערעסאַנטן ראָמאַן "שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס".

גאָר אַנדערע האָט געזען קאָוונער, דער קאָמוניסט־פאַנאַטיקער, וועלכער גלויבט הייליק אין סטאַלינען. אַ ליטוואַק מיט אַ שאַרפן, תלמודישן מוח, פון די אָנפירער פון "יידישן סעקטאָר", פון קאָמאַינטערן אין פּאַריז, פון די יעווסעקעס, פון גלות־בעלוויל. ער האָט געשולט דעם עולם מיט זיינע רעדעס, אַרטיקלען אין דער פּאַרטייאישער אָוונט־צייטונג. און אָט איז אויך זיין וועלט חרוב געוואָרן, נאָכן בלוט־בלבול פון קרעמל אויף די יידישע דאָקטוירים. וואָס האָט דעמאָלט אויפגעטרייסלט די לינקע יידישע קרייזן. ערגעץ טיף אין האַרצן פילט קאָוונער זיין שייכות מיטן פאָלק, באַנעמט אויך די ביטערע לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, באַמיט זיך אָבער די דאָזיקע געפילן צו דערשטיקן. אין זיינע אַרטיקלען און רעדעס נאָרט ער נאָך ער ווייטער זיינע חברים, "עמך", די קאָמאַינטערן־חסידים, אָבער אָן שום אינערלעכער איבערצייגונג וועגן "ענדערונגען אין היסטאָרישן פּראָצעס". ער איז אַזוי ממשיך ביז וואַנען דאָס קאַרטן־הייזל פון זיין גלויבן צעפאַלט זיך און עס באַהערשט אים אַ חושכדיקער יאוש.

דערשיטערנדיק איז דער שמועס צווישן קאָוונערן און דעם פאַרשטייער פון קאָמאַינטערן

אין פאַריז, דעם פראַנצויז, וועלכער וואַרפט אָפּ אומברחמנותדיק, כמעט מיט שנאת־ישראל די אַרויסזאָגונג קאָוונערס, כאילו עס וואָלט אַרויסגעריסן זיך פון זיין האַרצן, וועגן נאַציאָנאַלער קולטור־פאַרבינדונג פון יידן; כאָטש ער, קאָוונער, איז אַ כשרער קאָמוניסט, אַ פּאַרטייער. און קאָוונער איז אַוועק אַ פאַרשעמטער, אַ דערנידעריקטער, אַ פולשטענדיק דערדריקטער; אַזוי ווי אהרן, וועלכן כ׳האָב פריער דערמאָנט, קומט אויך קאָוונער צום אויספיר: „כ׳האָב מיין ווייגאַרטן נישט געפלעגט״. יידן דאַרפן פלעגן זייער קולטור אויך אין די ראַמען פון קאָמוניזם.

אַלס קעגנזאַץ צו קאָוונערן איז די רירנדיקע געשטאַלט פון בן־שושנים, אַ גרויסער קונסט־קענער. ער קומט צום אויספיר, אַז זיין חכמה איז גאָר — אַ בזיון. (די אַלט־איינגעזעסענע יידן אין פאַריז דערקענען אין דער דאָזיקער געשטאַלט דעם פאַרשטאָרבענעם קונסט־קריטיקער יחיאל אַהרנסאָן, הגם אין סימביאָז מיט אַן אַנדער געשטאַלט). ער איז אַ ספּעציאַליסט אין מאָלעריי, איז דער מבין פאַר קאָלעקציאָנערן, וואָס קומען פון אויסלאַנד; אַ מענטש, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט פינצטערע זעאונגען, איז אויסגעשלאָסן פון די נאָרמאַלע לעבנס־ראַמען. ער, דער שאַרפער מוח, איז נע ונד, איינזאַם. ער וואַלגערט זיך אויף די שטיגן פון אַלטע, זייטיקע האָטעלן, לעבט אין רויך פון די הינטערשטאָטישע קאַפע־הייזער, גיסט אויס זיין ביטער האַרץ פאַר יעדן, ווער עס וויל אים אויסהערן. מערסטנס פאַר אָפּגעקומענע, יורדים, אָן אַ מאָרגן, אַרויסגעוואָרפענע אויפן פאַריזער ברוק. פאַר זיי זענען די האַרץ־אויסגוסן פון בן־שושנים נישט קיין נייעס. אויף די זוילן פון זייערע שיך טראָגן זיי דעם שטויב פון וואַנדער־שליאַכן איבער דער וועלט — געקומענע פון מיטל־אַזיע, פון די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד, פון די שיפן, וועלכע האָבן זיך אומלעגאַל געשמוגלט צו די ארץ־ישראל־ברעגן; זיי טראָגן די גרויסע לעבנס־שול פון רוסלאַנד אין די מלחמה־יאָרן און דאָס האָט געלייגט אויף אָט די מענטשן אַ באַזונדערן שטעמפּל, אַ מין זשאַוועער. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דאָרטן מיט נייע הושים. נישט אַלע באַנעמען גלייך, אַז מען רעדט צו זיי וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי — אידייען, איבערצייגונגען, ביכער, קונסט . . . זיי זענען שוין לאַנג באַפרייט דערפון.

און באַגלייך מיט אָט די יידן, ווי אָפּגעפליקטע בלעטער, וואָס בייזע שטורעמס שליידערן זיי אום, אויך געשטאַלטן פון אַסימילירטע יידן, ווי גריגאָרי אַדלער, דער קלוגער ציניקער, אין וועלכן מען דערקענט גלייך איליאַ ערענבורג. פאַר אונדזערע אויגן גייען פאַרביי אַ ריי קינסטלער פון דער „פאַריזער שול״, יידן, וועלכע האָבן אין די 20ער יאָרן געוווינט בשכנות מיטן באַרימטן „בינשטאָק״; ווי למשל, זשיל ראַסיקן (פּאַסקין), דער מאָלער וועלכער לעבט אין געפאַנגענשאַפט פון זיינע לייוונטן און אין די נעצן פון סעקס. געשטאַלטן פון יונגע יידישע פרויען, פאַרוועבטע אין סודותדיקן צויבער פון אורי צבי גנעסין׳ס וועלט. זיי טראָגן מיט זיך דעם חותם פון טראַגישן גלות־גורל, פון סתירות, ווי, למשל, לאַטע, וועלכע פאַרבינדט זיך לסוף מיט קאָוונערן; די באַצויבערנדיקע נינאַ, אַזאַ ווייטע פון יידישקייט, גייט אַוועק מיטן פראַנצויזישן שרייבער, דעם דרום־פראַנצויז פּיער לענאַרמאַן. ער איז דער מענטש פון יושר, אָבער עס פעלט אים די אַלזייטיקייט, כדי צו פאַרשטיין אַ טאָכטער פון אַ פרעמד פאָלק, כדי צו באַנעמען איר וועזן, כדי זי זאָל זיין גליקלעך. און אָט איז סאָפי, דאָס קליינע יידישע פאָלקס־מיידל, פול מיט

יידישן חן. זי איז גראַד אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, אַ סך מער, ווי אירע חברטעס, פאַרבינדט זיך צוליב לעגאַליטעט, מיט אַ פראַנצויזישן בחור, געבוירט אַ קינד און איז זיך צולעצט מקריב אין אַ טראַגישן גבורה־טויט.

עס איז אוממעגלעך אָנצוציילן די פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן פון דעם גאָר אינטערע־סאַנטן ראָמאַן. די שאַפונגען פון ב. שלעווין וועלן בלייבן אַ רייכער אוצר פון זכרונות און געשטאַלטן פון יידישע יוגנטלעכע פון פאָלק, קעמפער פאַר דער פרייהייט אין דער שטורעמדיקער תקופה פון אָנהייב 20טן יאָרהונדערט ביז דער תקופה פון פאַרלוירנקייט, בלאָנדזשעניש און חרטה. שלעווינס שאַפן וועט לעבן בלייבן ווי אַ לעבעדיקער עדות פון די פּלאָגן, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגעליטן אויף די יסורים־וועגן.

יידיש: א. וואַרקאָוויצקאַ

ישורון קשת (קאַפּעלעוויטש יעקוב)

געבוירן אין יאָר 1893, לעבן וואַרשע (מינסק־מאַזאָוועצק). באַוווסטער העב־רעישער דיכטער, עסעיסט און איבערזעצער.

אין 1911 עולה געווען קיין ארץ ישראל. צווישן די יאָרן 1920—1925 שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון רוים, בערלין, שווייץ און פּאַריז.

אין 1926 זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל. פאַרעפנטלעכט פיל פון זיינע ווערק אין פאַרשידענע העברעישע צייטשריפטן און ליטעראַרישע אַכסניות.

צווישן זיינע אַרויסגעגעבענע ביכער זענען באַקאַנט: "ההלך **בארץ**", (ספר שירה), תרצ"ב; "אלגיות", תש"ד; "החיים הגנוזים", (שירה), תשי"ד; "רוחות **המערב**", (על סופרי אירופה), תש"ך.

אויסער דעם האָט ער איבערזעצט אויף העברעיש ווערק פון אַ סך וויכטיקע אייראָפּעישע שרייבער, צווישן זיי — טורגעניעוו, אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, פראַנץ קאַפקאַ, טאָמאַס מאַן, דזשעק לאָנדאָן און פיל אַנדערע.

משה זאַלצמאַן

וועגן . . .

א.

איך דראַפּע נישט די הייכן,
איך קלעטער נישט אויף ווענט.
ס׳איז יעדעס אות אַ צייכן
נאָר צו זיך געווענדט.
כ׳וויל זיך אַליין דערקענען,
דערגייין צום מענטש אין זיך,
הגם די טריט מיך ברענען —
איך נישטער אַלץ און זוך.
איך זוך פֿאַר זיך אַ האַפֿן
אין יעדן נײַעם פּרווו,
כאָטש ס׳איז דער שכר פֿון שאַפֿן
אַליין אַ שטראָף . . .
קנעט איך זיי די ווערטער,
ווי מע קנעט אין ליים,
נאָר די אותיות — האַרטע,
כאָטש בײַס זיי מיט די ציין.
דער וועג צום מענטשן שווער-איז,
ס׳איז אַ יסורים-וועג.
ס׳איז יעדער קער אַ שטערונג —
ס׳איז יעדער קער — אַ טרער.
קנעט איך זיי און קנעט זיי
ביז צום ווערן מיד
און כ׳קען זיך נישט דערקנעטן
צום אמת. צו דעם ליד.
סע שטרויכלען מײַנע טריט זיך
הונדערטמאָליק פֿיל.
איך גיי און גיי און גיי —
און קום נישט אָן צום ציל.
שטרויכל איך און שטרויכל

פֿון יעדן טראָט אויף שטיין!
דער וועג צו זיך — איך צווייפֿל,
צי כ׳וועל אים ווען דערגיין.

ב.

דער וועג צו גאָט איז אַנדערש,
כאָטש אויך אין נעפּל שוועבט.
דו זוכסט אים אין די הימלען,
ווען טיף אין דיר ער לעבט.
דו זוכסט אים אין די טעמפּלען
צווישן פֿרומע לײַט —
אין זייער בליק דעם טעמפּן
לעשט זיך יעדע פֿרייד...
זוך אים אינעם האַרצן,
בײַ זיך אינעם געמיט —
אינעם ענגן קאַרצער
פֿון אמת. פֿון ליד.
און שפּרייז נאָר נישט צו האַסטיק,
דעם שפּאַן האַלט אײַן, האַלט וואָר,
ווײַל קיינער היט דײַן טראָט ניט,
קיינער דיך באַוואַכט.
דיך באַגלייטן תמיד,
דײַן יעדן, יעדן טראָט,
אַ צווייפֿל און אַן אומעט —
פֿאַר דיר איז אַלץ נאָך סוד.
נאָר האָסטו שוין דערגרייכט אים,
און טרעפֿסט אים אומעטום:
אינעם ניגון רײַפֿן,
אינעם דומם — שטום.
אין דער טרער דער הייסער,
אין דער טרער פֿון פֿרייד —
דער וועג צו גאָט, איך ווייס עס,
כאָטש נאָנט אַזוי — איז ווײַט!

ג.

סע טרעפֿט — און דו דערקאָנסט אים
אין אַ שמייכל מילד,
אַ מאָל אויך אין אַ שיינקייט —

איינמאָליק און ווילד.
אַ טאָל אין גרינס זיך טונקלט,
סע זאַפּטיקט פּרישער טוי,
און איבער אים — אין ווינקל —
אַ זונפאַרגאַנג אין בלוי.
בלײַבסטו אַ פאַרבליפּטער
פון גרויסן שטומען וויי.
דאָס בילד — דאָס בילד עס רופט דיך,
די שטילקייט, דוכט זיך, שרײַט.
זי מאַניעט דיך און פּינקלט
און נעמט צום סוף דיך אײַן.
דער שקיעה-פלאַם אין ווינקל
באַפעלט דיר שטרענג: בלײַב שטיין!
שטייסטו אַ דערשטוינטער
פון אַנטפּלעקטן סוד! —
און שטאַמלסט שטום אָן ווערטער:
אַ גאָט... אַ גאָט! — —

ל. פּאָדאָליער

רעצענזיעס און פּאָלעמישע באַמערקונגען

1. דער לירישער טאָגבוך פֿון עליע ווערבלון

וועגן ווערבלונס לעצטנס דערשינענער לידער־זאַמלונג ″אין לאַנגן טאָג″ האָט שוין ערגעץ אין אונדזער פּעריאָדיק פאַרבײַגעשווינדלט אַ קליין רעצענזיעלע — פון דעם מין, ווו דער רעצענזענט קומט אָפּ מיט ″קײַ און שפּײַ″ און טאָקע מיט מער ″שפּײַ″ ווי ″קײַ″... אין דער אמתן דאַרף מען ווערבלונס דיכטונג גוט, זייער גוט ″צעקײַען″ סע זאָל זיך, ווי מען זאָגט, צעגייען אין אַלע גלידער. ווערבלון דיכטעט ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן — נישט געאײַלט. מוז מען זיך אויך נישט אײַלן, כדי זיך פאַרטיפן אין זיין פּאָעטישער — ″וועלט מיט וועלטעלעך″. און דאָס — נישט דערפאַר ווײַל ער איז, חלילה, פון די ″הערמעטישע″, פון יענע, וואָס קוקן אַראָפּ אויף אונדזער זינדיקער ערד מיט פאַרנעפּלטע אויגן, פאַרשלייערטע אין צוגעגעסענע בלויקייטן. פאַרקערט: ″אַ שיר וועל איך זינגען וועגן געוויינ־לעכן! / וועגן געוויינלעכן הימל, / וועגן דער געוויינלעכער ערד, / דער געוויינ־לעכער בלום, / דעם געוויינלעכן מענטשן... / נישטאָ קיין באַרוישונג דערביי, / נישטאָ קיין דערהויבונג, / ס'איז נישט נײַ, / אַ ליד געשריבן מיט געוויינלעכן בלײַ″. אָבער ס'רעדט זיך בלויז אַזוי: ″נישטאָ קיין דערהויבונג″ דאָס איז, קענטיק, געזאָגט, צוליב אַ רייץ טאָן זיך מיטן לייענער און קודם — מיט זיך אַליין. די דערהויבונג קומט, ווײַזט זיך אַרויס, פון זעלבן ″געוויינלעכן″, וואָס איז גאָר נישט אַזוי געוויינלעך:

וואָס ווילסטו מער, מײַן פרײַנד?
אַ וואַרעם ווינטל,
בלומען פאַר דײַן טיר,
ראָזע בערג פאַרלוירענע אין ווײַטן נעפּל
און אַ רויקייט אין האַרצן.
אַצינדערט מאַך אַ ברכה אויף דאָס אַלץ
און וואַרט:
אפשר וועלן דיר אַרויסוואַקסן —

* עליע ווערבלון, אין לאַנגן טאָג, (לירישער טאָגבוך 2), פאַרלאַג ″ווערבע″, תל־אביב — 1980.

אַלץ איז מעגלעך — פליגל
און וועסט זיך אויפהויבן
און שטײַגן, שטײַגן.

מיר דאַכט אַז די דאָזיקע סטראָפן צעפּינקלען זיך דאָ מיט אַלע פּאָעטישע חנען דווקא אַ דאַנק דעם געוויינלעך־פּראָזאַישן זאָג: „אַלץ איז מעגלעך"...

„אין לאַנגן טאָג" איז דאָס נײַנטע לידערבוך פון עליע ווערבלון און אויך די צווייטע זאַמלונג, וועלכע ער באַצייכנט אַלס „לירישער טאָגבוך". דער ערשטער טאָגבוך איז דערשינען געגנוי מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין מאָנטעווידעאָ. פון דאָרט, פון ווײַטן אורוגוואַי, איז צוזאַמען מיטן דיכטער אויך „עולה" געווען זײַן פּיקטיווער פאַרלאַג „ווערבע". כ'מיין טאַקע, אַז די ווערבע איז דער פּאָסיקסטער סימבאָל פון זיין דיכטונג — אַ פלאַטערדיקע ווערבע אויפן ווינט, אַ ווערבע בײַם ברעג טײַך, וואָס קוקט אַ פאַרקלערטע אין שטראָמיקן וואַסער.

ווערבלונס קורצע לידער פליסן אויך אַזוי איינס נאָכן אַנדערן און זיי שפּיגלען אָפּ אין זיך, ווי דער וואַסער־שטראָם, די פאַרקלערטע ווערבע און דעם אומרויקן מענטש, דעם הימל — אַ מאָל אַ זוניק־צעשמייכלטן און אַ מאָל — אַ שווער־פאַרכמאַרעטן, זעלטן — אַ צעשטורעמטן... זיי, די לידער זײַנע, טראָגן מיט זיך און אין זיך די פלייצנדיקע לאַנדשאַפט פון דער ערדישער וועלט אין אייביקן אומבײַט פון ליכט און שאָטן, פון קלאַנגען, קאָלירן, ריחות און... שטימונגען.

דאָס איז אַזוי. אָבער גאַנץ אָפט איז די אינערלעכע דיכטער־וועלט ווערבלונס, זײַן געמיט, ווײַט נישט אין איינקלאַנג מיט דער לאַנדשאַפט און מיטן קלימאַט פון אַרומיקן אינדרויסן. און ער וווּנדערט זיך אַליין: „ווי טרויעריק אַ מענטש קען זײַן / אַפילו אין טעג פון זון, פון שײַן..."

איך קוק אַרויס אין דרויסן
פרילינג. יונגער גרין.
ווייכער בלוי פון הימל. טויבן פלאַטערן אַרום.
אַ ווינטל שטיפערט דורך.
דאָך
כ'וואָלט צונויפגערופן אַלע כישופמאַכער פון מצרים,
זיי זאָלן,
זיי זאָלן מיר דערקלערן
וואָס איז די סיבה פון דעם אומעט דעם שווערן?

בכלל איז ווערבלונס לירישער טאָג־בוך איבערגעפולט מיט דיאַלעקטישע ווידעראַנאַנדן, וועלכע שאַפן דאָך דעם נאָכאַנאַנדיק־איינהײַטלעכן שטראָם פון אויסגעוווייטיקטע פּאָעטישע אַסאָציאַציעס און מחשבות.

לויט אים איז דיכטונג — „אַ טונקלונג, אַ ליכטונג" אין אַ וועלט ווו „דער

אמת און דער ליגן / ליגן איינס אין צווייטן אײַנגעדרייט". אויף איין זייטל טרעפט איר סטראָפן וואָס קלינגען זיך איבער מיט קהלת, אויפן צווייטן — אַ ליכטיק געזאַנג פול מיט שיר־השירים.

פון צווישן די שורות פון זײַן זינגען און זאָגן שפּירט זיך אַז אויך אין לעבן האָט ער פיל מאָל געהאַט "צום זינגען און צום זאָגן". ס'דערמאָנט זיך אַ סטראָפע פון זײַן "לירישן טאָגבוך" (מאָנטעווידעאָ, 1960):

וועי משה האָט געשלאָגן אין דעם שטיין
און עס איז אַרויס לעבעדיק וואַסער —
אַזוי שלאָג איך אין מײַן פּײַן
מיט דער ביטערניש דער גאַנצער,
עס זאָל אַרויס אַ געזאַנג (...)

ס'טרעפט נישט איין מאָל דאָס וואָרט "פּײַן". אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער: "כ'בין געגאַנגען אין דער שײַן / מיט טריט פאַרפלאָנטערטע אין פּיין". אָפט איז ווערבלון פול מיט יאוש, מיט אומבאַהאָלפענער פאַרצווייפלונג איבער דער נישטיקייט פון מענטשלעכן זײַן, פול מיט הבל הבלים־קאָמפּלעקסן... ער שפּירט זיך ווי אָוועק־געשטעלט "אין מיטן פון דער וועלט — / אַ לאָגל טרויער אויף טונקעלן געדויער..." אָפט בלײַבט ער אָפּהענטיק און אַפילו גלייכגילטיק פאַר דער אומפאַרמיידלעכקײַט פון "פאַטום". ער איז דאָ ביז גאָר אויפריכטיק. ווי שטענדיק! אָבער — אײַלט זיך נישט מיט אײַערע אויספירן, ווײַל מיט אַ פּאָר זייטלעך שפּעטער צעשטורעמט ער זיך פּלוצים:

ווי גלוסט זיך אָפט אַ שפּײַ טאָן
טיף אין קאָסמאָס, דורך אַלע שטערן־וועלטן
ביז צום ווײַטסטן הימל־דנאָ —
זאָל דאָרט פאַלן די פאַראַכטונג
פון מײַן קליינקײַט אויסגעלאַכטער.

פאַרביטערונג? פּראָטעסט? קללה? אַ וודאי — יאָ! נאָר אויך דאָ דאַרף מען זיך נישט אײַלן, ווײַל ווערבלונס דיכטונג איז נישט קיין פאַרשליימיקט־שטייענדיקע וואַסער־פלאַך, נאָר, ווי שוין געזאָגט, — אַ לעבעדיקער שטראָם, וואָס ברענגט מיט זיך אַלץ נײַע מחשבות, אַלץ נײַע שפּירונגען, שטימונגען, חידושים. אָט קומט למשל אַזאַ מין חידוש, אַרויסגעזאָגט פּראָסט און בנעימותדיק, אַז עס פאַרכאַפּט ממש דאָס האַרץ מיט זיין שיינקײַט:

זײַ ווי דאָס קוועלכל
וואָס שלאָגט פון די הייכן!
עס איז נישט געפאַלן בײַ זיך
פון זײַן פאַלן.

צי ס'צעהעלט זיך גאָר אַ שמייכל איבער זיך אַליין און איבער דעם גאַרן "וועלט־שמערץ", אַ שמייכל אָן עכט־יידישער אין דער פאָרם פון אַ... יאַפּאַנישער "כאַקקו":

כ'וועל נישט קענען שטאַרבן,
ווייל דער טרויער וועט נישט לאָזן.
ווי אַזוי וועט ער אַליין געדייען, דער יתום?

ס'טוישן זיך סטראָפן פון יאוש און צער, פון קללה און פאַרביטערונג מיט סטראָפן פון אויפגעוואַכטער האָפענונג און פרייד, מיט לידער פון לעבנס־דאָרשט, נשמה־גנאָד און בענטשונג, ווען דאָס "געמיט איז פול מיט בלי, מיט פויגל־פלי... מיט ליד". ווען אויף די שטערן אויפן הימל, "אויף דעם מענטשן, נעכטן, מאָרגן" ווערט דריי מאָל געזאָגט יאָ! און פונקט ווי ער האָט זיך פריער אַליין געוווּנדערט: "וואָס איז די סיבה פון דעם אומעט דעם שווערן?" אַזוי איצט — אויף זיין "ווילדן גלויבן": "און דאָך... פון ערגעץ וועט נאָך אָנקומען / (מאָדנע, אַזאַ ווילדער גלויבן!), / אַ כוואַליע פון דעם העלסטן גוטס / און וועט פאַרדעקן און פאַרמעקן / אַלע ווילדגראָזן און שטויבן. / און וועסט ווידער ווערן / אַ גלייכער שותף צו די ספערן". איר הערט אַ מעשה — דאָס זעלבע "קליינע מענטשעלע", וועמען ס'האָט זיך געגלוסט ערשט נישט לאַנג "אַ שפּיי טאָן טיף אין קאָסמאָס דורך אַלע שטערן־וועלטן" איז שוין געוועזן, ווייזט זיך אַרויס, און וועט ווידער זיין "אַ גלייכער שותף צו די ספערן"!

אין איינע פּאָר סטראָפן פלעכטן זיך אָפט ביי ווערבלונען פרייד און אומעט און כ'ווער נישט איין מאָל איבערראַשט ווי נאַטירלעך ס'אַנטפּלעקן זיך פאַר די אויגן "בלומען פון פרייד און פון שיין" דווקא, ווי ער זאָגט, "אויף די פעלדער פון מיין אומעט" (ז. 108).

ווערבלונס דיכטונג איז נישט קיין נודנער דידאַקטישער מאָנאָלאָג. דאָס איז אָן איבערלעכער דיאַלאָג, באַרייכערט מיט דער קלוגשאַפט פון אַ ביטערער לעבנס־דערפאַרונג. קיינער ווייסט נישט ווען דער דאַזיקער דיאַלאָג האָט זיך אָנגעהויבן און קיינער קען נישט וויסן, ווען אָט דער שטילער לירישער שמועס וועט זיך ענדיקן; קיינער — כל זמן ס'געפינען זיך אויף דער וועלט אַזעלכע דיכטער ווי עליע ווערבלון.

דער ריטעם פון ווערבלונס לידער וויל אָפט נישט וויסן פון קיין כללים און קאַנאָנען. די ריטמען זענען געבראָכענע, איבערלעכע ריטמען, וועלכע אַנטשפּרעכן דער קאַרדיאָגראַמע, אַזוי צו זאָגן, פון דעם קאָנקרעטן פערז. וואָס שייך גראַמען — טרעפט אויך זעלטן אַ פּינקטלעכער גראַם, אָן אַסאָנאַנס — נאָך זעלטענער. כ'וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז צום ענין "גראַם־שטראַם" באַציט זיך דער דיכטער גאַנץ נאָכלעסיק: גראַמט זיך גוט — איז גוט, גראַמט זיך שלעכט — מאַכט אויך נישט אויס. נו, און טאָמער גראַמט זיך בכלל נישט — גייט אוודאי נישט אונטער די

וועלט! דער דיכטער מאַכט זיך פון דעם גישט קיין וועזן. אויך מיך, לייענענדיק ווערבלונען, קימערט עס ווייניק... ביי אַן אַנדערן וואָלט מיר אפשר אַ גרילץ געטאָן אין אויער. ביַי ווערבלונען — נישט! צו פריַי, צו נאַטירלעך פליסט זיַין פּאָעטישער דיאַלאָג — אַ מאָל — שטורמיש און אַ מאָל — גאַנץ געמיטלעך: גיי שטעל אים אָפּ מיטן דערינען מיט אַ קלאָץ־קשיא: "ווו איז דער גראַם?!"

דאָך שפּירן זיך מיר אין זיַינע "געווייַנלעכע", עניוותדיקע פּערזן אָנשיכטונגען פון אַ ריַיכער פּאָעטישער קולטור. שוין אָפּגערעדט פון טיף־יידישע און יידיש־היימישע מקורות, ווינקט צו מיר אַרויס ווי אַ פולער דורכזיכטיקער טוי־טראָפּן אויף אַ צווייגל בעז — די אַלט־יאַפּאַנישע פּאָעזיע, פון ערגעץ שפּילט אַרויס די פליים פון פּאַרכישופטן כינעזער לי־טאַי־פּע און רופט זיך איבער מיט דער טרויעריקער חכמה פון דעם "זאַרגלאָזן" שיכור און הוליאַקע פון אַלט־פּערסיע־אָמאַר כאַיאַם. אַוודאי איז ווערבלונען נישט פרעמד אויך די מערב־אייראָפּעישע פּאָעזיע. די וועגן פון מזרח און מערב קומען זיך צוזאַמען ביַי ווערבלונען — דעם יידישן ליריקער.

"ס'איז דאָ אין מיר אַן אומרו / און דאָס איז אפשר — ס'לעבן גופא". דאָס איז אויך, וועלן מיר צוגעבן, ווערבלונס דיכטונג גופא. דער דאָזיקער אומרו באַשטייט אינעם געראַנגל מיט זיך אַליין און מיטן אַרום, אין דער ליַידנשאַפטלעכער שטרעבונג צו אידעאַלער שלימות פון וועלט און מענטש. אומענדלעך ציט זיך דער וועג צום פולקומען. מיט שטיין־און־צאַרן איז דער וועג באַדעקט. פאַלט מען. ברעכט מען זיך רוק־און־לענד — טוט וויי: קומען לידער פון טרויער און אַנטוישונג. הייבט מען זיך ווידער אויף, דערשטיקנדיק אין זיך די פיין, און שפּאַנענדיק ווערט מען אויף ס'ניַי באַפליגלט שוין אַליין פון גאַנג צום רופנדיקן שטערן, שוין אַליין פון גרויסן חלום, וואָס וועט אפשר קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אַזוי — דורך דורות... פאַלט מען ווידער צעהרגעטע... אָבער פון בלוט־באַשפּריצטע שטיינער און דערנער שפּראָצן אויף בלומען פון פרייד און שיינקיַיט.

> אַ בלימל אויף דעם גרויען אַרון פון דער וועלט —
> דאָס איז מיַין ליד
> אַ טראָפּן שיינקיַיט פון אַ האַרץ וואָס בליט,
> אַפילו ווען עס איז שוין מיד.

כ'וויים, אַז פון אַן אָנגעשעפּטער גלאָז וואַסער קען מען נישט באַקומען קיין פולע פאַרשטעלונג וועגן דעם לעבעדיקן קוואַל. אַזוי אויך ווען מע ציטירט ווערבלונס באַזונדערע לידער. דאָך ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מיין וואָרט וועגן דיכטער מיט איינער פון זיַינע לידער:

> אַ ווינטל לויפט אַרום
> צווישן זוניקע צעשטראַלטע ביימער

און די צווייַגן־בלעטער זייערע
זיך לאָזן אין אַ בויגעוודיקן גרינעם טאַנץ
איך קוק אויף דעם און זאָג צו זיך אַליין —
פרייַ זיך מענטש,
כאָטש דאָס האַרץ איז דיר
פאַרגאָסן מיט געוויין.

2. די איבעראַשונגען פֿון ד״ר שולמאַן

און בעיקר וועגן ״רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם״

״הערש רעמעניק — אַ יידישער ליטעראַטור־קריטיקער״ — אונטער אַזאַ קעפּל האָט זיך באַוויזן, אין אַ ״פֿאָרווערטס״־נומער, אין ניו־יאָרק פֿאַרן יאָר 1980, אַן אַרבעט פֿון ד״ר אליהו שולמאַן.

מע מוז נישט, פֿאַרשטייט זיך, מסכים זייַן מיט אליהו שולמאַנס הויכער אָפּשאַצונג פֿון רעמעניקס קריטיק־ און פֿאַרש־טעטיקייטן, אָבער ס׳לוינט זיך נישט אַצינד אַרייַנלאָזן אין ווייַט־גייענדיקע אַמפּערייַען אַרום דעם ״יידישן ליטעראַטור־קריטיקער הערש רעמעניק״.

נישט מער — ס׳איז אונדז אַ גרויס וווּנדער אויף דעם אַזוי גוט אינפֿאָרמירטן ד״ר אַ. שולמאַן. ס׳גייט אין אַ קלייניקייַט: שולמאַן, לויבנדיק רעמעניקן, באַמערקט וועגן אים אַז ״ער שרייַבט איצט אַנדערש ווי ער האָט געשריבן אין דער סטאַלין־תקופה און אַפֿט דריקט ער אויס מיינונגען, וואָס איבעראַשן * פּשוט״...

די ערשטע און וויכטיקסטע ״איבעראַשונג״ איז, ווייַזט זיך אַרויס, לויט שולמאַנען, דאָס וואָס רעמעניק טייַטשט אויס דעם ״באַגריף סאָציאַליסטישער רעאַליזם אויף אַ גאַנץ ליבעראַלן * אופֿן — אַז סאָציאַליסטישער רעאַליזם מיינט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם, אָדער אַ געמיש פֿון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם. בשעת ער דריקט אויס אַזאַ געוואַגטע * מיינונג, — זאָגט שולמאַן — איז ער זיך סומך אויף מאַקסים גאָרקין״...

פייַן. אָבער לאָמיך שוין צוגעבן נאָך אַ גרעסערע ״איבעראַשונג״ פֿאַר אונדזער חשובן דאָקטאָר. כ׳וועל ציטירן אַ מער ״געוואַגטע״ אַרויסטרעטונג און דווקא ניט אין די צייַטן פֿון סאָוועטישן ״ליבעראַליזם״:

״מיר זאָגן, אַז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דער גרונט־מעטאָד פֿון דער סאָוועטישער קינסטלערישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק, און דאָס מיינט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם דאַרף אַרייַנגיין אין דער ליטעראַטור־שאַפֿונג ווי אַ באַשטאַנד־טייל, ווייל דאָס גאַנצע לעבן פֿון אונדזער פּאַרטיי, דאָס גאַנצע לעבן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און פֿון זייַן קאַמף באַשטייט אין צונויפֿפּאָרן

* אונטערגעשטראָכן דורך מיר ל. פּ.

די סאַמע האַרבע, די סאַמע ניכטערע פּראַקטישע אַרבעט מיט דער גרעסטער העראָיק און גראַנדיעזע פּערספּעקטיוון..."

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף דער טריבונע פון ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר, אין יאָר 1934. און געזאָגט האָט דאָס נאָך אַ גרעסערער "צדיק", ווי ס'איז לעצטנס געווען דער "ראָמאַנטישער שטורעמפויגל" מאַקסים גאָרקי. די דאָזיקע קלאַנגען האָט געלאָזט פאַלן פון זיך נישט קיין אַנדערער ווי סטאַלינס אויבער־סאַטראַפּ איבער אַלע קולטור־ענינים — אַנדריי זשדאַנאָוו. (זע דעם זשורנאַל "היימלאַנד" מאָסקווע, 1948. ז. 131. י. אַלטמאַן — "א. א. זשדאַנאָוו און די שלאַכט־אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור".)

איז מיר טאַקע אַ גרויסער חידוש, וואָס דאָקטאָר שולמאַן האָט אַנגענומען די זעלבע יענטע וואָס איז אַ ביסל אַנדערש געשלייערט פאַר אַ "ליבעראַלן אופן", פאַר אַ "געוואַגטקייט" פאַר אַן "איבערראַשונג". מה הרעש ?!...

לסוף אַ פּאָר ערנסטע באַמערקונגען וועגן "רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם" און דעם גאַנץ מיאוסן תוכן פון אָט דעם שיינעם וואָרט, וועלכן אונדזער פּראָסט־האַרציקער און גוטווילנדיקער אליהו שולמאַן האָט אַנגענומען ווי שיער נישט פאַר אַ מין סאַצרעאַליזם "מיט אַ מענטשלעך פּנים"...

מיט יאָרן צוריק האָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געמאַכט אַ רושם איינע אַן אַרבעט וואָס האָט דערפאָלגרײַך קורסירט אין רוסישן "סאַמיזדאַט". דאָס איז געווען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע און גרינטלעכע פאָרשונג פון דעם זייער טאַלאַנטפולן ליטעראַטאָר־דעסידענט אַנאַטאָליע יאַקאָבסאָן (מיט אַ פּאָר יאָר צוריק — פריצײַטיק געשטאָרבן אין ירושלים). די דאָזיקע פאָרשונג יאַקאָבסאָנס א.ג. "וועגן דער ראָמאַנטישער אידעאָלאָגיע" קען מען איצט פרײַ געפינען אין זײַן בוך "קאָנעץ טראַגעדיי", וואָס איז דערשינען אין רוסישן טשעכאָוו־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1973.

יאַקאָבסאָן, ווי אין גאַנצן בוך, איז אויך אין אָט דער פאָרשונג שאַרפזיניק, אַרטיסטיש און איבערצײַגעוודיק־דערווײַזלעך. אַנאַליזירנדיק די ווערק פון די פאָעטן־רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער פון די צוואַנציקער, טיילווײַז דרײַסיקער יאָרן — אַנטאָקאָלסקי, לוגאָווסקאָי, טיכאָנאָוו, סוועטלאָוו, באַגריצקי און אַנדערע גאַנץ שטאַרקע סאָוועטישע דיכטער, קומט יאַקאָבסאָן צום אַנשוילעכן אויספיר אַז אייגנטלעך האָבן אָט די "ראָמאַנטיקער", באַווירקטע דורך דער רעוואָלוציע, גלאָ־ריפיצירט די נידעריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן — קלאַסן־רציחה און ברודער־מאָרד. איינער פון די הויפּט־העלדן פון זייער געזאַנג איז דער רעוואָלוציאָנערער סופּערמען, דער טשעקיסט, וואָס "צעשיסט נישט נאָר קיין צענדליק פאַרוואָסן" ווי ביי אונדזער פּעפערן — ער שיסט מיט אַ פריילעך און זינגענדיק האַרץ דעם "קלאַסן־שונא", ווייל לשם דער רעוואָלוציע, לשם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָ־נאַליזם און נאָך אַזעלכע שיינע אידייען זענען אַלע מיטלען הייליק.

אויך אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג קען מען אָנווייזן אויף רעצידיוון פון דער אַזוי גערופענער "רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק". באַזונדערס ביי פּעפערן און כאַריקן אָבער צום שבח פון דער יידישע דיכטונג דאַרף געזאָגט ווערן, אַז

אין דעם זעלבן ערשטן יאָרצענדליק האָט זי געהאַט אין זינען אַ מער מענטשלעכן פליכט — גראָד אין די צוואַנציקער יאָרן איז געשאַפן געוואָרן דורך איר די נאַציאָנאַל־טראַגישע עפּאָפּייע וועגן די מאַסן־שחיטות פון יידן בעתן בירגער־קריג.

אַלזאָ — "סאָציאַליסטישער רעאַליזם" איז אייגנטלעך נישט קיין ליטעראַרישע שיטה. ס׳איז אַן אַנגעטראַכטע פּרוכטלאָזע קאָנצעפּציע און קיינער ווייסט נישט מיט וואָס מע עסט עס...

"רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם" דאַקעגן איז שוין דווקא געגנוג פּרוכטבאַר און ענג פאַרבונדן מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט — די ווירקלעכקייט פון צוואַנגס־לאַגערן, פּראָצעסן, מאַסן־מאָרד, די ווירקלעכקייט פון רדיפות קעגן אַנדערש דענקענדיקע, פון "ווער ס׳איז נישט מיט אונדז איז קעגן אונדז" און "אויב דער שונא גיט זיך נישט אונטער דאַרף מען אים פאַרניכטן" (מ. גאָרקי).

אויב פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם פון די צוואַנציקער יאָרן קען מען געפינען וועלכן ס׳ניט איז זכות, איז דאָס אַ דאַנק איר אויפריכטיקן גלויבן אין דער סאָציאַלער גערעכטיקייט פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אַ דאַנק די טראַגישע טענער, וועלכע שלאָגן זיך צייטנווייז דורך פון צווישן דער רעוואָלו־ציאָנערער בראַוואָדע און פּאַטעטישקייט, ווען די אידעאַליסטישע ריינקייט פון איר גלויבן שטויסט זיך אָן אויף דער בלוטיקער ווירקלעכקייט (דערמאָנט זיך די שפּעטערדיקע מאָטיוון אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־מאָטיוון פון איבער־בראָך און בראָך, פון "וויי און מוט").

דער ווייטערדיקער גורל פון די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער איז באַוווסט: דער אידעאַליסטישער גלויבן האָט זיך אויסגעוועפּט. טייל זענען אַנטשוויגן גע־וואָרן, ווייל אויך איבער זיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די האַק פון "רעוואָלוציאָנערן מידת הדין", טייל זענען פאַר פּחד שטעקן געבליבן אין דער ספערע פון בירגער־קריג, איבערזינגענדיק דעם "ראָמאַנטיזם פון די צוואַנציקער יאָרן"; די גרעסטע טייל אָבער — ווער מחמת דעם זעלבן שטייגנדיקן פּחד, ווער צוליב לויבבאַרקייט און קאַריעריזם — האָט דעגראַדירט — פון באַזינגען די רעוואָלוציאָנערע באַ־פרייער פון קנעכטשאַפט, ביז צום קנעכטישן פאַרגעטערן דעם "פירער פון פעלקער", זיין פאַרטיי און אַלע זייערע רוצחישע מעשים.

וואָס שייך דעם "רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם" פון דער "ליבעראַלער היינט־צייטיקייט" איז ער באַרופן אויסצודריקן די אידעאָלאָגיע פון סאַמע ציניש̈ן סאָוועטיש־גרויסרוסישן אימפּעריאַליזם. און דאָס איז אייגנטלעך אַלץ, ניט מער און ניט ווייניקער!

3. שהחיינו...

שוין אַוודאי אַ יאָר דרייסיק צי מער, ווי אונדזער ליטעראַטור לעבט, — אַזוי צו זאָגן, — פון איר "קערן". נישטאָ קיין פרישער צופלוס פון יונגע כוחות. אַלע

אונדזערע אַנשטרענגונגען אויף דעם געביט — די קולטור־געזעלשאַפטן און קולטור־צענטערס האָבן נאָך ליידער קיין "צענטן צום מנין" נישט אויסגעכאָוועט. דער שטייַגנדיקער אינטערעס צו יידיש בייַ דער יוגנט פאַר די לעצטע יאָרן, די הונדערטער סטודענטן אויף די צענדליקער יידיש־קאַטעדרעס גיבן אונדז אפשר אַ פרישן צופלוס פון זאַכקענער און פאַרשער, אָבער קיין קרעפטיקע ליטעראַטור־שעפער איז אונדז דערפון נישט צוגעקומען... ס'פלעמלען צייַטנ־ווייַז אויף גרעסערע האָפענונגען, ווען מיר ווענדן אונדזער אויסגעבענקטן בליק צו די אַקטיוויטעטן פונעם "יוגנטרוף" און צו באַזונדערע גרופּקעס יוגנטלעכע יידיש־ענטוזיאַסטן, צעשפּליטערטע אין פאַרשידענע וועלט־עקן. דאָך — פיל מאָל פאַלן אַרייַן, אפילו די גרעסטע אָפּטימיסטן צווישן אונדז, אין יאוש און ס'פאָדערט זיך גרויס מוט פאַרצווזעצן דאָס ווייטערדיקע שאַפן, — ס'באַשווערט דאָס אומ־דערטרעגלעכע געפיל פון לעצטיקייַט, דאָס געפיל, אַז קיינער, קיינער שפּאַנט נישט הינטער אונדז, אַז קיינער וועט נישט איבערלעבן אונדזערע בייגער...

די טראַגישע סיבות פון אַט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט זענען גענוג באַקאַנט און ס'האָט נישט קיין זין אַצינד זיך אָפּשטעלן אויף זיי...

ווען מיר בלעטערן פאַרשידענע "קינדער־צייַטונגען", "ענגע־בענגעס", דעם ניו־יאָרקער "יוגנטרוף" און מאָנטרעאָלער "דער נייַער דור", ווען מיר לייענען די שאַפונגען פון די יונגע מחברים דאָרטן, באַקומען מיר צומאָל אַ מאָדנעם אייַנדרוק: מיר ווייסן דאָך, אַז קינדער, בעת זיי שפּילן זיך, נעמען אָן פאַר זייער ערנסט אַפילו די סאַמע פאַנטאַסטישע שפּיל זייערע. דאַקעגן בייַ די יוגנטלעכע מחברים אונדזערע, בעת מיר לייענען זייערע ווערק, מאַכט עס אַן אייַנדרוק, אַז זיי שפּילן זיך אין ערנסטקייט, כדי אַרויסצורופן אַ נחתדיקן שמייכל בייַ די גליקלעכע עלטערן... גיב גאָט, אַז די יוגנטלעכע "האָבי" פון שרייַבן יידישע ליטעראַטור זאָל זיך ענדלעך פאַרוואַנדלען אין עכטער שעפערישקייט! ס'איז שוין געקומען די צייַט פון רייַפקייַט, אויסהיטנדיק, פאַרשטייט זיך די קינדעריש־ריינע תמימות.

אפשר? — דאָס קליינע בוך א.ג. "די געהיימע שליחות" פון לייבל באַטווייניק גיט מיר אַ גרונט צו קלערן, אַז די צייַט פון רייַפקייַט איז געקומען!

לייבל באַטווייניק איז אַ יונגער בחור (21 יאָר!), געבוירן אין קאַנאַדע (מאָנטרעאָל), לעצטנס — זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל "דער יונגער דור", אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל דורך דער משפּחה באַטווייניק. לייבל איז אויך דער מחבר פון אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אין זעלבן זשורנאַל, ווו ער פּראָפּאַגאַנדירט לייַדנשאַפטלעך און מיט גרויס ליבשאַפט די יידישע שפּראַך און קולטור.

אַט ליגט פאַר מיר אַצינד זייַן ערשטלינג־ספרל "די געהיימע שליחות" — אַ פאַנטאַסטישע דערציילונג; און... ס'איז נישט שייך איבערדערציילן די שפּאַנענ־דיקע סיפּור־המעשה — כ'בין זיכער, ס'וועט זיך נאָך געפינען נישט איין לייענער, אויך פון יונגן דור, וואָס וועט זייַן פאַראינטערעסירט נאָכפאָלגן די געשעענישן

און האַנדלונגען אַזוי ווי סע שילדערט זיי דער מחבר אַליין. און זאָגן דאַרף מען, אַז אָט דאָס פּײַנע בחורל באַהערשט קודם כל די קונסט פון אַנטוויקלען סטרוקטורעל און אינטריגירנדיק דעם סוזשעט, אַ קונסט וואָס נישט ווייניק הײַנטצײַטיקע פּראָפעסיאָנאַלן האָבן, לײַדער, פאַרגעסן... נאָך אַ מעלה — לייבל באַטוויניק גלויבט אין דעם וואָס ער אַליין שילדערט און וואָס ער אַליין רעדט אין אונדז אַריין, דעריבער איז קיין חידוש נישט וואָס אויך אונדז צווינגט ער צו גלויבן אין די סאַמע פאַנטאַסטישע סיטואַציעס פון זײַן פאַנטאַסטישער דערציילונג און מיר נעמען אָן, מיר ווערן אויף ס'נײַ און ווידערגעבוירן־באַווירקט פון דער הויפּט־אידיי וואָס צעמענטירט דעם אייביקן פאָלקס־קיום און איז פאָרמולירט און פּאַראַלעגמיינערט צום סאַמע סוף פון אָט דעם מערקווערדיקן ספּרל: "אָן אַ נעכטן איז נישטאָ קיין מאָרגן", "און אַז מע בויט ניט קיין נײַע זאַכן אויפן באָדן פון אַלטן, איז די צוקונפט הפקר"...

לייבלס פּראָזע איז אַ זאַכלעכע. מע קאָן אַפילו זאָגן, — אַ ביסל צו זאַכלעך, צו טרוקן און נישט נאָר דערפאַר, ווײַל ער איז אַ סטודענט פון קאָמפּיוטער־וויסנשאַפט, נאָר אויך, ווײַל ער פּרוווט טעכניש באַגרינדן די "צײַט־מאַשין", וועלכע דער הויפּט־העלד האָט אויסגעבויט. אָבער צווישן די טרוקענע שורות קלאַפּט דאָס יונגע האַרץ פון אַ הייסן ייִד. דער איינדרוק איז, אַז צווישן אָט די טרוקענע שורות בליצן אויף דאָ און דאָרט עלעקטרישע פונקען.

אַוודאי קאָן מען אָנווײַזן אויך אויף חסרונות — ס'פּעלט אויס פאָלקס־טימלעכקײַט, אַ שמייכל, אַ חן־פינטל, אַ ביסעלע שטייגער, באַזונדערס דאָרט ווו ס'ווערט געשילדערט דאָס פאַרמילחמהדיקע ווילנע. ס'קלינגט, למשל, ווי אַ וויץ, ווען דער מחבר באַשרײַבט ווי אַזוי אַ ווילנער בחורל נעמט זיך... וויצלען: "ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, גיט אַ וווּנק צו ישראלן און קאָנטינואירט..." (ז. 24). צי: "דאָן שײַנען זײַנע אויגן מיט אַזאַ אינטעסיוזקייט, אַז..." (ז. 62). און ענלעכע פאַרדריסלעכקייטן טרעפט מען דאָ און דאָרט... אָבער חסרונות זענען, לײַדער, אומפאַרמיידלעך פאַר אַזאַ באמת פּיאָנערישער דערציילונג ווי "די געהיימע שליחות".

ס'ווילט זיך נאָך צוגעבן, אַז באַטוויניקס ביכל איז אַרויסגעגעבן זויבער און מיט געשמאַק. די קאַליריקע הילע איז פּײַן געצייכנט פון מחבר גופא בשותפות מיט יהודית בראַכפעלד. און נאָך אַ לויב צום מחבר — ער אַליין האָט אויסגעזעצט צום דרוק דאָס ביכל זײַנס, ער אַליין, ווײַזט אויס, האָט אויסגערעכנט, אַז אונדזער לייענער נייטיקט זיך מער פון אַלץ דווקא אין אַזאַ שריפט: פעטע קאָרפּוס־אותיות. אונדזערע לייענער זענען אָדער באַיאָרטע לײַט אָדער... יונגע אָנפאַנגער.

דער אַרויסגעבער איז לייבלס פאָטער — דוד באַטוויניק. אין זײַן פאָרוואָרט שרײַבט ער:

"אין דער וועלט גייען אַרויס יעדן יאָר, פאַרשיידענע ביכער: גוטע, ערשט־קלאַסיקע, שוואַכערע אָדער שוואַכע. אויב ס'איז באַשערט, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל געהערן צו די שוואַכערע — וועט די וועלט, צוליב דעם ניט אונטערגיין"...

ס׳ווילט זיך פֿאַרזיכערן דעם אַרויסגעבער: ניין דאָס בוך געהער נישט צו די שוואַכערע ביכער. ס׳אַ גוטע פּראָבע. ס׳איז אַ גוטער אָנהייב! צי וועט נאָכוואַקסן שפּעטער דער יונגוואַלד צו דעם ערשטן גערעטענעם יאַדליקל, וואָס האָט אַזוי שיין אַרויסגעשפּראָצט פֿאַר אונדזערע אויגן? — הלוואַי!

אָבער: אַ שהחיינו דאַרף מען בפּירוש מאַכן. און מיטן גאַנצן האַרצן, מיט גרויסן גלויבן!

4. דער דאַמען־שנײַדער זאָגט קדיש איבערן באַבי יאַר...

די טעאַטראַלע מאָסקווע טומלט זיך אַרום דער נײַער פּיעסע פֿון אַלעקסאַנדער באַרשטשאַגאָווסקי ״דער דאַמען־שנײַדער״. לאָמיר דאָ, אגב, באַמערקן, אַז אַ. באַרשטשאַגאָווסקי איז בעת די שוואַרצע סטאַלין־יאָרן געווען איינער פֿון די אַמיינסטנס געזידלטע און געיאָגטע צווישן דער גרופּע טעאַטראַלע קריטיקער־״קאָסמאָפּאָליטן״. זיין פּיעסע ״דער דאַמען־שנײַדער״ שפּילט דער מאָסקווער יידישער טעאַטער־אַנסאַמבל אין רוסיש אויף די בינע־ברעטער פֿון ציגײַנער־טעאַטער ״ראָמען״.

לויט אונדזערע ידיעות איז דער ספּעקטאַקל געגאַנגען פֿון סוף אָקטאָבער 1980 — אַ גאַנצע וואָך נאָך אַנאַנד, אָבער לאַנג נאָך פֿאַר דער פּרעמיערע זענען שוין אויס־פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַלע בילעטן. באַרשטשאַגאָווסקיס פּיעסע קלינגט ווי אַ שאַרפֿער דיסאָנאַנס צו דער צעיושעטער אַנטיסעמיטישער קאָמפּאַניע, וועלכע ס׳פֿירן די סאָוועטישע אינפֿאָרמאַציע־צענטערס אונטער דער צוגעגעסענער מאַסקע פֿון ״אַנטי־ציוניזם״.

אין ספּעקטאַקל ״דער דאַמען־שנײַדער״ ווערט פֿאַרגעשטעלט די טראַגעדיע פֿון באַבי יאַר. די העלדן — אַן עלטערער ייד אַ שנײַדער, וואָס וווינט אין קיעוו צוזאַמען מיט זיין משפּחה — אַ פֿרוי, אַ טאָכטער און אַן אייניקל — אַ מיידל פֿון אַ יאָר 15—16. די יונגע מענער פֿעלן — אַלע זענען נאָך פֿריער אַוועק אויפֿן פֿראָנט. די העלדן פֿון דער פּיעסע לעבן אין גרויס פּחד פֿאַר דער דראָענדיקער געפֿאַר פֿון דער היטלעריסטישער מאָרד־מאַשין. דאָך זענען זיי נאָך פֿעיק צו האָפֿן, שמייכלען און אפֿילו טרויעריק זיך וויצלען...

די טענדענץ פֿון אָט דער פּיעסע איז געצילט צו צײַגן דעם עולם, אַז ״אויך בײַ אונדז זענען פֿאַראַן סײַ גוטע און סײַ שלעכטע לײַט״. ״מיר, יידן, זענען אַזעלכע ווי אַלע״. דער דאָזיקער באַנאַלער אמת איז, דאַרף מען זאָגן, אַן אויסער־געוויינלעכער פּראָגרעס אין דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע פֿאַר די לעצטע 30 יאָר...

...ס׳קומט דער טאָג, ווען די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפֿט באַפֿוילט אַלע קיעווער יידן זיי זאָלן זײַן גרייט צו דער ״מאַסן־עוואַקואַציע קיין מערב״.

— צוליב וואָס איז דאָס נייטיק און פֿאַר וואָס עפּעס נאָר יידן? — פֿרעגט דער אַלטער שנײַדער.

— די דײַטשן זענען אַן אָרגאַניזירט פֿאָלק — דערקלערט אים די נאַיווע און גוטהאַרציקע רוסישע פֿרוי, וועמענס משפּחה מע באַזעצט אין הויז פֿון יידישן שנײַדער, "אויף דער צײַט פֿון זייער אָפּוועזנהייט" — זי זאָגט ווײַטער: "מעגלעך זיי ווילן אַריבערפֿירן אַלע יידן אויף אַ וויניקער געפּערלעכן פּלאַץ".

— יאָ, אָבער מיר זענען דאָך 100,000 נפֿשות, ווו וועלן זיי קריגן אַזוי פֿיל וואַגאָנעס? — פֿרעגט אַ מבֿולבלער דער אַלטער ייד...

— נישט געווען קיין שום וואַגאָנעס! — שרײַט אויס אין פֿאַרצווייפֿלונג זײַן אייניקל, וועלכע רײַסט זיך אַרײַן אין שטוב אַ בלאַסע, אַ צעהרגעטע, אין צעפֿליקטע און פֿאַרבלוטיקטע קליידער אויפֿן לײַב... פֿון אונטער די צעשאָסענע קרבנות אין באַבי יאַר האָט זי זיך שפּעט אין דער נאַכט אַרויסגעקראַבקעט אַ לעבעדיקע און אַ האַלב־געריירטע דערשלעפּט זיך אַהיים, ווו ס'לעבן איצט די רוסישע שכנים...

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון "ניו־יאָרק טײַמס" ענטאָני אָסטין איז בײַגעווען אויף דער גענעראַל־פּראָבע און פֿון מאָסקווע צוגעשיקט זײַנע אײַנדרוקן.

נאָכן גענעראַלן דורכקוק האָט די וואַכזאַמע צענזור אויסגעשניטן אַ פּאָר שטאַרקע סצענעס, וועלכע האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן נישט גענוג "כשר". באַזונדערס, דערציילט מען, האָט אויפֿטרייסלענדיק געווירקט דאָס פֿאַרוועריטע בילד, ווו דער העלד פֿון דער פּיעסע שטייט איבערגעדעקט מיטן טלית און זאָגט קדיש נאָך די דערמאָרדעטע. בײַ דער זײַט שטייט די רוסישע פֿרוי און מורמלט טרויעריק איר אייגענע "מאָליטווע"...

פֿרעגט זיך, פֿאַר וואָס האָבן די סאָוועטישע מאַכטהאָבער אַרויסגעלאָזט אויף דער ליכטיקער שײַן אַזאַ ספּעקטאַקל, וועמענס תוכן מע קען אויסטײַטשן פּראָסט און פּשוט: דער באַבי יאַר איז די טראַגעדיע פֿון יידישן פֿאָלק און יידן זענען ענלעך צו אַלע אַנדערע מענטשן. דאָס איז דאָך פּונקט דאָס פֿאַרקערטע פֿון דעם, וואָס די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט נישט מיד צו פּריידיקן מיט מאַניאַקישער מעטאָדישקייט במשך צענדליקער יאָרן!

דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט איז צעטומלט און פּרוווט זיך דאָס דער־קלערן מיט דער "סודותפֿולער סלאַווישער נשמה" פֿון די קרעמל־מנהיגים.

מער דערפֿאַרענע זאַכקענער פֿון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט צווייפֿלען נישט, אַז די דערלויבעניש צו ווײַזן אויף דער בינע "דער דאַמען־שנײַדער" איז נישט מער ווי איינע פֿון די שמד־שטיק, אויסגערעכנט אויף צו באַווײַזן דער פֿרײַער וועלט ווי גרויס ס'איז דער "ליבעראַליזם" פֿון דער סאָוועטישער סיסטעם און איינצײַטיק אויך צו לעשן די שטײַגנדיקע עמיגראַציע־שטימונגען בײַ דער יידישער באַפֿעלקערונג.

איבערן באַבי יאַר שטייט אַ דענקמאָל, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט:

"דאָ האָבן אין פּעריאָד פֿון 1941 ביז 1943 יאָרן די דייטשיש־פֿאַשיסטישע

אָקופּאַנטן פֿאַרניכטעט העכער 100.000 איינוווינער פֿון קיעוו".

די גידן פֿון "אינטוריסט" חזרן איבער מיט זעלטענער עקשנות, אַז אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מאַכט מען נישט קיין אונטערשייד צווישן רוסן, אוקראַינער און יידן.

בלויז פאַר באַזונדערס „אײַנגעגעסענע" אויסלענדער גיט מען צו דערקלערן מיט אַ האַלב מויל: „מעגלעך, אַז אַ העלפֿט פֿון די דערמאָרדעטע זענען אפֿשר געווען יידן"...

ס'איז באַוווּסט, אַז אין האַרבסט 1941, במשך צען טעג — פֿון ראש השנה ביז יום כּיפּור האָט מען אין באַבי יאַר מיט קוילנוואַרפֿערס אויסגעשאָסן העכער נײַנציק טויזנט יידן.

מרדכי חסיד

(זע אויף ז. 145).

געבוירן אין סעקוראַן, בעסאַראַביע, אין יאָר 1909. דיכטער, דערציילער און רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „קענעדער אַדלער".

פֿאַרענדיקט די גימנאַזיע אין סעקוראַן, שטודירט אין בית־מדרש למורים אין ווין ביז 1930.

ביז 1944 געאַרבעט אַלס לערער אין אַ העברעיש־פֿינישער שול אין פֿינלאַנד.

אין די יאָרן 1944—1950 האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער קולטור־אַרבעט צווישן דער שארית־הפּליטה בײַ דער יידישער קהילה אין שטאָקהאָלם. פֿון 1950 — אַרבעט ער אין די יידישע שולן פֿון קאַנאַדע.

אין יאָר 1928 האָט ער באַקומען די ערשטע פּרעמיע פֿאַר זײַן דערציילונג „טעג און נעכט", אויף דעם ליטעראַרישן קאָנקורס פֿון „אונדזער צײַט" (קעשעניעוו). פֿון דאַן — פֿאַרעפֿנטלעכט ער לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען אין „אונדזער צײַט", „טשערנאָוויצער בלעטער", „אײַנזל" — בוקאַרעשט; „אויפֿגאַנג" — סיגעט; „ליטעראַרישע בלעטער" — וואַרשע; „יידישע בילדער" — ריגע; „יידישע פֿאָלקס־צײַטונג" — בראַזיל, און פֿיל אַנדערע. באַקומען די י. י. סיגאַל ליטעראַטור־פּרעמיע (1969).

אין בוכפֿאָרם זענען דערשינען: „פֿאַרמען אין ברען", דערציילונגען, ווילנע, 1938, פֿאַרלאַג ב. קלעצקין; „דורות שרײַען מיך אַריבער", „מאָנטרעאָל 1969; „אַ שאָטן טראָגט מײַן קרוין", מאָנטרעאָל 1975.

מאיר חרץ

אָפּרופֿן

דוד ספֿאַרד — שפּאַצירן אין דער נאַכט

נישט דעם יידישן לייענער און אַוואַדע נישט דעם יידישן שרײַבער, דאַרף מען דערציילן ווער דוד ספֿאַרד איז. דוד ספֿאַרד איז אַ אַלטבאַקאַנטער נאָמען פֿון אַ יידישן שרײַבער, וואָס האָט שטודירט פֿילאָזאָפֿיע, געשריבן ליטעראַטור-קריטיק, געשריבן לידער און בשעתו אויך דערציילונגען, געווען דער רעדאַקטאָר פֿון פֿאַרלאַג "יידיש-בוך" אין נאָך מלחמהדיקן וואַרשע, געווען דער לעצטער רעדאַקטאָר פֿון די וואַרשעווער "יידישע שריפֿטן" ביז דעם סאַמע לעצטן נומער און איז הײַנט מיטרעדאַקטאָר פֿון אונדזער "ירושלימער אַלמאַנאַך", ווו ער דרוקט אין יעדן נומער ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען און לידער.

פֿון זײַן ערשטן לידערבוך "שטאַפּלען" אין יאָר 1929 ביז צו זײַן איצטיקן זעקסטן לידערבוך "שפּאַצירן אין דער נאַכט" פֿון 1979, איז אַ מהלך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט, איז אַ וועג אויף וועלכן ער גייט פֿון ליד צו ליד ווי אויף שטאַפּלען אַראָפּ און אַרויף. ער ציט אַ מאָל ווי "אַ זעגל אין ווינט", אַ מאָל "מיט באַרוויִקסע טריט" דורך "ברענענדיקע בלעטער" ביז ער קומט צו זײַנע איצטיקע "שפּאַצירן אין דער נאַכט":

> דורך אַ וואַלד פֿון דערנער
> שלאָגט זיך דורך אַ וועג
> מײַן יידיש ליד.

דאָס זענען די ערשטע שורות פֿון זײַן איצטיקן בוך. נאָך "ברענענדיקע בלעטער" איז "שפּאַצירן אין דער נאַכט" דאָס צווייטע לידערבוך ספֿאַרדס אין ישראל, ווו ער האָט בײַ זײַן אָנקומען דערזען אַז:

> מײַן נאָמען איז פֿאַרקריצט אויף יעדן שטיין,
> מײַן שטים הילכט אָפּ פֿון יעדער ווײַט,
> אַ גאָלדיק ליכט מיך אומעטום באַגלייט.

און ערגעץ ווײַטער אין אַן אַנדער ליד:

דעם לויטערן תּנכישן באַגינען
פֿון מײַנע פֿרילינגדיקע יאָר
האָב איך בײַ דיר איצט אָפּגעפֿונען
אויף דער וואָר.

ווען מיר קומט אויס צו לייענען דודס ספֿאַרדס קריטישע אַרטיקלען דערפֿיל איך גלײַך דעם דאָקטאָר פֿילאָזאָפֿיע דוד ספֿאַרד, וועלכער בויט אין יעדן אַרטיקל באַזונדער אויף צוערשט די מאָס און די וואָג, מיט וועלכער ער מעסט און וועגט דערנאָך זײַנע אָפּשאַצונגען פֿונעם באַהאַנדלטן ווערק. ווען איך לייען די לידער פֿון דוד ספֿאַרד דערפֿיל איך גלײַך דעם קריטיקער, וועלכער ווייסט גענוי וואָס אַ ליד איז און וועלכע זענען די קאָמפּאָנענטן, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך ביים בויען דאָס ליד:

נאָכאַנאַנד גייען כוואַליעס איבער טײַכן
און קיין איינע קען די צווייטע נישט דערגרייכן,
ביז זיי קומען צו די ימען,
צו באַהעפֿטן זיך צוזאַמען.

ווי יעדער פּאָעט, וואָס זיין וועג איז נישט קיין אויסגעפּלאַסטערטער, נישט פֿרײַ פֿון שטרויכלונגען און אָפּנויגן, מאַכט אויך דוד ספֿאַרד זײַן חשבון הנפש, וואָס ער ברענגט אים פֿאַר זײַן לייענער:

דאָרטן איז דער סיר הבשר אפשר פֿולער
און די וויגנטן פֿאַשען זיך אין רו,
נאָר אין יעדער פֿרעמדער גאולה
איז באַהאַלטן ווי אַ שלאַנג, אַ בייזע שעה.

ווינטשן מיר אונדזער דיכטער, ער זאָל פֿון זײַן נאַכט־שפּאַציר אַרויסקומען צו די "לויטערע פֿאַרטאָגן", וואָס ער דערמאָנט אַזוי אָפֿט אין זײַנע "שפּאַצירן אין דער נאַכט".

חיים מאַלטינסקי

איך דערמאָן זיך אין די דרײַסיקער יאָרן, אין טשערנאָוויץ, פֿלעגן מיר, אַ גרופּע חברים, זיך אָפֿט צונויפֿזאַמלען און איינער פֿון אונדז — דער פֿילאָזאָף — ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן, האָט זיך גענומען אויפֿן קול אונדז מאַטערן מיטן פֿאַרמולירן זײַנעם אַ נײַעם "געניאַלן" געדאַנק. ער האָט, נעבעך, שווער געהאָרעוועט בײַם קלײַבן, בראַקירן און צוקלײַבן די פּאַסיקסטע ווערטער, בײַם בויען און צען מאָל איבערבויען דעם זאַץ און דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, אויפֿן קול, נישט רעכענענדיק

זיך דערמיט, וואָס די אַרומיקע איז שווער נאָכצופאָלגן זײַנע מאַטערנישן.
זיצן מיר אַ מאָל אַזוי און אַט, זעט מען, וויל ער ווידער אָנהייבן. רופט זיך צו אים אָן איינער פֿון אונדז: איך זע, דו קלײַבסט זיך אונדז עפּעס נײַס צו פֿאָרמולירן, זײַ אַזוי גוט און דערצייל אונדז פֿריער וועגן וואָס סע האַנדלט זיך און אַז יענער האָט געפֿאָלגט און דערציילט, האָט אים דער בעל בקשה אָפּגעשטעלט און אויסגעשריגן: געֶנוג! ס׳איז אויסגעצייכנט, בעסער דאַרף מען נישט!
ווען איך לייען חיים מאַלטינסקיס לידער און איך לייען זיי אָפּט און מיט פֿאַרגעניגן, קומט מיר פֿאָר, אַז ווען מאַלטינסקי נעמט דעם בלײַער אין האַנט און נאָך איידער ער נעמט זיך בויען פֿערזן, פֿאַרצייכנט ער אויף דער ערשטער מינוט טאַקע פֿאַר זיך אַליין וועגן וואָס ער וויל דיכטן און אַז ער לייענט איבער דעם טשערנאָוויק, די טיוטה, ווי סע הייסט דאָ, זאָגט ער זיך: גענוג, חיים, ס׳איז דאָך אויסגעצייכנט!
״די געפֿילן, / מײַן נשמה־פֿײַער, / כ׳גיב אַרײַן מיט אימפּעט / אין מײַן בלײַער. / טוקט ער זיך אין שניי / פֿון ווײַסן בויגן, / דאָס געזיכט צו קילן / און די אויגן. / נאָר עס ווערט אים / פֿון דעריין ניט גרינגער, / פֿלאַמען רײַסן זיך / פֿון מײַנע פֿינגער. אײַנגעהילט, / אַרומגעכאַפּט מיט פֿײַער, / לויפֿט איבערן פֿעלד־פּאַפּיר / מײַן בלײַער.״
אָפּט קומט מיר אַפֿילו פֿאָר, אַז ווען בײַ מאַלטינסקין רײַסן זיך אַ מאָל אַרויס פֿערזן אין אַ צו פּערפֿעקטער און פֿרעמדער פֿאָרם, פֿערזפּעקטע ריטמען און גראַמען, טרײַבט ער זיי צוריק צום כלומרשטן טשערנאָוויק, ווײַל אַזאַ איז דער נוסח, נאָר זײַנער און ער וועט אים נישט פֿאַראַטן דעם נוסח זײַנעם.
מאַלטינסקיס לעבנסבאַשרײַבונג קען מען אין קורצן אײַנטיילן אין דרײַ טיילן: א. שלאַכטן אויפֿן פֿראָנט אין די רייען פֿון דער רויטער ארמיי. ב. סאָוועטישע תּפֿיסות און ג. יידישע לידער, יידישע פּאָעזיע, וואָס ער האָט מיטגענומען אהער קיין ישׂראל. אויף די פֿראָנטן האָט ער איבערגעלאָזט זײַנע פֿיס, אין די תּפֿיסות — דאָס געזונט, נאָר זײַן יידישע דיכטערישע נשמה האָט ער געבראַכט אַ גאַנצע. דאָ אין ישׂראל האָט ער ביז הײַנט אַרויסגעגעבן דרײַ לידערביכער: 1. ״די ערד פֿאַרשטייט, ת״א 1976; 2. מײַן מאַמעס אָנבליק, ת״א 1977; און 3. ״מײַן דמיון־בריק״, ת״א 1978. לעצטנס איז דערשינען זײַנס אַ פּערט לידערבוך א.ג. ״פֿרישע ווינטן״, וואָס מיר נעמען דערפֿון אַרויס עטלעכע שורות פֿון אַ ליד:
״איך קוק מײַן אייניקל, מײַן סברהלע, / ער שלאָפֿט אין גאַנצן אָן אַ קישן... / כ׳בין אויך דאָך יונגערהייט אין די רעדאַקציעס / געשלאָפֿן אויף די האַרטע טישן; / אין דער מלחמה־צײַט אין רי טראַנשייען — / אויף ערד אויף זומפּיקער / און אויף די קאַלטע שנייען. / און שפּעטער אין די סטאַלינישע קאַזעמאַטן / אויף צעמענט / און אויף די סוקעוואַטע נאַרעס, / נאָר תּמיד כ׳פֿלעג זיך סטאַרען / מײַן פּויסט אונטערצושפּאַרן, / ווײַל קאָן מען דען אָן אַ צוקאָפּנס ליגן? — / און דאָ איך זע מײַן אייניקל, מײַן סברהלע, / האַלט צוגעפּלעטשט דאָס אויערל צו דעם מאַטראַץ / און פֿאָפּט מיט פֿאַרגעניגן. / עס ציט אַזוי מיך צוצוגיין צו

אים / און מײַן פּוכאַווע קישעלע פּאַוואָלינקע / אין אונטערראָקן... / מײַן טאַכטער שמייכלט אין דער שטיל: / — אַזוי זענען די קינדער דאָ געווינט / און דו געוווין זיך צו אויף דעם צו קוקן..."

וועגן אַלכסנדר שפּיגלבלאַטס לידערביכל "וואָלקנבּרעמען"

שוין דער נאָמען פון אַלכסנדר שפּיגלבלאַטס קליינער לידערזאַמלונג "וואָלקנבּרעמען" ווײַזט אויף אַן אייגענער דיכטערישער שיטה, אויף אַן אייגענער פּריזמע פון זען.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער דיכטער שפּיגלבלאַט איינער פון די יונגע, איינער פון די ווייניק יונגע. אַכט און פערציק האַרבסטן אַלט פון וועלכע "אַלע שעהען רעגענען אויף זײַן לײַב" און ער געדענקט זיי, די רעגנדיקע שעהען סײַ אויסנווייניק און סײַ, ווי ער דריקט זיך אויף זײַן אופן אויס, אינעווייניק און:

> צווישן אויס־און־אינעווייניק
> האָט אַן אָדערל געפּלאַצט,
> וואָס דאַרף פאַרגעסן.

דאָס אָדערל אָבער, וואָס דאַרף פּלאַצן, פּלאַצט נישט און שפּילט ווײַטער דאָס מאָל אויפן זכרון־קלאַוויר:

> מיידלישער אַרבל־געוויטער
> אויף בראָנדזענער הויט.
> אַ רמז פון זיגמונד פרויד
> בײַטשט מיט גאָלדענע ריטער.

דער פּחד איז אַלט ווי דאָס לעבן אויף דער וועלט און קיין דיכטער דאַרף אים נישט אויסבאַרגן בײַם צווייטן. יעדער האָט זיך זײַן אײַנגעבוירענע שרעק. ער לאָזט העכסטנס פון אַנדערע זיך דערמאָנען אין איר. שפּיגלבלאַטן "ברענגט די פינצטערניש דעם ריח פון שרעק / געזאָלצן מיט קינדערשע טרערן".

ווי פאַר דער מוזיק איז די ראָם אויך פאַר דער דיכטונג דער שטח פון צײַט, אין וועלכער סע פליסן ווי ריטמען נישט נאָר די שעהען, וואָס רעגענען, אויך "שעהען פאַרברענטע, "שעהען צעשאָטענע", "איבערגעדרייטע שעהען", בשעת דעם זייגערס:

> אַ דינע ספּרוזשינע, אַ שטאָלענע בלאָע
> ציט דאָרט אַרויס דעם מאַרך פון די שעהען.

און צווישן די שעהען — "אַ שטילע רגע" און אַז שפּיגלבלאַט שעלט שטאַמלט ער אַ קללה און וויל ער תּפילה טאָן, "קומט די תּפילה פאַרוואַנדלען זיך אין טרערן".

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט די פֿלאַך, דאָס בלאַט פֿונעם שפּיגל מיט אַלע זײַנע טיפֿקייטן אין די בילדער פֿון דער דיכטונג פֿון שפּיגלבלאַטן. דאָס ערשטע ליד מיט וועלכע ער עפֿנט זײַן לידערזאַמלונג הייסט ״אויפֿן שפּיגל פֿון מײַן אויג״ און דער בוים אויפֿן ראַנג ערגעץ ווײַטער מיט עטלעכע זײַטלעך איז בײַ אים ״אַ גרינער פּאָרטרעט״:

אַ גרינער פּאָרטרעט אין אַ זילבערנער רעם,
אין שפּיגל ווערט ליכטיק און קאַלט.

און וועגן זײַן אייגענעם פּאָרטרעט זאָגט ער:

פֿרעמדע פֿאַסטעכער האָבן געפֿונען
אויפֿן וואַסערשפּיגל מײַן פּאָרטרעט,
האָבן זיי פֿאַרשטאָפּט דעם ברונעם
מיט מדבר־דיקער שנאה.

איז אָבער דאָס בלייענדיקע לעבן שטאַרקער פֿון דער מדבר־דיקער שנאה און:

די זאַמדזייגערס ווײַזן,
אַז דער וואַסערשפּיגל דעכעט.

שפּיגלבלאַט ציט זיך מיט אַלע רמ״ח אברים צו עכטקייט און צוימט זײַן ליד, סע זאָל נישט אַריבערשפּרינגען דעם גדר פֿון זײַן געמיט, נאָר אַז ער באַגעגנט אַ מיידל אַ רײַטערין:

טרײַב איך מײַן פֿעדער אַרויף און אַראָפּ
אין ריטם פֿון איר פֿאַרשײַטן גאַלאָפּ

דאָס מיידל איז ווײַס, דאָס פֿערדל איז בלאָ,
נישטאָ אַזאַ פֿערדל, זאָגסטו, נישטאָ?

מײַן פֿעדער ווייס בעסער, זי בלוטיקט דאָך בלאָ
און אַלץ וואָס זי בלוטיקט אַרויס איז דאָ.

מאיר יעלינס ״די מיראַזשן פֿונעם אַמאַק־לויפֿער אָסקאַר גריק״

מע מוז נישט האָבן געלייענט סטעפֿאַן צווײַגס באַרימט ווערק ״דער אַמאַק־לויפֿער״ און אויב מע האָט עס יאָ געלייענט צוריק, לאָמיר זאָגן, מיט אַ יאָר פֿופֿציק, מוז מען אויך נישט געדענקען די איינצלהייטן פֿון דאָזיקן ווערק, כדי צו קענען לייענען מאיר יעלינס ״די מיראַזשן פֿונעם אַמאַק־לויפֿער אָסקאַר גריק״ די מיראַזשן זענען ווי קאַפּיטלען, יעדער קאַפּיטל — אַן אַנדער מיראַזש.

איר עפנט אויף דאָס קליינע ביכל און איר לויפֿט אָן אויפהער מיטן העלד אַלע 190 זײַטלעך ביזן סוף. איר מוזט אויך נישט האָבן געלייענט מאיר יעלינס פריערדיקע צוויי ביכער. נאָכן איצטיקן ביכל וועט איר זיי סײַ־ווי־סײַ זוכן אויף איבערצולייענען. לייענט מען דאָך נישט די ווערק פֿון אַ שרײַבער אין זעלבן סדר ווי ער, דער שרײַבער, האָט זיי אָנגעשריבן. יעלינס איינציקע טעמע איז די שואה. אָסקאַר גריק, דער העלד פֿון איצטיקן ביכל איז אַ ייִד אָן אַ געלער לאַטע, וואָס שפּילט אויף דער אַרישער זײַט דעם דײַטש, נישט ערגער ווי די דײַטשן, וועלכע דאַרפֿן נישט שפּילן און נישט ערגער פֿון אים שפּילט מיט זײַן פֿרוי — די ייִדישע שיינהײַט מאַרגי. צוליב אירע שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן שפּילט זי אַ מישלינג פֿון אַ פֿאָלקסדײַטש מיט אַ מאַדיאַרין, אין דער אמתן שפּילן די דײַטשן אויך. זיי שפּילן די פּאַטריאָטן און דרייען זיך אויס פֿון צו גיין אויפֿן פֿראָנט, שפּילן די געטרײַע איבערגעגעבענע בירגער און לעקן אָפּ אַ פֿעט ביינדל פֿונעם אָנגערויבטן ייִדישן גוטס, וואָס לויטן געזעץ קער עס צו דער מלוכה־קאַסע. בלויז צוויי דײַטשן טרעפֿן מיר, וועלכע שפּילן נישט — דאָס איז אָרנאָ הײַנץ ווײַגעל, גריקס שולקאַמעראַד פֿון ווינער פֿראַנץ־יאָזעף גימנאַזיום, ער האָט פֿײַנט די נאַציס און קען זײַן שנאה לאַנג נישט אויסבאַהאַלטן, ער וויל עס אויך נישט, כאָטש דאָס גרענעצט ממש מיט זעלבסטמאָרד. דער צווייטער, וואָס שפּילט נישט, איז גריקס אויספּאַרשער, אין וועמעס בעגל אונדזער ייִדיש פֿאַרפֿאַלק פֿאַלט סוף־ סוף אַרײַן. די קאָנפֿראָנטאַציע פֿונעם דאָזיקן ראַבאַט־אויספֿאַרשער מיטן געפּאַקטן אַמאָק־לויפֿער ברענגט נאָך נישט צו דער פּוענטע. גריקן דאַכט זיך, אַז אים געלינגט אָנצוהייבן אַ נײַעם געלויף, אַ נײַע שפּיל מיטן דאָזיקן לעצטן פּאַרטנער זײַנעם, אַ שפּיל, וואָס איז אויסגערעכנט אויף צו געווינען צײַט, צײַט וואָס נעמט אין חשבון נישט נאָר טעג און שעהען, נאָר אויך מינוטן און אַפֿילו סעקונדעס. גאָר אַ זײַטיקער, נישט פֿאָרויסגעזעענער צופֿאַל — אַ טעלעגראַם צום דאָזיקן אויספֿאָרשער וועגן אַן אומגליק אין דער משפּחה, וואָס די מלחמה האָט זיך באַמיט אים אַ היים צו שיקן, אַ טעלעגראַם, וואָס זײַן שעף גיט אים איבער מיט געמאַכטן מיטגעפֿיל, ווײַל אין דער אמתן האָט ער פֿײַנט אָט דעם אידיאָט, וואָס מיינט עס ערנסט מיט די נאַציסטישע טעאָריעס און איז צופֿרידן פֿון אים פּטור צו ווערן.

דאָ דערגייט דער געלויף צו דער עפּאָגיי. גריק פֿאַרשפּילט צום שעף פֿון זײַן אויספֿאָרשער, ווי מע פֿאַרשפּילט צו אַ שלעכטן שאָך־שפּילער, ווייל מע קען קיין מאָל נישט אויסרעכענען זײַנע נאַרישע געגנג, וואָס ער וועט מאַכן פֿון פֿאָרויס. ער פֿאַרשפּילט גראָד דעמאָלט, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשפּילן די מלחמה. ער שפּילט קלוג און פֿאַרשפּילט נאַריש ווי יעדער פֿאַרשפּיל.

יחיאל גראַנאַטשטיינס "פֿרעמדע וועלדער — אייגענע ערד"

אויב אַ ייִדיש מעשה־ביכל האָט אַ מאָל אין די קרײַזן פֿון פֿרומע ייִדן געהייסן "טריף־פּסול", איז יחיאל גראַנאַטשטיינס נאָוועלע אין ייִדיש 100% כשר. ס'איז

אַ בוך, וואָס איר קענט אָוועקלייגן אויף יעדן שבתדיקן טיש מיט געבענטשטע ליכט. ס'איז כשר נישט נאָר לויט די דינים פון שולחן ערוך, נאָר לויט אַלע כללים פון מאָדערנער שפּראַך־היגיענע. אַ ציכטיקע שפּראַך. קיין רמז פון שעטנז, קיין שמץ פון גראָבקייט און נאָכלעסיקייט. ס'איז טאַקע אַ שפּראַך מיט לאַנגע אַרבל און מיט אַ קאַלנער אַ פאַרשפּיליעטן ביזן האַלדז אַרויף, אָבער אַ יידיש־זיַידענע, אַ ריינע אָן דעם מינדסטן שפּרענקעלע, כאָטש נישט קיין שלום אַש'עדיקע שטעטל־אידיליע שילדערט אונדז גראַנאַטשטיין, נאָר די סאַמע בלוטיקע טעג אויף דער לעוואַרטאָווער גאַס.

ער מאָלט צוערשט דאָס רויקע לעבן, דאָס רויקע יידישע לעבן, דאָס אַחדות פון יידן חסידים, וועלכע דאַווענען אין איין שטיבל, אַרעם און רײַך און כאָטש מיר ווייסן נישט אויף זיכער, צי האָט טאַקע ישראל דער טרעגער באמת באַדויערט מרדכי־פּײַוולען, וועלכער מוז, נעבעך, טראָגן אויף זיך וועלדער, הײַזער, געשעפטן, בשעת אים, ישראלן, איז אַ סך לײַכטער מיט די קאַסטנס אויף די טרעגערישע פּלייצעס, ווערט אָבער די אַחדות אָן אמת־שטאַרקע אין אָנבליק פון די געפאַרן, וועלכע קומען פון דער פּוילישער זײַט און וואָס גייט אויפן יידישן לעבן עס אויסצוּוואָרצלען, אָן אָנזאָג אויפן גרויסן אומגליק, וואָס קומט שפּעטער און ברענגט פאַרניכטונג. מרדכי־פּײַוול פאַרט זיך דורך קיין פּאַלעסטינע, פון האָטעל אין תּל־אביב לאָזט ער זיך אין וועג אויסצוקוקן דאָס לאַנד, זעט דאָס שווערע לעבן פון די חלוצים־בויער און אַ נישט־אַנטשלאָסענער קערט ער זיך צו זײַן גרויסן הויז אויף דער לעוואַרטאָווער גאַס, צו זײַן האָב און גוטס. אָבער וואָס ווערט פון דעם און פון זײַן משפּחה און פון אַלע יידישע היימען דאָרט, ווען די דײַטשן מאַרשירן אַרײַן קיין פּוילן? די יורשים פון זײַן פאַרמעגן, די סטרוזשעס, גיבן אים איבער אין דײַטשע הענט און זיי, די דײַטשן, פירן אים ארויס אין וואַלד מיט זײַנע בני בית און צעשיסן זיי. אַ נישט־דערשאָסענעם, אין בלוט איינגעטונקט, שלעפּט אים אַרויס פונעם הויפן הרוגים אָן איידעלער פּאָליאַק, (מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אויך אַזעלכע זענען געווען), און אײַנשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, באַהאַלט ער אים אויס בײַ זיך אין שײַער אין אַ גוט פאַרמאַסקירטן גרוב.

שטאַרק איז אין בוך געשילדערט דער חשבון הנפש, וואָס דער אויס־באַהאַלטענער מאַכט אין זײַן באַהעלטעניש. נאָך שטאַרקער איז דאָס טראַגישע בילד פון דער חורבה אויף די וואָלינער לאַנקעס און דער שמועס אינעווייניק פון דער שארית הפליטה, פון די געראַטעוועטע האַלאָוועשקעס, מענטשלעכע חורבות, וועלכע האַלטן זיך קוים אויף די פיס.

סאַראַ לאַנגער און טראַגישער וועג פון די פרעמדע וועלדער, מיט וועלכע דער רײַכער וואַלד־סוחר מרדכי־פּײַוול צווישגרײַך האָט געהאַנדלט אין פּוילן ביז דעם קליינעם נאָר אייגענעם שטיקל ערד בײַ זײַן שטיבל אין רמלה בשכינות מיט דער גרויסער משפּחה פונעם תימנער יידן יחיא. דאָס פּיצל ערד איז קליין דערמיט צו האַנדלען אָבער גענוג גרויס אויף דער עלטער דאָס צו באַאַרבעטן. מיר

באַגריסן דעם צווייִשפּראַכיקן, דעם העברעיִש־יידישן שרײַבער יחיאל גראַנאַטשטיין מיט זיין נײַעם בוך אין יידיש.

וועגן דער דיכטונג פֿון יונה בערקמאַן

איך ווייס נישט צי ס'איז פֿאַראַן אַ העברעיִשע איבערזעצונג פֿון יונה בערקמאַנס יידישע לידער, אַ זאַמלונג אָדער איינצלנע לידער איבערזעצטע דאָ און דאָרט אין עברית, נאָר אים, בערקמאַנען, שטעל איך מיר פֿאָר, גיין, איך בין אין דעם זיכער, אַז אים איז אַמשוועריסטן אין עברית צו איבערזעצן מחמת דער גרויסער צאָל העברעיִשע ווערטער, וואָס ער האָט אַזוי פֿאַריידישט, אַז דו וועסט שוין פֿון זיי קיין וואָרט נישט קענען רירן פֿון זייַן יידישן אָרט. נישט פֿאַראַן, דאַכט זיך מיר, קיין צווייטער יידישער דיכטער, וואָס זייַן יידיש לשון זאָל זייַן אַזוי אײַנגעטונקען אין תורה און דאָס וואָרט תורה אין יידיש מיינט דאָך נישט נאָר די פֿינעף חומשים. בערקמאַן איז אַ דיכטער אַ בן תורה. אמת, נישט קיין הלל זינגט ער צו די הימלען. זייַן ליד איז אויך נישט קיין מאָנאָלאָג, קיין שמועס מיט זיך אַליין, נאָר אַ מין, וואָלט איך זאָגן, איינזײַטיקער דיאַלאָג מיט גאָט. דאָס הייסט, ער, דער דיכטער, רעדט און גאָט, ברוך הוא, שווײַגט. דער יידישער דיכטער יונה בערקמאַן טענהט זיך אויס מיט זײַן יידישן גאָט אויף זײַן, גאָטס, לשון קודשדיקן יידיש: איך רייד צו דיר, ווי ס'האָט צו דיר גערעדט מײַן טאַטע, / אין זײַן זכות אבות, / נאָר נישט בדממה דקה, מיט אַ תחינה — / איך מאָן צו אַ דין תורה דיך פֿון מײַן יסורים־קראַטער.

ווי אַזוי סע ווערן אויפגענומען זײַנע טענות אין די הימלען ווייס איך נישט, נאָר זײַנע לייענער, ווייס איך, ווערן אים געטרײַע שותפים, ווײַל זײַנע טענות זענען אויך זייערע טענות און דערמיט האָט דער דיכטער זיינס דערגרייכט.

יונה בערקמאַן איז נישט קיין מאָלער, וואָס מאָלט, ווי מע זאָגט, פֿון דער נאַטור. בײַם לייענען אים האָסטו דעם אײַנדרוק, אַז די ישראל־לאַנשאַפֿט, ריכטיקער, די חומש־לאַנדשאַפֿט האָט ער געבראַכט אַהער פֿונעם גלות, געבראַכט פֿונעם חדר און פֿון דער ישיבה, געבראַכט אַהער אַ פּאַרטיקע פֿון דאָרט. דו פֿילסט זי, אָט די לאַנדשאַפֿט טאַקע אין זײַן טענהן צו גאָט: אַ מאָל האָסטו גערעדט פֿון סנה / מיט דונערן און בליצן אויפֿן סיני־באַרג / דײַן וואָרט, צעגליט, פֿאַראַקערט פּחד האָט אין האָרץ / פֿון קנעכט.

ס'איז נישט קיין לאַנדשאַפֿט מיט שאַרפֿע פֿאַרבן און בוילעטע ליניעס, אויך נישט קיין שטריכן פֿונעם תוהו ובוהו, וואָס פֿאָרן וועלט־באַשאַף. ס'איז די נשמה־לאַנדשאַפֿט פֿונעם דיכטער, וואָס נעמט שטענדיק זײַנע לייענער פֿאַר עדות בײַ זײַן אייביקן אויסטענהען זיך מיט גאָט:

> איך קען נישט און וועל אויף דײַן תשובה נישט זײַן אַ מוותר!
> אפילו אין ווײַסצײַג אין טלית פֿאַרוויקלט,

מײַן גליװער װעט שרײַען קאַפּױער
און טרײסלען דײַן כסא הכבוד —
דײַן משפּט איז דין פון בית שמאי,
אויף רוגזה גײקאָװעט,
חלפים מיט פּגמים די צונג פון קטיגור !
אל רחום וחנון,
און װוּ איז בית הלל ?

דאָס פרעגן מיר אויך און ביז דער דיכטער װעט אַ מאָל קריגן אויף זײַנע טענות, װאָס מאַכן פול דאָס בוך, די תשובה אויף װעלכער ער איז נישט קײן מוותר, װעלן מיר זײ לײענען, װײַל, װי געזאָגט, זײ זענען אויך אונדזערע טענות.

װעגן אַ צװײשפּראַכיקן לידערבוך

אין פאַרלאַג קרני, תל אביב, איז אַרױס אַ צװײשפּראַכיקער באַנד געקליבענע לידער פון באַקאַנטן אַמעריקאַנער ײדישן דיכטער יוסף ראָלניק אַרױסגעגעבן מיט דער הילף פון זײַן אַלמנה פײגל ראָלניק, װאָס איז שוין אויך נישטאָ און דער בוך איז געװידמעט איר ליכטיקן אָנדענק. פון אײן זײַט בוך, שירים נבחרים, די העברעישע איבערזעצונגען פון העברעישן דיכטער שמשון מעלצער און אַקעגן אַ זײַט קעגן אַ זײַט, די געקליבענע לידער ראָלניקס אין ײדישן אָריגינאַל. די אויס־גאַבע איז אַ דרײַענדיקער געװינס — ערשטנס פאַרן העברעישן לײענער, װאָס האָט אַ מעגלעכקײט זיך צו באַקענען מיט ראָלניקס שטילער װוּנדערלעכער דיכטונג אין מעלצערס איבערזעצונג אויף גאַנצע 250 רעכטע זײַטן פון בוך. דער צװײטער געװינס איז פאַרן ײדישן לײענער, װאָס האָט די מעגלעכקײט אויף די 250 זײַטן פון לינקס װידער צו לײענען לידער, װעלכע זענען שוין לאַנג אין קײן נײַע אויפלאַגעס נישט אַרױס און דער דריטער, דער סאַמע גרעסטער געװינס איז פאַרן לײענער פון בײדע שפּראַכן. ער האָט פאַר זיך אַלע 500 זײַטן און קאָן הנאה האָבן סײַ פון אָריגינאַל, סײַ פון די איבערזעצונגען און טאַקע פון די פאַרגלײַכן אויך און זאָגן מבינות נישט נאָר אויף ראָלניקס לידער, נאָר אויך אויף װיפל אַן איבערזעצונג איז מערער געראָטן אָדער װײניקער.

מבינות זאָגן איז דאָך אַן אַלטער ײדישער האָבי, װאָס מיר האָבן בשעתו מיט־גענומען מיט זיך אין גלות און אַצינד צוריק געבראַכט אין לאַנד אַרײַן. ראָלניקס לידער זענען מערסטנטײל װינטער־זכרונות פון זײַנע קינדער־יאָרן. אַ ײדיש ײנגעלע אין אַ גױשן פאַרשנײטן דאָרף. די װינטער־לאַנדשאַפט אַרום זײַן טאַטנס מיל באַקומט אַ תיקון אין ײדישע לידער פון אַ רײַפן פּאָעט אין ניו־יאָרק, װעלכע פאַרשאַפן הײַנט פרײד דעם לײענער אין זומערדיקן ישראל. אָט דאָס איז דער כח פון פּאָעזיע.

לידער װעגן װינטער און שנײ טרעפן מיר בײַ אַ סך ײדישע פּאָעטן פון יענעם

דור — בײַ האַפּשטײנען זענען עס װינטער־פּאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער, בײַ לײװיקן זענען עס אויף װעגן סיבירער, װעגן פון פאַרשיקונג, בײַ מאַני־לײבן זענען עס בלימעלעך קרענצעלעך, װאָס דער פראָסט מאָלט אויף די שויבן און דערציילט אַ טרויעריקע מעשה װעגן אַ ײדן, װאָס איז אין שניי פאַרשאָטן געװאָרן. אויך בײַ דיכטער פון אונדזער דור, בײַ סוצקעװערן, למשל, טרעפן מיר אַ פאַרשנייטן כוטער פון זײַן קינדהייט אין סיביר. דער שניי גייט אין די מערסטע יידישע שניי־לידער געפּאַרט און געגראַמט מיט װײ, נאָר בײַ ראַלניקן איז עס זינגעדיקער װײ. אין זײַנעם אַ ליד צום פּאָעט מאַני לייב זאָגט ראַלניק: באַדויערט נישט דעם גורל פון פּאָעטן, / דער שענסטער גורל אויסגעפּאַלן זײ׳ און מיר בײַם לייענען, הערט זיך מיר: אויסגעפּאַלן שניי — װײַס איז די ערד און געפראָרן / עס ציט זיך דער װעג װי אַ שנור / אַן איינציקער פלעק אויף דער װײַסקייט / פאַר װיאַרסטן װײַט פויזעט אַ פור.

פאַר ראַלניקן איז דיכטונג, איז ליד דאָס סאַמע װערטפולסטע אין לעבן: זיסער פון די זיסטע סמען / זענען זינגענדיקע גראַמען / זעמלברויט פון בעסטן סאָרט / איז דאָס אויפגעגאַנגען װאָרט. און ערגעץ אין אַן אַנדער ליד זאָגט ער: נישט פאַראַנען אויף דער ערד / נאָך אַ פרייד, װי די, װאָס װערט / אויפגעװעקט פון לידער. און — אַװאַדע און אַװאַדע פון ראַלניקס לידער.

מאיר־זימל טקאַטש

(זע אויף ז. 90)

געבוירן אין יאָר 1894, אין פּריבאַרסק, קיעװער געגנט. געװען אַ דאָרפס־מלמד און גלײַכצײַטיק זיך פאַרנומען מיט זעלבסט־בילדונג.

אין יאָר 1913 איז ער געקומען קיין אַמעריקע.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן מיט רוסישע לידער, װעלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער רוסיש־שפּראַכיקער פּרעסע אין ניו־יאָרק אין 1914. שפּעטער איז ער אַריבער צו יידיש און האָט געדרוקט לידער און פאַבעלן אין פאַרשידענע צײַטשריפטן — ״דער קונדס״, ״די צוקונפט״, ״טאָג״, ״פאַר־װערטס״ — ניו־יאָרק; ״די יידישע װעלט״ — פילאַדעלפיע; ״ליטעראַרישע בלע־טער״ — װאַרשע; ״פאַר אונדזערע קינדער״ — פּאַריז, און פיל אַנדערע.

פון 1927 זענען דערשינען אַ סך זאַמלונגען פון זײַנע לידער און משלים, צװישן זיי:

״אויף גאָטס באַראָט״, (לידער און פאַבעלן), ניו־יאָרק 1927; **״זון איבער אַליץ״**, (לידער), טשיקאַגאָ 1936; **״נח׳ס קאַסטן״**, (מעשהלעך און משלים), טשיקאַגאָ 1942; **״פון דור צו דור״**, (מעשיות, אגדות און לידער), ניו־יאָרק 1947; **״מײַן האָב און גאָב״**, (געזאַמלטע פּערזן), צוויי בענדער, תל־אביב ..196; **״עלטערפרוכט פון יוגנט צוויט״**, ת״א 1971.

וועגן רחל בוימוואַל

(אַ בריוו פֿון וואַרשע)

איך האָב לעצטנס באַקומען און איבערגעלייענט צוויי ביכער פון רחל בוימוואַל: "פון ליד צו ליד" און "דריי העפטן".

ביז איצט האָב איך געקענט רחל בוימוואַלס לידער נאָר אין דער רוסישער איבערזעצונג — איך מוז צוגעבן: אין גוטע רוסישע איבערזעצונגען. אייניקע לידער האָט איבערגעזעצט אַננאַ אַכמאַטאָוואַ, און דאָס זאָגט אויך ניט ווייניק וועגן ניווא און באַדייטונג פון אָריגינאַל.

אָבער ערשט איצט, נאָכן באַקענען זיך מיטן יידישן טעקסט קען איך פיל בעסער באַנעמען דעם מהות און ריכטיקן קלאַנג פון אָריגינאַל. און וועגן דעם וויל איך, חס וחלילה, ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר אַלס אַ לעזער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט פּאָעזיע, מאַכן עטלעכע באַמערקונגען.

רחל בוימוואַלס דיכטונג מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק און איך מיין, אַז דאָס קומט פאָר מיט יעדן איינעם, וועלכער לייענט אירע לידער.

מיר דוכט זיך, אַז פּאַר איר גאַנצער שאַפונג איז זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד:

כ'וועל מוזן עפּעס צוטראַכטן, איך זע שוין.
(און צוטראַכטן — דאָס איז מיר שטענדיק ליב).
איך קאָן דאָך ניט, אַז אַלץ זאָל זיך פאַרלעשן,
אַז יעדער זאָל זיין אַפּהענטיק און טריב.
אַז גאָרניט זאָל ניט איינגעבן זיך מערער.
אַז אַלץ זאָל שלעפּן זיך אָט ווי עס גייט . . .
("דריי העפטן", זייט 47)

ווייל רחל בוימוואַל איז אין איר גאַנצער דיכטונג אַ דענקערין. אַ דענקערין וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן ליידן און פרייד, וועגן באַציונג פון מענטש צום מענטש, וועגן אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און פאַלשקייט, שלעכטס און גוטס. זי געהערט, בלי ספק, צו דעם מין דענקער, וועלכע באַנוגענען זיך ניט מיטן אַבסטראַקטן דענקען, נאָר ווילן מיט זייער דיכטונג ווירקן "עס זאָל זיך אַלץ ניט שלעפּן ווי עס גייט". שוין אין איינע פון איר קינדער־לידער, געשריבן אין עלטער פון 13 יאָר, זאָגט זי:

אַ ליד — דאָס איז אַזאַ מין זאַך,
פון וואָס עס ווערט דער מענטש פאַרטראַכט
("דריי העפטן", זייט 99)

זי איז שטענדיק באַהערשט פון באַוווסטזיין, אַז יעדעס אַרויסגעזאָגטער וואָרט, יעדעס נייע ליד מוז עפּעס אויפטאָן, ניט זיין קיין שאָס אין דער לופט:

ווי שטילט מען איין די שרייענדיקע שטילקייט?
ווי שרייט מען אויס דאָס שטומענדיקע וואָרט?
מיין וואָרטן האַלט אין זיך די אַנגעצילטקייט
אין אַ פּאַר מיר נאָך ניט באַוווסטן אָרט
("דריי העפטן", זייט 67)

זי ווייסט, אַז אין מיטלפּונקט פון אַלץ וואָס ווערט געטאָן און וועט געטאָן ווערן שטייט דער מענטש. ער איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך און זי שטעלט אים (און זיך) גרויסע פאָדערונגען. מיט דער רייפקייט וועלכע קען נאָר קומען אַלס פּראָדוקט פון גרויסער לעבנס־דערפאַרונגען, מיט דער קלוגשאַפט וועלכע איז ניט נאָר אַ נאַטירלעכע, איינגעבאָרענע אייגנשאַפט, נאָר איז אויך אַ פּראָדוקט פון פילע און טיפע דורכטראַכטונגען, מיט פּשטות וועלכע עס קען אָנווענדן אין ליד נאָר אַ הויך באַגאַבטער פּאָעט, זאָגט זי:

דאָס, וואָס מיר געפעלט ניט אין מיין פריינט,
קען איך אָפּטאָן מאָרגן אָדער היינט,
יעדער רגע מוז איך דאָס פאַרשטיין
און זיך פרעגן: נו, און דו אַליין?
("פון ליד צו ליד", זייט 11)

אָבער איר גאַנצע דיכטונג איז ווייט פון טריוויאַלער פּשוטקייט. אירע לידער זענען רייך מיט פאַרשיידנאַרטיקע מאָטיוון. זי שפּילט גלייכצייטיק אויף פאַרשיידענע אינסטרו־מענטן כדי איבערצוגעבן סיי ביז גאָר ערנסטע געדאַנקען, סיי פאַרשיידענע שטימונגען: דרייסטקייט און מוט, טרויער און צאָרן, פריינדשאַפט און שנאה, ספקות און זיכערקייט, גוטמוטיקע איראָניע און ביטערע געדאַנקען וועגן קליינלעכקייט ("ניט אַלע מענטשן לעבן ביזן טויט") און גרויסקייט ("ניט אַלע טויטע זענען אָפּגעשטאָרבן") און ביי דעם אַלעמען איז זי פול מיט לעבנס־פרייד, מ׳קען זאָגן קינדישע פרייד פון אַ דערוואַקסענעם (שרייבט זי טאַקע: "נו, און די וואָס בלייבן קינדער, שרייבן לידער און סאָנעטן"). זי מאָלט אַליין איר אייגענעם בילד:

איך האָב אין זיך די איינפאַכקייט פון גראָז
די אויסטערלישקייט פון אַ ווילד געוויקס
די אימה פון אַ שופר־בלאָז . . .

מיט אַ באַזונדער לייכטקייט איז דורכגעדרונגען דער ציקל "דאָס פּייערל פון פרייד" ("פון ליד צו ליד"). שוין דאָס ערשטע ליד —

מיר האָבן פֿאַרפֿלאָכטן די פֿינגער
געטאָן אַזאַ פּשוטע זאַך.
מיר זענען געווען דערנסטמאָל ייִנגער
און שענער און בעסער אַ סך.

דאָס קלינגט כמעט ווי אַ געזאַנג און דערמאָנט אונדז די לייכטקייט פֿון פּושקינס פּאָעזיע. אגב — איך ווייס ניט, צי דאָס קומט פֿון אונטערבאַוווסטזיין אָדער רחל בוימוואַל האָט עס געטאָן מיטן פֿולן באַוווסטזיין (דאָס לעצטע וואָלט מיר נאָך בעסער געפֿעלן) — עס קלינגט ווי אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון טאַטיאַנעס ווערטער.

אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך זענען אירע לידער געשריבענע קינדווייז (צווייטער און דריטער העפֿט) און די אַפֿאָריזמען. איך ווייס ניט צי די ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט פֿון אַ סך אַזעלכע פֿאַלן, די מאַמע זאָל אויסבאַהאַלטן און פֿאַרהיטן אַזאַ אוצר ווי „ראַכעלעס לידער". מוז דאָס טאַקע זיין אַ זעלטענע מאַמע און ניט צופֿעליק געפֿינען מיר אין די זאַמלונגען לידער „צו מיין מאַמען", „מיין מאַמע אין חלום", „אַ בריוועלע דער מאַמען" (איינע פֿון די בעסטע לידער), „מיין גאָלדענע מאַמע" און די מאַמע ווערט אויך דערמאָנט אין אַנדערע לידער.

דער קוואַל פֿון רחל בוימוואַלס דיכטונג זענען אירע אייגענע איבערלעבונגען און דאָס ייִדישע לעבן, דאָס וואָס ייִדן האָבן דורכגעמאַכט און מאַכן דורך אין אַלע עקן פֿון דער וועלט, זייער גאַנצע געשיכטע, זייער נעכטן, היינט און מאָרגן. און דערפֿאַר קלינגט אונדז צו באַשיידן און אומבאַרעכטיקט דאָס, וואָס זי האָט געשריבן קורץ נאָך איר קומען אין ישראל:

כ'בין ווי אַ בוים,
וואָס זיך אַליין האָט אַנגענומען פֿאַר די צווייגן
און אָפּגעטראָגן אויף אַן אַנדער ערד . . .
. . . און ס'ווייסט נאָר גאָט אַליין,
צי ס'וועט מיט יאָרן שפּעטער
אויף זיינע צווייגן עפּעס אויסוואַקסן דאָ פֿאַרט.

ווי מיר זעען האָט דער בוים ניט אויפֿגעהערט און הערט ניט אויף צו געבן פּרוכטן.

אַלץ, וואָס רחל בוימוואַל שרייבט — סיי אירע לידער, סיי אירע אַפֿאָריזמען — איז דורכגעדרונגען מיט אמתער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט, און אמתן ייִדישן הומאָר. זיי זענען אויך אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פֿון פֿיל אירע לידער, כאָטש אין תוך איז זי קודם כל אַ ליריקערין. אָבער ביי איר גאַנצער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט איז דאָס ניט קיין רעגיאָנאַל באַגרענעצטע, נאָר אַלמענטשלעכע פּאָעזיע און דערצו נאָך — אַ בולטער באַווייז פֿון לעבנסקראַפֿט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. נישט נאָר אַ באַווייז, נאָר אויך אַ צופֿלוס־קוואַל וועלכער גיסט אין איר אַריין נייע כוחות.

רחל בוימוואַל זאָגט וועגן זיך:

מיינע מאָרגנדיקע לידער
האַלטן היינט מיך אויף ביים לעבן.
מאָנען נאָך אַ מאָל און ווידער,
איך זאָל זיך ניט אונטערגעבן.

. . . .

מיינע מאָרגנדיקע לידער —
כ׳לייג פאַר זיי דעם קאָפּ אַנידער

וואַרטן מיר טאָקע אויף אירע נייע לידער.

בנימין ז׳.

רחל בוימוואַל — 50 יאָר דיכטונג

אין 1930 איז אין מאָסקווער "צענטראָפאַרלאַג" דערשינען דאָס ערשטע ביכעלע פון דער 15 יעריקער דאַן רחלע בוימוואַל, א.נ. "קינדער־לידער". דאָס ביכעלע איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־געזעלשאַפטלעכקייט מיט גרויס באַגייסטערונג.

פון דאַן זענען דערשינען צענדליקער ביכער און ביכעלעך פון אונדזער טאַלאַנטפולער דיכטערין. אירע קינדער־לידער און מעשה־לעך פאַר קינדער און דערוואַקסענע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט נאָר אין יידיש, אויך אין פיל אַנדערע שפּראַכן, באַזונדערס — אין רוסיש אין אַ מיליאָניקן טיראַזש.

מיר מערקן אָפּ מיט פרייד, אַז דאָ אין אונדזער יידיש היימלאַנד האָט זיך איר פּאָעטישע שאַפונג, אַ באַפרייטע פון צוואַנג און צענזור, זיך צעבליט מיט אַ באַזונדער שיינקייט און קראַפט — די שיינקייט און קראַפט פון פאַרוואָרצלען זיך אין היימישן ישראל־באָדן.

די זעקס זאַמלונגען דערשינענע אין ישראל, במשך קאַרגע צען יאָר, באַשטעטיקן אונדזערע האָפענונגען אויף נייע פּאָעטישער עליה צום קומענדיקן האַלבן יאָרהונדערט פון איר דיכטונג.

מיר באַגריסן האַרציק דעם אַקטיוון מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל — די אַנגעזעענע יידישע דיכטערין רחל בוימוואַל.

רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"

יוסף ראָגעל / מאָנטרעאַל

״ישראל־קינסטלער״ פון גבריאל ווייסמאַן

לויטן סטיל, זאָץ און שורה פון אַ שרייבער, דערקענט מען דעם מענטש וואָס שטייט הינטערן שרייבן: זײַן קולטור, וויסן, כאַראַקטער — זיין פערזענלעכקייט. די זעלבע מסקנא גילט אויך בנוגע אַ קריטיקער, דהיינו: אַ גוטער און אויפֿריכטיקער קריטיקער, וועלכער טײַטשט־אויס ווערק פון אַנדערע — אַנטפּלעקט זיך אַליין פאַרן לייענער.

צו דער־אַ קאַטעגאָריע קריטיקער — אַזוי פון זײַן פריערדיקן בוך ״פּען־פּראָפּילן״ און אַזוי פון זײַן איצטיקן בוך ״ישראל־קינסטלער״ — געהער גבריאל ווײַסמאַן, וועלכער פאַרנעמט אַ באַזונדער און וויכטיק אָרט מיט זײַן אָריגינעלן צוגאַנג בײַם באַהאַנדלען אַ בילד. ער שפּרודלט און פינקלט מיט טיפע געדאַנקען, מיט אַ רײַך־ניואַנסירטער פאַך־טערמינאָלאָגיע. צומאָל מינצט ער נײַע ווערטער און באַגריפן, אָבער אַלע זענען זיי קלאָר, פאַרשטענדלעך — ער ברענגט־אַרויס דאָס, וואָס ער פילט, וואָס ער וויל און דאַרף זאָגן. דערבײַ שרײַבט ער מיט התלהבות, מיט עקסטאַז און דערברענגט אונדז צו אַזאַ מענטשלעכער און גײַסטיקער התרוממות, אַז מיר פילן זיך דערהויבן, מיר ווערן נאָענט צום באַהאַנדלטן קינסטלער, מיר באַקומען זיי ליב.

פאַרוואָס אַזוי? — מחמת ווײַסמאַן גייט־צו צו די קינסטלער און זייערע שאַפונגען מיט דער גרעסטער אחריות. ס׳מאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער גייט נאָך פּוסטריט זײַנע קינסטלער, פאַרשט נאָך זייערע זיגזאַגישע וועגן, זייערע שטרויכלונגען, ביז זייערע דערגרייכונגען צום זעניט. דער לייענער? — דער לייענער לערנט אַ קאַפּיטל קאָלטע און וואַרעמע פאַרבן (און די אימפּרעסיעס וואָס יעדע פאַרב רופט אַרויס); די קראַפט פון אַ ליניע, וועגן פלאַך און פאַסטאַז; וועגן סטרוקטור, וועגן כלערליי איזמען — אַ גרינטלעכע לעקציע, וואָס פירט אונדז אַרײַן אין היכל פון קונסט.

אַנגעשטרענגטע אָבער אויסגעלאַדענע כוחות. דער אָנשטרענג האָט געלוינט, מחמת מיר ווערן מיטבאַזוכער מיטן מחבר עקסקורסיעס איבער די קונסט־גאַליעריעס, אין זייערע אַטעליעס און ס׳אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ נײַע שיינע וועלט פון פאַרבן און ליניעס. אַ טריט ווייטער: ווײַסמאַן האָט אונדז אויסגעלערנט פאַרשטיין און אָפּשאַצן אַ קינסטלעריש ווערק, און פון דאָזיקן אַספּעקט איז אַזאַ מעטאָד אַ וויכטיקער אויפטו. זײַן בוך נעמט אַרום 39 יידישע קינסטלער, וואָס יעדער פון זיי האָט זײַן אייגן פּנים, זײַן באַזונדערן גאַנג און

אַלע צוזאַמען אַ גוט־צונויפגעשפּילטער מאַלעריי־ און־סקולפּטור אָרקעסטער, וואָס פאַרשענערט און באַרייכערט אונדזער לעבן.

עס איז אַ ביז גאָר וויכטיק בוך, וואָס האָט אויסגעברייטערט און אַרויסגעבראַכט פאַר דער יידישער וועלט דעם ליכטיקן אימאַזש פון 39 ישראל־קינסטלער — אונדזער שטאָלץ!

15טע יערלעכע ליטעראַטור פּרעמיע א.נ. פון עסקן "זכריה גאַנאַפּאָלסקי" פאַר אַ בוך אין יידיש, דערשינענע אין יאָר 1979

די זשורי אין צוזאַמענשטעל פון די פּריינט ד"ר יצחק וואַרשאַווסקי, ד"ר יעקב ראַטה און רעדאַקטאָר שלום קלינגער, האָבן איינשטימיק באַשלאָסן דאָס צוטיילן די 15טע יערלעכע ליטעראַטור־פּרעמיע א.נ. פון עסקן "זכריה גאַנאַפּאָלסקי", וועמענס יאָרצייט עס פאַלט אויס דעם 4טן דעצעמבער, צו די שרייבער גבריאל וויסמאַן (תל־אביב) פאַר זיין בוך "ישראל־קינסטלער" און צום דיכטער יוסף קערלער (ירושלים) פאַר זיין בוך לידער "די ערשטע זיבן יאָר".

דאָס בוך "ישראל־קינסטלער" פון גבריאל וויסמאַן איז אַ ביז גאָר וויכטיק ווערק, וואָס דערציילט און באַהאַנדלט דעם שעפערישן וועג פון 40 יידישע קינסטלער. דאָס בוך לידער "די ערשטע זיבן יאָר" פון דיכטער יוסף קערלער איז אַן אויפרודערנדיק בוך וועגן יידישן טראַכטן, פילן און יידישן גורל היינט צו טאָג אין דער וועלט און אין ישראל.

פאַרן פּרעמיע־קאָמיטעט:

יחזקאל קאַרנהענדלער

סעקרעטאַר.

*

אין דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט

ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט אהרן צייטלין ז"ל אין ירושלים

אין היכל שלמה איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט איינגעאָרדנט דורך דער שטאַט־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט. ד"ר יחיאל שיינטוך פון דער יידיש־קאַטעדרע ביים ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ לעקציע וועגן דער שאַפונג פון גרויסן יידישן שרייבער — פּאָעט, דראַמאַטורג, עסייאיסט און פּראָזאיקער — אהרן צייטלין ז"ל. ציטאַטן פון צייטלינס ווערק אויף צו אילוסטרירן דעם לעקטאָרס טעזיסן זענען אין גאַנג פון דער לעקציע געבראַכט געוואָרן דורך יצחק בונה, וואָס האָט אויך געפירט דעם פאָרזיץ פון אָוונט און דורך אברהם בערניקער.

ביים פּרעזידיום־טיש זענען אויך געזעסן פּראָפ. דב סדן און די אלמנה פון שרייבער רחל צייטלין.

חיים מאַלטינסקי

קורצע לידער

*

ברוך שפּטרנו,
וועסט שוין אויף מיר
מיט דײַן שכורן בליק ניט קוקן:
"ייִד, די אויגן ניט מאַזאַליע..."
איך דאַרף זיך שוין פֿאַר דיר ניט בוקן.
זיס איז מיר אַצינד,
די אייגענע ערד אונטער די פֿיס,
אַ פֿרישע הויט פֿאַרציט
מײַן אַלטע ביטערע דאַליע...

*

זעץ זיך צו, ברודערקע,
מע דאַרף נאָך אַרום מיר ניט שטיין,
עס האָוועט זיך,
רודערט זיך
און כ'האָב נאָך מײַן טראָפּנדל חן.
די געשאָנקענע ליכטיקע שײַן
זאָל ניט ווערן פֿאַרשטעלט,
אַז יעטווידער איינציקער טאָג —
אַ געפֿונענע וועלט!

אַ זיידע אַ געזונטער...

די אייניקלער
האָבן מיך שוין לאַנג ניט געזען,
מײַן אויסזען זאָל זיי ניט דערשרעקן
נעם איך זיך מײַנע טרוקענע ליפּן באַלעקן,
צי פֿון זיך אַ ביסל האָפֿערדיקייט,
ווי פֿון אַ טיפֿן ברונעם

אַ פֿולן שווערן עמער
(דאָס האַרץ הערט ניט אויף צו קלעמען),
און כ׳הוסט זיך אויס,
מיט אַ פֿריילעכן קול,
פֿריש און מונטער,
זיי באַגעגענען זאָל
אַ זיידע אַ געזונטער...

מײַן אייניקל משהנקע...

משהנקע, מײַן אייניקל
באַטראַכט מיט אַ טשיקאַוועס
אויף מײַן קאָפּ
מײַן ביסל שוואַרצע האָר די קוטשעראַווע,
און זײַן פּנימל שטראַלט:
— זיידע, ווען-זשע ו׳עסטו ווערן אַלט?...

*

עס האָט שוין גאָר קיין שיר
נאָך אַנאַנד צו דערלאַנגען דיר —
פּאַנעגיריק,
סופּערלאַטיוון,
דיפֿיראַמבן
פּונקט ווי מײַן אייניקל משהנקען —
די זיסע ישראל-סעכערלעך "במבנה";
נאָך אַ פּעקעלע, נאָך אַ שקית׳עלע,
טאָג-און-נאַכט זינג דיר די באָמבאַסטיק,
לאַקריץ-שבחים לידעלע...

מ. אייזענבוד / מעלבורן, אויסטראַליע

טשאַרלס אייזען

(צו זיין ווערן אַ בן-שמונים)

אין פאַרשידענע צייטן — אַמאָל ווי היינט — האָבן מענטשן געזוכט, און זוכן ווייטער אויסצודריקן זייערע געפילן און געדאַנקען, באַנוצנדיק זיך מיט מיטלען, וואָס לאָזן זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער אָדער יענער קאַטעגאָריע. מיר הערן אָפט די באַצייכענונג: פּרימיטיווע קונסט — דאָס אַרויסברענגען דעם פאָלקלאָר פון אַ פאָלק דורך אַ קינסטלער, וועלכער האָט נישט קיין פריערדיקע טעאָרעטיש־אַקאַדעמישע צוגרייטונג, נאָר אַן אינער־לעכע באַדערפעניש אויסצושניצן, אויסצוקנעטן, אויסגראַווירן — אַליין געפינען די פאָרם וואָס זאָל אים אַנטשפּרעכן, און אויסדריקן דאָס, וואָס ס'ליגט אים אויפן האַרצן.

איינער אַזאַ יידישער קינסטלער וווינט אין מעלבורן, און זיין נאָמען איז טשאַרלס אייזען. זיין מעדיום איז ווי זיין נאָמען — מעטאַל. דורך מעטאַלענע פיגורן, צונויפגע־שטעלטע סצענעס, אויסגעהאַמערט און צונויפשווייסט — קומט צום אויסדרוק דער יידישער פאָלקלאָר; דאָס יידישע שטעטל, וואָס עקזיסטירט נישט מער; די חופה אויפן שול־הויף, די חופה־שטאַנגען, די ישיבה־בחורים, די כלה — אַלץ באַקומט אויסדרוק דורך דער פאָרם און צונויפשטעל, ווי דער קינסטלער זעט עס. אין זיינע מעטאַל־בילדער, וואָס זענען דריי־דימענסיאָנעל, לעבן אויף דער יידישער שניידער און שוסטער, דער שטעטלשער באַלעגאָלע און בלעכער, דער מלמד (אויפן פריפּעטשעק ברענט אַ פייערל...), אונדזער וועלט פון נעכטן, וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן דורכן מבול.

עס איז נאַטירלעך, אַז אַ קינסטלער זאָל געבן זיין אייגענע אינטערפּרעטאַציע פון פּאָליטישע געשעענישן, ווי דער צייטונגס־קאַריקאַטוריסט דריקט מיט דעם בלייפעדער אויס זיין מיינונג.

אייזענס אויפן פון פיגורעלער אינטערפּרעטאַציע — איז קאָנפראָנטאַציע. מיר זעען דאָס בילד פון רוסלאַנד אַמאָל: דאָס כאַטקעלע; דעם פּאָפּ מיטן צלם און די קראָטן. רוסלאַנד היינט: די גרויסע פאַבריקן (אינדוסטריאַליזאַציע), דעם קאָמיסאַר מיטן רויטן שטערן און, די קראָטן — דאָס רעפּרעזענטאַטיווע פון דער מלוכה. מיר זעען בילדלעך פון דעם רוסישן יידן, וועלכן מען וויל נישט אַרויסלאָזן און מען וויל ניט האַלטן...

דעם סימבאָל פון דער אָלימפּיאַדע, און די כוונה פון דעם סאָוועטישן ספּעקטאַקל, געזען דורך די אויגן פון אַ מערבדיקן מענטשן; דער פידלער אויפן דאַך, דער פּלי צו דער לבנה... אַפילו דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ווערט סימבאָליזירט דורך אַ סצענקע פון דריי: דער כבוד־זוכער; דער דרשן; די שטאַרקע האַנט...

מיט דעם זעלבן מעטאַד פון וויזועלער קאָנפראָנטאַציע ווערט אויסגעהאַמערט דאָס לעבן פון אַ ייד אַמאָל, זיין פרנסה און זיין היינט אין אויסטראַליע.

אין אַ גאַנצער ריי מעטאַל־סקולפּטורן ווערט אַרויסגעבראַכט דער חורבן: יאַנוש קאָרטשאַק מאַרשירט מיט די קינדער; טרעבלינקע; דער יידישער וועג אין דער געשיכטע.

די טעכנישע מיטלען, מיט וועלכע אייזען באַנוצט זיך, לאָזן זיך נישט אַריינפּאַסן אין איין קונסט־קאַטעגאָריע. עס איז מעטאַל, פאַרב, לאָזונג (אויפשריפט) וואָס צוזאַמען שאַפט עס די האַרמאָניע, וואָס קאָן מיט אַ רויק געוויסן אָנגערופן ווערן, פאָלקלאָר אין מעטאַל. דאָס איז אַ וויכטיקער ביישטייער צו אונדזער קולטור־פאַרמעג.

דער קינסטלער טשאַרלס אייזען, וואָס איז געוואָרן אַ בן שמונים, איז פול מיט פּלענער, וועלכע, לאָמיר אים ווינטשן, וועלן רעאַליזירט ווערן און באַרייכערן זיין קונסט־גאַלעריע.

*

יידיש־ידיעות

ישעיהו שפּיגל — אַ בן שבעים וחמש

דער באַרימטער שרייבער ישעיהו שפּיגל איז געוואָרן אַ בן שבעים וחמש. צו דער דאַזיקער יום טובדיקער געלעגנהייט איז אין פאַרלאַג "ישראל־בוך", דערשינען דער צווייטער באַנד פון זיין ווערק "געשטאַלטן און פּראָפילן". דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין פאַרלאַג "המנורה", תל־אביב, 1971.

דאָס איצט דערשינענע בוך איז דאָס 16טע פון י. שפּיגל אין יידיש. חוץ לזה האָט ער אויך אַרויסגעגעבן 7 ביכער אין עברית און צוויי אין פראַנצויזיש, דערשינענע אין "גאַלימאַר פאַרלאַג". די רעדאַקציע פון אונדזער אויסגאַבע און די יידישע שרייבער פון ירושלים באַגריסן האַרציק דעם יובילאַר און ווינטשן אים געזונט און פריידיקע שעפערישקייט.

בריוו אין רעדאַקציע

מעלבורן,

חשובער רעדאַקטאָר פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״.

אין איינעם פון אײַערע זשורנאַלן (נומ. 10, 1978) האָב איך געפונען אַ קורצע דערציילונג פון יהודה פעלד ״ווי אַזוי דאָס געמיט — אַזוי דאָס געשלייער״.

פאַר אָפּדרוקן די דערציילונג און דערמאָנען פעלדס נאָמען בין איך אײַך זייער דאַנקבאַר. ביז הײַנט האָב איך ניט געפונען אין וועלכן ס׳איז זשורנאַל קיין וואָרט וועגן יהודה פעלד־פעלדווירם.

מיט פעלדן בין איך געווען באַפרײַנדעט פיל יאָרן. אין דער צײַט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָבן מיר צוזאַמענגעאַרבעט אין לינקע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ. ביז צו דער אַנטשטייונג פון פ.פּ.ר. אין געטאָ איז יהודה פעלד געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ וואָכן־אויסגאַבע ״מאָרגן פרײַ״. שפּעטער איז דאָס בלעטל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכער אויסגאַבע. די טעגלעכע צײַטונג ״מאָרגן פרײַ״ איז געדרוקט געוואָרן אין טאז אויף גענשע 43, וווּ פעלד איז געווען סעקרעטאָר פון די געזונטהייטס־אינסטיטוציעס. די טעגלעכע אויסגאַבע, וועלכע איז געדרוקט געוואָרן אין 550 עקזעמפּלאָרן, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין וואַרשעווער, ווי אויך אין אַנדערע געטאָס. מיט דער אַנטשטייונג פון די פּ.פּ.ר. אין וואַרשעווער געטאָ איז די אויסגאַבע געוואָרן ליקווידירט דורכן געטאָ־קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. יוסף לעוואַרטאָווסקי, דער סעקרעטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט געהאלטן, אַז די ״מאָרגן־פרײַ״ איז צו בירגערלעך. פון מײַ 1942 איז פעלד געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אָרגאַניזירן גרופּן פון יידישע מיליטער־לײַט אין קראַנקן־שוועסטערס. די גרופּן זענען שפּעטער אײַנגעגלידערט געוואָרן אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען פון די ״גוואַרדיאַ לודאָוואַ״, וועלכע זענען אונטערליגן די פּ.פּ.ר. אויסערן געטאָ. דורך מײַן פאַרמיטלונג האָט פעלד אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער פרוי שפּילסקאַ, וועלכע האָט אויסגעפונען אַ צווייטע פרוי, וועלכע האָט געוווינט אויף דאַרדאַנע נומ׳ 1 אין וואַרשע. דאָרט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פעלדס פרוי און זײַנע צוויי טעכטער. די פרוי קלאַשעוויטש האָט די פרוי פעלד מיט די צוויי מיידלעך אויסגעליפערט אין די הענט פון דער דײַטשער זשאַנדאַרמעריע, וווּ זיי זענען געוואָרן דערמאָרדעט. נאָך דער מלחמה איז דער מאַן פון דער פרוי קלאַשעוויטש אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. און איז אויך געווען פאָרזיצער פון צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניען. אַלע פּרווון אַרויסצוציען די פרוי אַדעלאַ קלאַשעוויטש אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק פאַר איבערגעבן פעלדס פאַמיליע אין די הענט

פון די נאַצי־מערדער, האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן, ווײַל זי איז געווען די פרוי פון אַ קאָמוניסטישן דיגניטאַר.

איך וואָלט אײַך געווען זייער דאַנקבאַר, ווען איר וואָלט פאַרעפנטלעכט אין אײַער זשורנאַל די עטלעכע באַמערקונגען, ווײַל זיי געפינען זיך ניט אין דער ביבליאָגראַפיע פון די מחברים. אין מײַן בוך "יידישער ווידערשטאַנד אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן", אַרויסגעגעבן אין 1979 אין ישראל, געפינט זיך אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון יהודה פּעלד.

מיט חברישע גרוסן
וו. יאַבלאָנסקי

*

טײַערע פרײַנד פון "ירושלימער אַלמאַנאַך".

אין פאַריקן, עלפטן נומער פון אײַער אויסגאַבע, איז אויף דער ערשטער זײַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דראַמאַטישער רוף צו אַלע יידישע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס אויף גאָר דער וועלט א.ג. "ראַטעוועט דעם יידישן שרײַבער אהרן ראַסקין". ס'איז דאָרט געגאַנגען אַ רייד וועגן דעם באַקאַנטן יידיש־סאָוועטישן ליטעראַטור־קריטיקער אַ. ראַסקין, וועמען די סאָוועטישע אַדמיניסטראַציע זאָגט שוין יאָרנלאַנג אָפּ אין זײַנע געזעצלעכע רעכט זיך אַריבערקלײַבן צו זײַנע טעכטער און אייניקלעך, וועלכע וווינען אין ירושלים.

דער דאָזיקער רוף איז נאַטירלעך פאַרן "ירושלימער אַלמאַנאַך", — דעם איינציקן יידישן זשורנאַל, וואָס צווישן פיל אַנדערע וויכטיקע ענינים, גיט ער אויך אָפּ פיל פּלאַץ צוליב אַלזײַטיק באַלײַכטן און שילדערן דעם טראַגישן מצב פון סאָוועטישן יידנטום און זײַנע קולטור־פּראָבלעמען.

ס'ווילט זיך מיר אָבער וויסן ווי האָבן רעאַגירט אויף אייער רוף די יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, צי האָבן זיי אונטערגענומען וועלכע ס'ניט איז אַקציע, כדי ווייכער צו מאכן די הערצער פון די סאָוועטישע אַדמי־ניסטראַטאָרן זיי זאָלן זיך ענדלעך דערבאַרעמען אויף אַן עלטערן יידישן שרײַבער און זײַן קראַנקער פרוי און אַרויסלאָזן זיי אַ היים צו די קינדער?

כ'וועל דאַנקבאַר זײַן, אויב איר וועט מיר געבן ענטפערן אויף מײַן פראַגע.

מיט דרך אֶרץ
ד"ר אָשר בלאַנק, ירושלים, 22 פעברואר 1981

ענטפער פון רעדאַקציע

חשובער ד״ר אָשער בלאַנק,

דער ערשטער און דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַקטיוו אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג איז דער באַקאַנטער העברעישער שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער, דער פאַרשטייער פון פען־צענטער אין ישראל און פון היגן אונעסק״אָ־קאָמיטעט — אונדזער פריינד חיים תורן. טאַקע אָ דאַנק זיין אינטערווענץ האָט דער אַלוועלטלעכער פען־קלוב אָנגענומען אַ באַשטימונג — דורך אַלע מעגלעכע מיטלען זיך דערשלאָגן די ווידער־פאַראייניקונג פון דער משפּחה ראַסקין אין ישראל. די ענערגישע באַמיונגען פון אַל־וועלטלעכן פען־צענטער ווערן פאַרגעזעצט.

״אָפּגערופן״ האָט זיך אויך דער יידישער שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל. אויף אַ בריוו פון אונדזערן אַ מיטאַרבעטער, האָט דער פאַרוואַלטונגס־פאַרזיצער איידל אָפּגעזאָגט עפּעס צו טאָן מיטן תירוץ, אַז דער שרייבער־פאַראיין איז נישט די אינסטאַנץ, וואָס קען מיט עפּעס באַהילפיק זיין אין דעם ענין . . .

ס׳איז זייער מאָדנע וואָס אויף אונדזער ווענדונג האָבן זיך בכלל נישט אָפּגערופן פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס :

1. דער וועלט־ראַט פאַר יידישער קולטור.
2. דער יידישער פען־קלוב אין ניו־יאָרק.
3. דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס.

וועגן די איבעריקע איז שוין איבעריק צו דערמאָנען . . .

מיר זענען איבערצייגט, אַז אונדזערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס זענען, חלילה, נישט גלייכגילטיק צום טרויעריקן גורל פון אַ יידישן ליטעראַט אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פּשוט צוליב די טאָג־טעגלעכע באַמיונגען ביים שטאַרקן יידישע קולטור און ליטעראַטור, האָט מען פאַרזען אַז איינער פון אירע שעפער געפינט זיך אין אַ ביטערער און ביז גאָר געפערלעכער לאַגע. ס׳איז נישט מער ווי אַ שטאַרק פאַרדריסלעכער פאַקט.

דאַנקען מיר אייך, טייערער פריינד אָשר בלאַנק, וואָס מיט אייער אינטערעס האָט איר אונדז געגעבן די געלעגנהייט ווידער באַנייען אונדזער ווענדונג: ראַטעוועט דעם יידישן שרייבער אַהרן ראַסקין !

*

וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

פּרעסע קאָמוניקאַט

1. די שארית הפליטה־קאָנפערענץ אין ישראל

די פריינד יצחק קאַרן און סטעפאַן גראַיעק האָבן מיטגעטיילט וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ פון דער שארית הפליטה, וואָס וועט פאָרקומען אין ישראל אין דער 2טער העלפט פון חודש יוני 1981,, אין וועלכער עס וועלן זיך באַטייליקן טעלעכע טויזנט געוועזענע קאַצעטלער. אין שייכות מיט דעם איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור זאָל איינאָרדענען פאַר די דעלעגאַטן וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ, אַ ספּעציעלע ייִדישע קולטור־פאַראַנשטאַלטונג, זונטיק דעם 21טן יוני. מערערע פּרטים וועגן דעם וועלן באַצייטנס געמאָלדן ווערן.

2. ייִדן פון פּוילן זיך אָנגעשלאָסן אין וועלטראַט

די דעלעגאַציע פון די פּוילישע ייִדן צום וועלט־צוזאַמענפאָר פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען אין ירושלים, אין באַשטאַנד פון ה׳ שמעון שורמיי — דירעקטאָר פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע, ה׳ שמואל טענענבלאַט — הויפּט רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט "פאָלקס־שטימע", און ה׳ משה פינקעלשטיין — פאָרזיצער פון די ייִדישע קהילות אין פּוילן, האָבן זיך געטראָפן בעת זייער באַזוך אין לאַנד, מיט יצחק קאַרן און סטעפאַן גראַיעק, פון דער ביוראָ פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור. אויף דער באַגעגעניש האָט די דעלעגאַציע פון פּוילן מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן די זאַך באַהאַנדלט אין וואַרשע און האָבן באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור און דערבײַ אויסגעדריקט דעם ווונטש צו זײַן אַקטיוו אויף פאַרשידענע קולטור־געביטן.

נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט י. קאַרן, י. סטאָלאַרסקי, ה. אַשעראָוויטש, מ. חלמיש, ד. שטאָקפיש, אַ.אַ. ווערט איינשטימיק אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון י. קאַרן, אַז מ׳זאָל מיט צופרידנהייט אויפנעמען דעם באַשלוס פון דער דעלעגאַציע און זיי איינשליסן אין וועלטראַט.

3. סעמינאַר פאַר ייִדיש־לערער אין מכון גרינבערג

נאָך לענגערע אונטערהאַנדלונגען מיט דער לייטונג פון דערציאונגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער ייִדישער אַגענץ און לייטונג פון מכון גרינבערג, איז דעפיניטיוו דערגרייכט געוואָרן, אַז דער מכון גרינבערג וועט איינאָרדענען אַ סעמינאַר פאַר ייִדיש־לערער אין די זומער־חדשים. אין דעם ויכוח וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דעם ענין איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן

א מיינונג, אַז צוזאַמען מיט לערער פֿון חוץ לארץ זאָלן אויך לערער פֿון ישראל איינ־געשלאָסן זיין אין דער רשימה פֿון באַטייליקטע אין דעם דערגאַנצונגס־סעמינאַר.

ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין ישראל איז דרינגענדיק נויטיק צוצוגרייטן אַ צאָל לערער פֿאַר יידיש־לימודים אין לאַנד. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פֿון י. קאָרן, י. הרכבי און ח. פֿינקעלשטיין צו פֿאַרהאַנדלען מיטן מכון גרינבערג און דער לייטונג פֿון דער סוכנות, וועגן די באַדינגונגען פֿון צוגרייטן דעם דערגאַנצונגס־סעמינאַר פֿאַר יידיש־לערער.

אין יידישן ״פּען״-קלוב

מאַטעס אָליצקי, מאיר יעלין און חיים מאַלטינסקי קריגן פּרעמיעס פֿון יידישן ״פּען״-קלוב

דער יידישער ״פּען״ קלוב האָט אָנהויב יאָר 1980 געקראָגן פֿון אַ נדבן טויזנט דאָלאַר אויסצוטיילן ווי אַ פּרעמיע צו אַ מחבר פֿון אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין 1979 אָדער 1980. עס האָט אונדז געפֿרייט די שעפֿערישקייט און די מי, וואָס מחברים ווייזן אַרויס סיי אין שאַפֿן און סיי אין פּובליקירן זייערע ווערק.

די זשורי פֿון ״פּען״ קלוב האָט פֿון דער גרויסער צאָל צוגעשיקטע ביכער פּרעמירט די פֿאָלגנדע (לויטן א״ב פֿון די נעמען פֿון די מחברים):

מאַטעס אָליצקי, פֿאַר זיין בוך ״לידער פֿון פֿריער און איצטער״, אין וועלכע עס ווערן אויך אַריינגענומען 11 אָפּגעפֿונענע לידער פֿון זיין ברודער, דעם דיכטער און קדוש ברוך אָליצקי ;

מאיר יעלין (ישראל), פֿאַר זיין געטאָ־נאָוועלע ״די מיראַזשן פֿונעם אַמאָק־לויפֿער אָרסקאָר גריק״.

און דעם דיכטער **חיים מאַלטינסקי** (אויך פֿון ישראל), פֿאַר זיין בוך לידער ״פּרישע ווינטן״.

ביי דער געלעגנהייט וויל די זשורי באַדאַנקען די מחברים, וועלכע האָבן צוגעשיקט זייערע ביכער. מיר דאַנקען און שאַצן דאָס אָפּ.

די זשורי איז באַשטאַנען פֿון ש. אָפּטער, י. הירשהויט, שאול מאַלץ און ד״ר אליהו שולמאַן.

צו הילף דעם ירושלימער אַלמאַנאַך

מיר דאַנקען האַרציק די פרײַנד פון אונדזער אויסגאַבע פֿאַר זייערע באַשטײַערונגען:

1. יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, אַטראַן־צענטער פאַר יידישער קולטור, ניו־יאָרק — 150 $
2. קאָמיטעט פאַר יידיש אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) — 250 $
באַזונדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט:
3. י. ב. זאַלצבערג — 50 $
4. ש. ליפשיץ — 50 $
5. יוסף סילווער — 20 $
6. אַהרן פײַנער — 10 $
7. חיים בערניקער — 10 $
8. אַברהם קאַץ — 10 $
9. אַהרן גרין — 10 $
10. אַלעקס ראַבין (לאָס־אַנגעלעס) — 100 $
11. שרה און משה פרידמאַן (דעטרויט) — 100 $
12. יידישער קולטור־קלוב פון לאָס־אַנגעלעס — 50 $
13. בנימין ווײַסמאַן, מעלבורן (אויסטראַליע) — 50 $
14. טשאַרלס אײַזען, מעלבורן (אויסטראַליע) — 92 $

אין לאַנד

1. מיט גרויס פרייד מעלדן מיר אונדזערע לייענער אַז דער וועלטראַט פאַר יידישער שפּראַך און קולטור אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ יצחק קאָרן, האָט אײַנגעשלאָסן אין זײַן פאַרצווײַגטער טעטיקייט אויך אונדזער ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ און סובסידירט פאַר דעם דאָזיקן נומער — 2.500 שקלים
2. דער באַוווסטער כלל־טוער ש. שלעסער (תל־אביב) — איבערגעגעבן דורך פריינד ז. אַפּפל פון קיבוץ ״כפר מנחם״ — 3.000 שקלים
3. דער כלל־טוער יוסף בערמאַן (מאַיאַמי) — 350 שקלים
4. אונדזערע טײַערע לייענער און פרײַנד:
פרוי רחל שמעלצינגער (קיראון) — 100 שקלים
שלום סודיט (נהריה) — 30 שקלים
רפאל אולאַנאָווסקי (רמת גן) — 20 שקלים
חיים פּאָסלושני (רמת גן) — 20 שקלים

מיר דריקן אויס דעם גרעסטן דאַנק דעם מרכז הקליטה (אַבּסאָרבציע־מיניס־טעריום) פאַר דער ממשותדיקער הילף בײַם פאַרשפּרייטן 200 עקזעמפּליאַרן אין איבער 60 ביבליאָטעקן פון לאַנד.

אַ באַזונדערן דאַנק אַלע אונדזערע פרײַנד, וועלכע פאַרשפּרייטן מיט גרויס טרײַשאַפט און ליבע דעם "ירושלימער אַלמאַנאַך":

אין **אויסטראַליע**: די קולטור־טוער טשאַרלז אײַזען, בנימין ווײַסמאַן, אברהם זשעלעזניקאָוו; די שרײַבער מ. אײַזענבוד, שבע גלאָס־ווינער; ד׳ גרויסע יידישע אַרטיסטין רחל האָלצער און יהודית וואַרשאַווסקי — סעקרעטאַר פון קולטור־קלוב "קדימה".

אין **די פאַראייניקטע שטאַטן**: דעם "ציקאָ"־פאַרלאַג און ביכער־צענטראַלע (י. גוטקאָוויטש); שרה און משה פרידמאַן (דעטרויט), פרוי רבקה און פּראָפ׳ יעקב טאַלפּין (ברוקלין).

אין **קאַנאַדע**: פרוי מאַניע ליפשיץ און ש. ליפשיץ (טאָראָנטאָ).

בײַם שליסן דעם נומער 12 פון אונדזער אויסגאַבע איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן פּלוצעמדיקן טויט פון אונדזער פרײַנד פון לאָס־אַנדזשעלעס — דעם אָנגעזעענעם קולטור־עסקן און קולטור־בויער

אַלעקס ראַבין ז״ל

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל זײַן פאַריתומטער משפחה און דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס.

רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"